STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06508

SEFER EMUNAH SHELEMAH

A. J. Gottesman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בעזה"ש

ספר

אמונה שלימה

אויף אידיש

אן ערקלעהרונג אויף די י"ג אני מאמין'ס

וועלכע זיינען די הויפט „יסודות התורה", און די עקרים פון דעם אידישען גלויבען, אזוי ווי זיי זיינען מסודר און צוזאמען געשטעלט פון דעם גרויסען חכם ושר התורה, **רבינו הקדוש הרמב"ם** ז"ל, און אויך פעסט געשטעלט פון אנדערע גאונים וחכמי הדורות, וועלכע זיי בלייבען אין דעם זעלבען סדר, אהן קיין שום ענדערונג, לדור ודור ולנצח נצחים.

פערפאסט פון דעם זעלבען מחבר **אמונה שלימה** אויף לשון הקודש, מיט פיעלע הסכמות פון גדולי הדור, בשנת ת"ש. וואס איז גוט בעקאנט צו פיעלע רבנים ואנשי מדע.

מאת אדמו"ר הרב

אברהם יוסף יוסקא גאטטעסמאן שליט"א

מ'אוזיראן ומ'יאסי.

בן הרה"צ מפורסם מוה"ר **מאיר הלוי** זצ"ל מ'יאסי. בנו של אותו צדיק הרהגה"ק מופת הדור מוה"ר **אהרן ארי'** זצ"ל מלאשקאוויטץ. ונכד להני אשלי רברבי הרהצה"ק **ר' מאיר מפרימישלאן**, **והמגיד הקדוש מזלאטשוב**, **והגה"ק מזבריזש**, והנשר הגדול **הבעש"ט**, והשר התורה **התוס' יום טוב**, זכר כולם לברכה.

חונה פה ברוקלין, נ. י.

שנת תש"ה לפ"ק

נאָכדרוק פערבאָטען הן עפ״י התורה
ועפ״י נימוסי המדינה.

מדינעשטער פּאָבלישינג קאָמפּ.
211 איסט בראָדוויי
ניו יארק, נ. י.

אדרעס פון מחבר:

RABBI A. J. GOTTESMAN
91 HART STREET
Brooklyn, N. Y.

ציון לנפש חיה

לזכר נשמת זוגתו הרבנית הצדקת ומוחכמת הצנועה והחסידה, אשה יראת ה׳ היא תתהלל

מרת **פיגא** ע״ה

בת הרב הגאון החסיד בנש״ק מו״ה פינחס זצ״ל רב ב׳אקנא. ונכדת הרב הגאון בנש״ק מו״ה אורי זצ״ל מפודילאי. ולמעלה בקודש הני אשלי רברבי הרהצה״ק איש אלקים מו״ה **אורי** זצ״ל מ׳סטרעליסק הנקרא **השרף**, והרהצה״ק איש אלקים רשכבה״ג מו״ה **יעקב יצחק** זצ״ל הנקרא **החוזה מלובלין**, זי״ע.

ה״ל ד׳ מרחשון תש״ה ונפטרה

בשם טוב.

תנצב״ה. ומנוחה נכונה.



הנותן תשועה למלכים הוא יברך וירומם וינשא את נשיאנו הגדול והנכבד הפרעזידענט **הערי טרומאן**, וכל שרי המדינה ושרי הצבא, ולכל אשר יפנו יצליחו.

ווי ס׳ווערד קריטיקירט אין דעם ספר די עולה פון אייניגע אידישע קינדער וואָס ווילען זיך אַסימילירען און צו־שמייכלען צו פרעמדע גלויבענס, דאָס איז נאָר פּאַר אידען גערעדט. אָבער אומגעגענטהייל די נישט אידען דאַרפען זיך האַלטען ביי זייער גלויבען אַזוי ווי זיי זיינען איבערגעגעבען פון זייערע עלטערען. און מיר רעספּעקטירען זיי פּאַר זייער אָפּהיטען זייער גלויבען, ווי דער נביא מיכה האָט געזאָגט „כי כל העמים ילכו איש בשם אלהיו״. אַ יעדעס פאָלק זאָלען געהן אין נאָמען פון זייער גלויבען, אָבער „ואנחנו נלך בשם אלהינו לעולם ועד״. מיר אידען דאַרפען און מוזען געהן אין נאָמען פון אונזער גאָט און אונזער גלויבען ביז אייביג, אָהן וועלכעס ענדערונג. נאָר ווי דער תלמוד און שלחן ערוך לערענט אונז.

אמונה שלימה

הקדמה

א) **די י"ג „אני מאמין'ס"** זיינען גוט בעקאַנט צו די וואָס זאָגען דאָס יעדען טאָג נאָכ'ן דאַווענען, אָבער ס'איז נאָך ווינציג דאָס זאָגען, ווי נאָר דאָס צו פאַרשטעהן, און צו גלויבען אין דעם.

אַזוי ווי זקני הרה"ק ר' מיכלי זלאָטשובער מגיד זצ"ל האָט געזאָגט צו איינעם, ווען ער האָט שבועות ביי נאַכט געזאָגט תיקון שבועות מיט די תרי"ג מצות: אַז די **תרי"ג מצות** זיינען נישט געגעבען געוואָרען בלויז זיי צו זאָגען, נאָר טאַקע מקיים זיין. דאָס זעלבע איז אויך מיט די „אני מאמין'ס", אַז ס'איז נאָך ווינציג זיי צו זאָגען נאָר טאַקע צו גלויבען אין זיי. און די חז"ל האָבען געזאָגט: בזכות אמונה נגאלו ממצרים. אַזוי אויך וועלען זיי זוכה זיין צו דער גאולה שלימה אכי"ר.

ב) די י"ג „אני מאמין'ס", און דער שיר „יגדל" האָבען דאָס זעלבע בעדייטונג, צו גלויבען אין די „י"ג עקרי הדת ויסודי התורה". און דאָס איז געווי און גרינדליך אַרויסגענומען פון דער תורה ונביאים און חז"ל, וועלכע זיינען אַלע ריכטיג און אמת ויציב, אָהן אַ שום ספק, און דאָס אַלעס מוז אַ יעדער וויסען, און גלויבען. און דאָס ספר ווארפט אַ ליכט אויף די אַלע שטעלען און מקורות, פון וואַנען דאָס איז אַרויסגענומען. ווייל דאָס איז נישט קיינע אויסגעטראַכטע זאַכען אַזוי ווי אַנדערע גלויבענס. נאָר אַלעס האָט אַ מקור פון דער תורה און נביאים וכתובים, און חז"ל. און ס'איז ניטאָ מעהר צו צווייפלען דאריבער.

ג) השי"ת האָט געהייסען נעמען צום משכן די דריי מינים מעטאַלען, זהב, וכסף, ונחשת, גאָלד, זילבער, און קופער. דאָס איז אַ סימבאָל אויף די דריי מינים אידען. גאָלד איז אימער ריין. דאָס

אמונה הקדמה שלימה

איז דער איד וואָס איז תמיד עהרליך און כשר, וואו ער זאָל זיך נישט געפינען אפילו צווישען שלעכטע חברים, ווערד ער נישט פערדאָרבען, און האַלט זיך פעסט ביים אידישקייט אַזוי ווי יוסף הצדיק אין מצרים. זילבער, איז אויך אַ טייער מעטאַל, אָבער ווען ס'ליגט אויף אַ פאכט פלאַטץ ווערד דאָס בלאַקירט און מ'דאַרף דאָס שוין אָפּרייבען. דאָך קומט דאָס אַרוים צוריק שעהן. דאָס איז דער מיטעלער איד, אַז ער איז צווישען כשר'ע מענשען ווערד ער נישט קאַלע, און האַלט זיך ביים אידישקייט. אָבער אַז ער געפינט זיך צווישען שלעכטע חברים ווערד ער גלייך מיט זיי. נאָר ס'איז נאָך דאָ אַ תקנה. אַז מ'זאָגט איהם מוסר ווערד ער צוריק אַזוי ווי ער איז געוועזען. און אַמאָל נאָך בעסער. „במקום שבעלי תשובה עומדין צדיקים גמורין אינם עומדין". — אַזוי ווי זילבער, אַז מ'פוצט דאָס אָפּ, ווערד דאָס נאָך שעהנער ווי בעפאָר. נחשת, קופּער, דאָס איז דער פּראָסטער מענש. אַז ער פאַלט אַריין צווישען שלעכטע חברים, ווערד ער פאַרזשאַווערט, און ס'איז שוין שווער איהם ריין צומאַכען. נאָר דורך שווערע מיה, אולי יש תקוה. און דאָס איז גורם דורך דעם וואָס ער איז „מקטני אמנה". אָבער די אמת'ע מאמינים זיי בלייבען תמיד ביים ריכטיגען אידישקייט.

ד) מאַנכע מענשען האָבען אַ טענה וואָרום די רעליגיעזע אידען ווילען נישט מאַכען שלום מיט די פרייע? שטייטש אַחדות איז דאָך וויכטיג?

דער ענטפער איז מיט דעם מדרש אויף די פיער מינים שבלולב. דער „אתרוג" איז געגען דעם „תלמיד חכם" וואָס איז מקיים די תורה און מצות און מעשים טובים. ווי דער אתרוג וואָס האָט אַ טעם און אַ ריח. דער „לולב" איז גלייך צו דעם „קענער", אָבער ער איז נישט מקיים די מצות, ווי דער לולב און זיינע תמרים, וואָס האָבען אַ טעם אָבער נישט קיין ריח. דער „הדס" האָט אַ ריח אָבער נישט קיין טעם, דאָס איז דער איד וואָס טהוט

מעשים טובים. אָבער האָט ניט קיין תורה. די „ערבה" איז אַ אילן סרק. קיין טעם און קיין ריח. האָט די תורה געהייסען זיי אַללע צוזאַמען בינדען און מאַכען אַן אגודה אחת. ווען זיי מגין זיין איינער אויף דעם צווייטען. איז אָבער צו בעמערקען אַז די דריי מינים שבלולב דאַרף מען צוזאַמען בינדען, אָבער נישט דעם אתרוג, ער דאַרף טאַקע זיין מחובר צו זיי אָבער עקסטער, ער דאַרף דיקטירען וואָס צו טהון, אָבער נישט ווערען געפיהרט פון זיי. ווי ס'שטעהט „אוי לו לדור ששופטים את שופטיהם". נאָך מעהר, די תורה הייסט נישט אריין מישען „חוחים וקוצים" אין איין בונד מיט דעם לולב און זיינע חברים. דאָס נישט, נאָר כשר'ע אידען, נישט קיינע פערדאָרבענע. צווישען די י"א סימני הקטורת איז דאָ אויך אַ חלבנה. אָבער ער דאַרף זיך קענען אַז ער איז חלבנה, און נישט זיין קיין פיהרער. איך זאָג נישט אַז אידען זיינען אַ מין קוצים אָדער חלבנה. נאָר אונטער אַ גרופּע מענשען איז דאָ פערשידענע וואָס זיי זיינען נישט „מלאים מצות כרמון", און נאָך דערצו אַז זיי זאָלען זיין „פיהרערס", דאָס נישט! און מיר ווילען האָפען אַז בקרוב וועט מקויים ווערען „וידעו תועי רוח בינה", „ומלאה הארץ דעה את ה'", און פון דער „ערבה" וועט ווערען אַ „הושענא רבה".

ה) איינינע מענשען דענקען אַז „גלויבען" מיינט „נישט וויסען", דאָס הייסט אַז ער איז אין ספק צו איז דאָס אמת אָדער נישט, און אייגענטליך איז דאָס וואָרט אַ דייטשער אויסדרוק. ווען ער צווייפעלט איבער אַ זאַך זאָגט ער „איך גלויב" אַז ס'וועט יא רעגענען אָדער שנעהען אָדער נישט, און מיר זאָגען „איך דענק" אַז ס'וועט זיין אַזוי אָדער אַזוי. אָבער דאָס האָט נישט דאָס בעדייטונג פון „גלויבען" וואָס מיר רעדען יעצט, און אויב זיי ווילען בענוצען דעם אויסדרוק אויך אויף דעם ריכטיגען וואָרט „גלויבען" קאָנען זיי דאָס טהון אויף „זייער גלויבען", ווייל זיי זיינען דאָך אין דעם גלויבען תמיד אין ספק, ווייל ס'איז נישט איבערציינגט, און דאפיר מעג דאָס הייסען „נישט וויסען", ווייל

אמונה הקדמה שלימה

ס'איז דאָך ניטאָ וואָס צו ווּיסען, אָבער „לא כאלה חלק יעקב". **דאָס אידישע גלויבען** איז דאָך נישט אויסגעטראַכט פון מענשען, דאָס אידישע רעליגיע איז דאָך **תורה מן השמים**, געגעבען געוואָרען דורך משה רבינו און בעשטעטיגט פון **48** נביאים און **7** נביאות. און קיינער פון זיי האָט נישט געצווייפעלט אין דעם ריכיגקייט פון תורת משה. אַז די גאַנצע תורה פון „בראשית" ביז ענדע, איז דאָס אָריגינאַל, און דיקטירט פון השי"ת אַליין צו משה רבינו וואָרט ביי וואָרט, לא הוסיפו ולא גרעו אפילו קוצו של יו"ד. דאפיר איז דאָס אידישע גלויבען „יאָ ווּיסען".

ו) און חאָטש די תורה איז דאָך געגעבען געוואָרען דורך משה רבינו. מיינט דאָס נישט אַז פון איהם האָט זיך אָנגעהויבען דאָס גלויבען. נישט אַזוי! דאָס אידישע גלויבען איז נאָך פון די אבות „אברהם יצחק ויעקב", און פון נח'ן, און פון אדם הראשון. דאָס הייסט אַז זייט די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען איז אויך דאָס אמת'ע גלויבען בעשאַפען געוואָרען. נאָר ס'איז נישט געוועזען בעוואוסט צו אַלע מענשען נאָר צו געקליבענע. ברש"י, שלמד נח תורה. וקיים אברהם אבינו כל התורה עד שלא נתנה. און די ז' מצות בני נח, דאָס איז אַלעס פון השי"ת. נאָר דורך משה'ן איז געגעבען געוואָרען די גאַנצע תורה מיט די תרי"ג מצות, און ס'איז געוואָרען אַ אידישע רעליגיע לדור ודור ולנצח נצחים.

ז) און נישט אומזיסט האָבען זיך די אידען תמיד מוסר נפש געוועזען פאַר זייער אמונה. ווייל ס'איז ניטאָ נאָך אַזאַ זאַך ווי דאָס אידישע גלויבען. ווייל דער זעלבער גאָט וואָס האָט בעשאַפען די וועלט, די מענשען, דער זעלבער האָט אונז געגעבען די **תורה מן השמים**, וואָס קיינער קאָן נישט נאָך מאַכען אפילו איין פרשה, איין וואָרט, איין אות, מן השמים. און אויב ס'האָבען זיך געפונען פערשידענע גלויבענס אונטער פערשידענע פעלקער, איז דאָס אַלץ געוועזען אויסגעטראַכט פון מענשען, אָבער תורה מן השמים, דאָס נישט! אין גם אחד מהם, אפילו איין וואָרט קאָנען זיי נישט ברענגען מן השמים. אשריך ישראל.

ח) אָבער אויב ס׳געפינען זיך צווישען אידען „מקטני אמנה״ אָדער וואָס זיי גלויבען גאָר נישט, איז דאָס דורך „ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם״, זיי דענקען אַז דאָס אידישע גלויבען איז בלויז פון מענשען אויסגעטראַכט געוואָרען גלייך ווי אַנדערע גלויבענס. אָבער „לו חכמו ישכילו זאת״, זאָלען זיי זיך צוקוקען צו דער תורה וועלען זיי שוין זעהן דעם חילוק, און וועלען דער־קענען דאָס וויכטיגקייט פון דער אידישער אמונה, און ס׳וועט זיי אויך ברענגען ללמוד לשמור ולעשות די מצות, ווי דאַוונען, ק״ש, ציצית, תפילין, כשרות, שבת, טהרת המשפחה, א.ד.ג.

ט) אָבער ווי אַזוי קאָנען די „נישט גלויבערס״ ווערען „יאָ גלויבערס״, און ס׳זאָל ביי זיי זיין „יאָ וויסען״? וועל געבען אַ משל: איינער האָט אַ „באַנק הויז״, ער הייסט „אברהם״, און ס׳קומט צו איהם איינער „יצחק״, און לייגט אַריין טויזענט דאָלאַר, און נעמט אַרויס אַ באַנק ביכעל. זיי ביידע ווייסען ריכטיג פון דעם געלד. דאַן קומט איינער, וואָס הייסט „יעקב״ און ער הערט פון דעם. גלויבט ער אויך, ווייל „יעקב איש תם״, און זיינע עלטערען נאַרען איהם נישט אָפּ. דאָך „אינו דומה שמיעה לראיה״. אָבער אַזוי ווי מ׳צייגט איהם דאָס באַנק ביכעל. ווייסט ער שוין זיכער. און דאָס גלויבען איז שוין ביי איהם „יאָ וויסען״. דאַן קומען יעקב׳ס קינדער, זיי גלויבען דעם פאָטער, ווייל ס׳שטעהט דאָך „תתן אמת ליעקב״, אָבער זיינען נישט זיכער, און זיינען „מאמינים ואינם מאמינים״, ביז מ׳צייגט זיי דאָס ביכעל. דאַמאָלס איז שוין ביי זיי אויך זיכער, און דאָס גלויבען ווערד אַ „יאָ וויסען״. אָבער דאָס איז גערעדט מיט יעקב׳ס קינדער. אָבער ניט מיט עשו׳ן און זיינע קינדער, דען עשו האָט דאָך געזאָגט „הכי קרא שמו יעקב ויעקבני״, און זיי ווילען גאָר נישט הערען און זעהן דאָס באַנק ביכעל און ווילען נישט גלויבען אין דער אידישער אמונה. נאָר זיי מאַכען זיך אַן אייגענעם גלויבען, אלהים מקרוב באו, לא שערום אבותיהם, און אַזוי געבען זיי איבער זייערע קינדער זייער

גלויבען, בלייבט ביי זיי דאָס גלויבען „נישט וויסען״, ווייל ס׳איז דאָך ניטאָ וואָס צו וויסען. און אַז איינינגע אידישע קינדער וואָס ווערען ערצויגען אויף דעם גוי׳שען גייסט, איז שוין קיין חידוש נישט וואָס ער איז פרעמד פון דער **אידישער אמונה.** אָבער ווען ער זאָל זיך וועלען איבערצייגען דעם אמת׳ן גלויבען, וועט ער זיך גרינג ערקונדיקען ביי דער תורה און ביי די שומרי התורה והמצות.

י) און אַז השי״ת האָט געוואָלט געבען די תורה, האָט ער זיך בעפאָר געווענדעט צו די „בני עשו״ און „בני ישמעאל״. אָבער זיי האָבען נישט געוואָלט מקבל זיין. אָבער די אידען האָבען באַלד געזאָגט „נעשה ונשמע״, פשוט ווייל זיי האָבען שוין גע־וואוסט פון „אמונת השם״ און „משה רבינו״, און האָבען גענומען די **תורה מן השמים** דורך משה רבינו, און האָבען אַלע געהערט דאָס קול אלהים חיים מדבר מתוך האש: **אנכי ד׳ אלהיך,** און **לא יהיה לך א״א,** און אַזוי איז איבער געגאַנגען די תורה צו די זקנים ונביאים און צו אַלע דורות ביז צום דור האחרון. איז שוין דאָס אידישע גלויבען נישט מעהר קיין צווייפעלהאַפט נאָר „יאָ וויסען״.

יא) דאָס חשיבות פון אונזער גלויבען איז נישט דערפאַר ווייל ס׳איז דאָס עלטעסטע ווי מאַנכע דענקען, דען ס׳איז דאָך געווען פאַר מתן תורה פיעלע גלויבענס ווי תועבת מצרים, די ז׳ אומות, און נאָך אַנדערע ע״ז, וואָס ס׳איז דערמאָנט אין דער תורה. אָבער וואו זיינען זיי? ס׳איז נישט געבליבען אַ שריד ופליט. און להבדיל דאָס אידישע גלויבען איז געבליבען, ווייל ס׳איז דאָס איינציגע אמת׳ע גלויבען פון אַלע דורות, און ס׳וועט בלייבען אויף אייביג. קיינער קאָן דאָס נישט פערניכטען, און דאָס איז די אורזאַכע פונ׳ם חשיבות פון דעם אידישען גלויבען. ווייל אַלע וויסען דעם חילוק און דעם הבדל בין אמונת ישראל לבין שאר אמונות.

יב) און ס'איז נאך א גליק וואס די תורה איז געגעבען געווארען צו די אידען און נישט צו די „בני עשו וישמעאל". ווייל ווען ס'זאל זיין פערקעהרט, אז זיי זאלען געוועזען מקבל זיין די תורה און נישט די אידען, וואס פאר א פנים וואלטען מיר געהאט ביי זיי אין די אויגען? זיי וואלטען געוועזען די אידען גע'רודפ'ט און געהאסט עד חרמה. מיר וואלטען נישט געפונען א פלאטץ וואו די פיס אנידער צו שטעלען, כי היינו לעג וקלס בגוים, מאי דאך היינט וואס מיר האבען זוכה געוועזען צום בעסטען גלויבען, זיינען מיר גע'רודפ'ט פון די שונאים בכל דור ודור. ובפרט ווען מיר זאלען נאך האבען תרח'ס גלויבען, ווי אויף צרות וואלט געוועזען א ישיבה בחור ווען ער זאל דארפען פרעגען א שטיקעל גמרא דעם גלח אדער א הארבע שאלה פרעגען דעם אבי אבות... זיי וואלטען געקריצט מיט די צייהן. היתכן פארפלוכטע אידען ווארום האט איהר נישט געוואלט מקבל זיין די תורה גלייך מיט אונז. ווארום האט איהר גענומען דינען פרעמדע אפגעטער וואס זיי זעהען נישט און הערען נישט, א.ד.ג. און נישט דעם אמת'ן גאט מיט זיין אמת'ער תורה. איהר זייט דאס ארגסטע דאס נארישסטע פאלק פון אלע פעלקער א.ד.ג. ווי אזוי וואלטען מיר אויסגעזעהן?

אבער צום שלים-מזל דארפען אויך מזל האבען, און מיר האבען זוכה געוועזען צו אזא גרויסע תורה, אזעלכע גרויסע נביאים, און חז"ל, על אחת כמה וכמה דארפען מיר זאגען „אשריך ישראל מי כמוך, עם נושע בה'", מיר ווערען געהאלפען מיט גאט, דאס הייסט, אז מיר האלטען זיך מיט דער תורה, און אמונה, וואס איז פון השי"ת, און מיט שמחה מאכען מיר די ברכת התורה: „אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו", „אשר נתן לנו תורת אמת, וחיי עולם" וכו'.

יג) אזוי ווי ס'איז אוממעגליך צו לעבען אהן א קאפ, אהן א הארץ, א לונג, לעבער, גאלל, א.ד.ג. אזוי איז אוממעגליך פאר א איד צו זיין אהן דער אידישער אמונה, אהן תורה ומצות. דאס

איז אַ מין „פסיק רישי' ולא ימות". אַ גוף אָהן אַ נשמה. דאָס איז נישט צוויי זאַכען וואָס מ'קאָן זיי אָפּטהיילען איינס פון דעם אַנדערן. אַזוי איז אַ איד אָהן תורה ומצות, אָהן דעם אידישען גלויבען. זיי זיינעןביידע איין זאַך וואָס מ'קאָן זיי נישט צו טהיילען. און אויב ס'געפינען זיך אַזעלכע וואָס לעבען אָהן אידישקייט, זיינען זיי ליידער אַזוי פערגרעבט, און מאָראַליש קראַנק אַזוי ווי דער פויער וואָס זאָגט: ער דאַרף נישט קיין נשמה, קיין לונג, קיין לעבער, אַבי ער זאָל זיין געזונד, מעהר דאַרף ער נישט. דאָס זיינען די אַסימילירטע און רעפאָרמער וואָס קאָנען זיך בעגעהן אָהן אידישע רעליגיע. אַבער „אין לך דבר שעומד מפני התשובה". אפשר וועט ער זיך נאָך צוריק אומקערען צום דרך היהדות, ולא ידח ממנו נדח.

יד) די תורה ענטהאַלט תרי"ג מצות, 613. רמ"ח 248 מצות עשה, וואָס מ'דאַרף טהון, און שס"ה 365, לא תעשה, וואָס מ'טאָר נישט טהון. די מ"ע זיינען צום ביישפּיל, דאַווענען, ק"ש, ציצית, תפילין, תלמוד תורה, מזוזה, מצה, סוכה, ברכת המזון, צדקה, א.ד.ג. די ל"ת זיינען צב"ש, לא תרצח, לא תנאף, לא תגנוב, נישט מחלל שבת זיין, נישט עסען קיין טריפות, קיין בשר בחלב, חמץ בפסח, א.ד.ג. און ס'איז נישט געשטעלט פאַר יעדען מקיים צו זיין אַלע מצות, ווייל ס'זיינען פאַראַנען פיעל מצות וואָס זיי באַלאַנגען נאָר צום „בית המקדש", צו די „כהנים", צו „ארץ ישראל", און צו געקליבענע מענשען, ווי צב"ש „פדיון הבן", שחיטה, כיסוי הדם, ברכת כהנים, מצות מעקה, א.ד.ג. הכלל, פאַר יעדען איד קאָן אויסקומען אַן ערך פון אַ הונדערט מצות. און ס'איז גרינג זיי מקיים צו זיין. ווען ער האָט נאָר דעם גוטען רצון. (ס'איז אַ גרויסע בושה פאַר די אידען וואָס זיינען געוואָרען „בר מצוה", און באַלד אויפגעהערט צו דאַווענען, צו לייגען תפילין, פע! אוי לאותה בושה).

טו) צוריק לאותו ענין. די גמרא זאָגט, אַז די רמ"ח מצות עשה זיינען אַקעגען די רמ"ח אברים. און די שס"ה ל"ת זיינען

געגען די 365 טעג פונ'ם יאָהר, אָדער די שס"ה גידים. און יעדע מצוה איז מגין אויף אַ אבר און אויף אַ גיד, און אויף אַ טאָג פונ'ם יאָהר. אפילו די מצות וואָס מ'קאן זיי נישט מקיים זיין בזמן הזה. דאָך גיבען זיי אריין אַ חיות, אי צום גוף אי צו דער נשמה, וואָס האָט אויך רמ"ח אברים רוחניות. און לויט די משנה רעכענט אוים די רמ"ח אברים, זיינען נאָר די ביינער אויסגערעכענט, אָבער נישט די אינערליכע אברים, ווי דאָס הארץ, לונג, לעבער, גאַל, א. ד. ג. איז דאָך אַ פראַגע, למה יגרעו? זיינען זיי דען נישט אַזוי וויכטיג ווי די ביינער אויב נישט מעהר. (זעה יורה דעה הל' טריפות, אַז אין זיי איז מעהר אָפּהענגיג דאָס לעבען, און געזונד, ווי אין די ביינער). און אויב אַזוי וואָרום זאָלען די ביינער יאָ זיין בע־שיצט מיט אַ מצוה, און דאָס הארץ, און לונג, און די אַנדערע אינערליכע אברים נישט? (עיין מהרש"א גמ' מכות בענין תרי"ג מצות ורמ"ח אברים וחושב שם גם הלב נגד מצות „אנכי ה'", אבל לפי המשנה שלא נחשבו רק העצמות א"כ אין הלב בכלל זה, וצ"ע ויש ליישב).

טז) איך וויל דאָס פערענטפערען מיט אַ שטיקעל רש"י פון בראשית, לא הי' צריך להתחיל את התורה אלא מהחדש הזה. די תורה וואָלט זיך געדאַרפט אָנהויבען פון „החדש הזה", ווייל דאָס איז דאָך די ערשטע מצוה, ולמה פתח מבראשית? משום כח מעשיו וכו'. דאָס מיינט, ווייל דער עיקר תורה איז דאָך די מצות, דאַרף מען אָנהויבען פון דער ערשטער מצוה. אָבער ס'איז נאָך נישט פאַרענטפערט די קשיא. ווייל פון „החדש הזה" ביז ענדע איז דאָך דאָ פיעל פרשיות וואָס זיינען אויך נישט קיין מצות, און דאָך שטעהען זיי? ווי די שירה, ברכות, קללות, סיפורים, תוכחות, מוסר, א. ד. ג. נאָר באמת זיינען די אַלע זאַכען אַזוי וויכטיג ווי די מצות, און אויך גאַנץ בראשית ביז החדש הזה, זיי זיינען טאַקע נישט קיין מצות אָבער זיי ווירקען און גיבען אריין אַ חיות צו די מצות, פונקט אַזוי ווי דאָס הארץ, די לונג, א. ז. וו. האָטשע זיי זיינען נישט אריינגערעכענט צווישען די רמ"ח אברים, דאָך ווירקען

זיי צום גאַנצען גוף, אַזוי אויך דאָס ספר בראשית מיט די סיפורים גיבען אַריין אַ חיות צו אַלע מצות. און דאָס זעלבע דער מוסר, און ברכות, און אַז איהר וועט זאָגען צו וואָס טויגען די קללות די תוכחה, וואָס פאַר אַ חיות גיבען זיי? זאָלט איהר זעהן ווי די „גאַל" איז דאָך אַ ביטער אבר. און דאָך מאַכט דאָס זיס די לעבער און גיט אַריין אַ כח צום גאַנצען גוף. (זעה ביורה דעה הל' טריפות ניקבה המרה או חסרה, איז טריפה, אַז די גאַל איז געלעכערט אָדער זי פעהלט, איז דאָס טריפה. ווייל מ'קאָן נישט לעבען אָהן אַ גאַל, און דאָס זעלבע איז מיט דער תוכחה, זי גיט אַריין אַ חיות צו דער תורה און צו דעם אידישען פאָלק. אַזוי ווי די גמרא זאָגט מה מלח ממתקת הבשר אף יסורין ממרקין כל עונותיו של אדם. חאָטש, זאַלץ אַליין טויג נישט, אָבער ס'גיט אַריין אַ געשמאַק צום פלייש, נאָר מיר האָבען שוין געהאַט גענוג קללות. און פון יעצט אָן מעג שוין מקויים ווערען „ויהפוך ה' אלהיך לך את הקללה לברכה", און די קללות זאָלען שוין פאַלען על ראשי הרשעים די כלבים היטלער'ס חברים און תלמידים, און אַזוי ווי ער האָט געהאַט די מפלה כן יאבדו כל אויבינו ואויבי ה' יכלו. ס'זאָל נישט בלייבען קיין שריד ופליט. און ס'איז דאַ אַ סברא אַז חסרה המרה איז כשר, חאָטש מיר זיינען מחמיר אַז ס'איז טריפה, אָבער ביי דער תוכחה זיינען מיר זיך סומך אויף די מכשירים).

יז) און דאָס זעלבע איז מיט די י"ג „אני מאמין'ס", חאָטש זיי זיינען נישט אַריינגערעכענט צווישען די תרי"ג מצות, אויסער אייניגע פון זיי וואָס זיינען מצות מחשביות, ווי „אנכי ה'", „לא יהיה לך א"א", און „אחדות", און „לו לבדו להתפלל", „ולא לזולתו", אָבער די איבעריגע זיינען גאָר נישט פון די תרי"ג מצות, דאָך זיינען זיי נויטיג און זיי גיבען אַריין אַ חיות צו דער גאַנצער תורה און אמונה. אַז מ'זאָגט ק"ש, דאַווענען, ציצית, תפילין, ברכת המזון, א. ד. ג. אָהן אמונה, איז דאָס אַלעס כגוף בלי נשמה. און איך בין נישט חושד קיין איד אַז ער איז ח"ו נישט קיין מאמין, דען זיי זיינען מאמינים בני מאמינים, און מיר האָפען אַז בקרוב וועלען מיר זוכה זיין צו דער גאולה שלימה בזכות אמונה.

יח) דער של"ה הקדוש זצ"ל שרייבט אויף דעם פירוש פון „יגדל".

די עיקרי הדת זיינען 13, אַזוי ווי דער רמב"ם רעכענט זיי אוים בפ' חלק:

א) **מציאות השם.** דאָס הייסט אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט.

ב) **אחדותו.** ער איז אַ איין איינציגער. (אָהן שותפים).

ג) **הרחקת הגשמיות.** ער איז נישט קיין קערפּער.

ד) **שהוא קדמון.** ער איז דער ערשטער, און בעפאָר אַלעס.

ה) **שלו לבדו ראוי לעבוד ולא לזולתו.** מ'דאַרף נאָר צו איהם דינען, אָבער נישט צו קיין אַנדער בעשעפעניש אפילו אַ מלאך. (ובפרט צו דער ליגנערישע ע"ז).

ו) **הנבואה.** ס'איז דאָ אַ מדרגה וואָס גאָט רעדט מיט אַ מענש, וועלכער איז ראוי דאצו. דאָס הייסט נבואה.

ז) **נבואת משה רבינו.** אַז משה רבינו איז דער גרעס-טער פון אַלע נביאים.

ח) **תורה מן השמים.** אַז אונזער תורה איז מן השמים, דאָס הייסט פון השי"ת.

ט) **שלא תשתנה.** אונזער תורה איז נישט געענדערט, און וועט נישט ווערען געענדערט.

אמונה הקדמה שלימה

י) **ידיעת השם.** אז השי"ת ווייסט אַלעס וואָס דער מענש טהוט.

יא) **שכר ועונש.** השי"ת באַצאָהלט גוטס פאַר גוטס, און שלעכטס פאַר שלעכטס. ד. ה. מעשים טובים, און מעשים רעים.

יב) **משיח.** משיח וועט קומען, און מיר האָפען אויף איהם.

יג) **תחיית המתים.** די מתים וועלען לעבעדיג ווערען ווען די צייט וועט קומען.

לישועתך קויתי ה'. — איך האָף צו גאָט'ס הילף.

אמונה שלימה

עיקר א

אני מאמין באמונה שלמה שהבורא יתברך שמו הוא בורא ומנהיג לכל הברואים, והוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים.

איך גלויב באמונה שלמה, אז השי"ת איז דער בעשעפער און פיהרער איבער אלע בעשעפעניש, און ער אליין האָט געמאכט, און מאכט, און וועט מאכען אלעס פון דער וועלט.

(בזוהר שמות כ"ה) ולקחתי אתכם לי לעם והייתי לכם לאלקים. וידעתם כי אני ה' אלקיכם המוציא אתכם מתחת סבלות מצרים. דאָס הייסט, איך וועל אייך נעמען צו מיר פאַר אַ פאָלק, און איהר זאָלט וויסען אַז איך בין אייער גאָט וואָס ציה אייך (אָדער וואָס האָב אייך אויסגעצויגען) פון מצרים, (ברכות ל"ח). פקודא דא קדמאה דכל פקודין למנדע לקב"ה בכללא. למנדע דאית שליטא עלאה דאיהו רבון עלמין כלהו, שמיא וארעא וכל חיליהון, למינדע דאית שליט ודיין על עלמא. וכו'. ד"ה, די ערשטע מצוה, איז, צו וויסען אַז ס'איז דאָ אַ גאָט וואָס איז דער האַר איבער אַלע וועלטען, און הימעל און ערד, און אויף אַלע קרעפטען און בעשעפעניש וואָס איז דאָ אויף זיי. און ער איז אַ געוועלטיגער און אַ ריכטער אויף דער וועלט. און אַז די אידען זיינען אַרויס געגאַנגען פון מצרים, האָט משה רבינו זיי געלערענט, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט, און וואָס ער האָט געזאָגט בשם ה'. איהר זאָלט וויסען אַז איך בין אייער גאָט, א. ז. וו., און צו ענדע 40 יאָהר האָט ער זיי געלערענט בדרך פרט, וידעת כי ה' הוא האלהים וכו'. דו זאָלסט

וויסען מיט דעם גאַנצען הארץ, אַז גאָט איז אויף דעם הימעל און אויף דער ערד. און ס'איז ניטאָ מעהר קיין אַנדערער. וכד יהיב קוב"ה אורייתא. מלה קדמאה איהו, **אנכי ה' אלהיך**, ווען גאָט האָט געגעבען די תורה, איז דאָס ערשטע וואָרט „איך בין דיין גאָט", און דאָס איז די ערשטע מצוה צו וויסען אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אַ געוועלטיגער אויף דער וועלט.

הרמב"ם בהל' יסודי התורה. יסוד היסודות ועמוד החכמות, לידע שיש שם מצוי ראשון והוא ממציא כל נמצא וכו'. דער יסוד פון אַלע יסודות, איז צו וויסען אַז ס'איז דאָ אַ גאָט וואָס האָט בעשאַפען הימעל און ערד און אַלעס וואָס אויף זיי, און אויב ס'קומט פאַר אַ געדאַנק אַז ס'איז ח"ו כביכול ניטאָ קיין גאָט, איז קיין אַנדערע זאַך אויך ניטאָ. (ווייל ס'קאָן נישט זיין). און אויב ס'קומט פאַר אַ געדאַנק אַז קיין זאַך איז ניטאָ, דאָך איז ער השי"ת **יאָ דאָ.** און ס'ווערד נישט בטל זיין עקזיסטענץ דורך זייער נישט זיין. (ס'מעגען יאָ זיין, ס'מעגען נישט זיין אַנדערע בעשעפעניש, אָבער דער בורא עולם איז תמיד דאָ, ער קאָן זיין אָהן זיי, אָבער זיי קאָנען נישט זיין אָהן איהם).

און דער בעשעפער איז השי"ת דער גאָט פון דער וועלט, פון הימעל און ערד, און ער פיהרט די וועלט תמיד מיט זיין הערשאַפט, א. ז. וו., און דאָס אַלעס צו וויסען איז איינס פון די עשרת הדברות, דאָס ערשטע פון די צעהן געבאָט און אַ מצות עשה: „**אנכי ה' אלהיך**", „איך בין דיין גאָט", און אויב איינער דענקט אַז ס'איז פעראַנען נאָך אַן אַנדערער עקסטער איהם, איז ער עובר אויף דעם צווייטען געבאָט פון „**לא יהיה לך א"א**", ס'זאָל ביי דיר אין געדאַנק נישט זיין קיין אַנדער גלויבען. (דאָס מיינט נישט נאָר מאַכען אָדער דינען אַ געמאַכטען אָב-גאָט, אַ צלם, אַ באָק, אַ פסל. ווייל דאָס איז דאָך עקסטער פערבאָטען: לא תעשה פסל, תמונה, אלילים. א. ד. ג., נאָר דאָס מיינט אפילו אַ

געדאַנק פון דעם). און ווער ס'דענקט יאָ וועגען דעם, איז ער אַ כופר בעיקר און אין דער גאַנצער תורה, ווייל די צוויי געבאָט זיינען דער הויפט יסוד פון דער תורה.

און דאָס זעלבע שרייבט דער רמב"ם אין פירוש המשנה חלק, אַז דאָס איז דער ערשטער און שטאַרקסטער יסוד התורה, אַז השי"ת איז דער בורא עולם, און ס'זאָל נישט פאַרקומען אַ געדאַנק פערקעהרט וכו'. און דאָס זיינען די צוויי מצות: „אנכי ה'. און לא יהיה א"א". אויך דעם גלייכען און זיין ספר המצות. דאָס זעלבע אין ספר הק' של"ה, אַז השי"ת איז דער בורא עולם, און איז אַ מחוייב המציאות, און ער איז אַ עילת על כל העילות וסיבת על כל הסיבות, ער דאַרף נישט צו דער וועלט, אָבער די וועלט דאַרף יאָ צו איהם.

(מורה נבוכים) נאָך זיין ויכוח מיט די כופרים וואָס גלויבען נישט אין בורא עולם, פיהרט ער אוים: אַז ס'איז דער גרעסטער עיקר צו גלויבען, אַז השי"ת איז דער איינציגער בורא עולם, און האָט אַלעם בעשאַפען פון גאָר נישט. ד"ה אַ „יש מאין", און דאָס אַלעם האָט ער בעשאַפען מיט זיין רצון, נישט „במקרה" און „בהכרח", ד"ה, נישט צופעליג, און נישט געצוואונגען דורך פרעמדע קרעפטען אָדער בעוועגונג. נאָר פשוט אַזוי האָט ער געוואָלט, און דאַמאָלס האָט ער געוואָלט, און ס'איז ניטאָ קיין גרונד צו פרעגען קשיות, אָדער צו האָבען אַ בעגריף אין דעם ענין פון בריאת עולם, פונקט ווי מ'קאָן כביכול איהם אַליין נישט בע־גרייפען אַזוי קאָן מען אויך זיינע מעשים און פעולות נישט באַ־גרייפען.

אויך בספר העקרים. אַזוי ווי מ'קאָן נישט בעגרייפען השי"ת אַליין. זיין מהוות, זיין חכמה און וויסענשאַפט. אַזוי איז שווערהר צו פערשטעהן זיין רצון, זיין הנהגה, און ווער ס'גלויבט נישט אין בורא עולם, איז אַ כופר בעיקר ובתורה. אויך בספר עקידה, אַז השי"ת איז דער בורא ומנהיג פון אַלע וועלטען און אַלע כחות.

אמונה עיקר א. שלימה

און הערשאפטען פון הימעל און ערד און ימים און לופט. נישט ווי איניגע דענקען אז ס'עקזיסטירט עטוואס אייגענע כחות ביי די צבא השמים, אדער די ד' יסודות, אש, רוח, מים, עפר. וואס זיי זיינען אומשטאנד עטוואס צו טהון מיט זייערע אייגענע קרעפטען, אהן דעם רשות פון השי"ת, דאס איז פאלש. נאר אלע כחות און הערשאפט זיינען אונטערווארפען אונטער השי"ת און זיין הנהגה, און השגחה, און די אלע זיינען נישט מעהר ווי משרתים ביים בורא עולם, ואשר משרתיו כולם מקבלים עליהם עול מלכות שמים זה מזה. וגבוה מעל גבוה. פונ'ם גרעסטען מלאך ביז צום קלענסטען פליגאלע, טהון נישט אזאך נאר לויט דעם בעפעהל פונ'ם אייביגען מלך מלכי המלכים הקב"ה.

(בכוזרי וברמב"ן) ס'איז ניטא קיין זעלבסטיגע קרעפטען צו וועלכען בעשעפעניש פון אלע וועלטען און הימעל און ערד, נאר וואס ס'ווערד זיי צוגעטהיילט פון השי"ת, און ער אליין איז זייער מנהיג ומשגיח. (בחובת הלבבות) ער רייסט ארונטער אלע פאלשע מיינונגען אז ס'פיהרט זיך אלעס בדרך הטבע, און לייקענען די השגחת הבורא. און ער ערקלעהרט אלעס הן עפ"י התורה. והן עפ"י חקירה. צב"ש ווען ס'געפינט זיך אין א גארטען א ברונע אדער וואסערלייטונג וואס באשפריצט דעם גארטען. קאן אימיצער זאגען אז דאס בעשפריצען איז פון זיך אליין, אהן מענשליכע ארבייט. אדער ווען ס'גיסט זיך אוים א פלאש טינט אויפ'ן פאפיר, איז דען מעגליך ס'זאל ווערען אותיות פון זיך אליין, אדער א פאבריק וואס ס'דרעהען זיך די רעדער איז מעגליך אז אלעס זאל ווערען פון זיך אליין געמאכט? דאס זעלבע מיט דער וועלט מיט די פיעלע שטערען און אנדערע צבא השמים און אלעס אויף דער ערד, וואס זיי צירקוליערען תמיד, אבער איין בורא האט דאס געמאכט, און בעוועגט אלעס.

(כוזרי) דער וואס לייקענט אין השגחה, און זאגט אז אלעס פיהרט זיך בדרך הטבע, איז ער א כופר בתורה ובנביאים, און

אויך אַ שוטה. ער פערשטעהט נישט אַז אַלעס טהוט זיך נישט אַליין נאָר דורך השגחה, די טבע אַליין פיהרט זיך אויך מיט השגחה, דאָס איז גוט בעוואוסט צו די וואָס זעהען די טויזענטער שטעלען פון דער תורה און נביאים. און אויב זיי דענקען אַנדערש, איז זייער מיינונג פאַלש און נאַריש. דאָן זאָגט ער צום פילוזאָף וואָס האָט זיך אויסגעדריקט געגען איהם, אַז ער לייקענט אין דער תורה, ובחידוש העולם, ובהשגחה, און בריאת העולם דורך השי"ת אַליין. און דאָס יצירת האדם דורך השי"ת. און די נבואה, א.ד.ג. דאָס הייסט אַ כופר בכל. (דער שוטה האָט מקיים געוועזען אַ פּסוק „כל רוחו יוציא כסיל", דער נאַר גיט אַרוים זיין גאַנץ נאַרישקייט. אָבער דער כוזרי איז איהם נישט שולדיג געבליבען, און האָט אויך מקיים געוועזען אַ פּסוק „ענה כסיל כאולתו". זאָלסט ענטפערען דעם נאַר לויט זיין נאַרישקייט. און „ודע מה שתשיב לאפיקורס").

און פיהרט אוים: אַז מיר גלויבען און דעם בורא עולם. דער איינציגער גאָט וואָס האָט אַליין בעשאַפען די וועלט מיט אַלעס וואָס אויף איהר. דאָס איז דער גאָט פון אברהם יצחק ויעקב, וואָס ער האָט אונז געגעבען די תורה מן השמים דורך משה רבינו. און האָט די גאַנצע וועלט בעשאַפען אין 6 טעג. און דעם 7טען טאָג איז שוין אַלעס געוועזען פאַרטיג, און דאָס האָט ער בעשאַפען אין דער צייט וואָס ווערד דערמאָנט אין דער תורה, ד"ה, צוריק מיט 5705 יאָהר. און דאָס אַלעס איז בעשאַפען געוואָרען מיט אַ „זאָג", „בדבר ה' שמים נעשו", וברוח פיו כל צבאם. „ויאמר ה' יהי אור", „יהי רקיע" און ד. ג., און פיהרט אוים: אַז מיר גלויבען אין השגחה און נבואה און אַלעס וואָס שטעהט אין דער תורה.

(בספר עקרים, ועקידה, ובחובת הלבבות) אַז פון אַלע חכמות, איז די גרעסטע חכמה צו דערקענען אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, און ווי מ'קאָן דאָס דערקענען ווען מ'באַמערקט די אַלע לעבעדיגע בעשעפעניש און זייער חכמה און זייערע חושים און די אברים פון אַלע גופים, א. ד. ג. איז צו דערקענען אַז איין בורא

אמונה עיקר א. שלימה

האָט זיי אַלע בעשאַפען. און ווי דער רמב"ם זאָגט אַז פון די אַלע ברואים פונ'ם הימעל ביז צו דער ערד קאָן מען דערקענען גדלות הבורא, און צו קומען צו אהבת ויראת השם, און מקיים צו זיין די תורה בלב ובנפש. (דאָס איז גערעדט פאַר אַ רמב"ם און חבריו און תלמידיו און אַנדערע בני תורה. וואָס יראתם קודמת לחכמתם. אָבער די לינקע וויסענשאַפט לייט ווי איינשטיין וחבריו, וואָס האָבען זיי אַנערקענט פון זייערע חכמות צו ידיעת אלקות? בגפם יבאו ובגפם יצאו, זיי בלייבען ביי גאָר נישט, קיין תורה, קיין ידיעת הבורא, קיין אמונה, קיין נבואה, קיין עוה"ב, און טאַקע גאָר נישט. בזה להם לעגה להם. אַז דאָס איז מינישטיינס געזאָגט אַ דור ודור וחכמיו ודורשיו).

און דאָס קומט נישט אָן גרינג נאָר ווי ס'שטעהט: ובקשתם משם את ה' אלהיך ומצאת כי תדרשנו בכל לבבך וכל נפשך. אויך בספר הישר ובשאר ספרים ווערד פיעל גערעדט וועגען דעם.

(רמב"ן) די מצרים האָבען געלייקענט אין בורא עולם, און השגחה, און אַז השי"ת איז אַ בעל היכולת. קומט די תורה און איבערצייגט די דריי זאַכען. משה רבינו האָט געזאָגט צו פרעה'ן: למען תדע כי לה' הארץ. זאָלסט וויסען אַז די ערד באַ-לאַנגט צו גאָט. ד"ה, אַז השי"ת האָט די ערד בעשאַפען, און ער איז דער בעל-בית. און: למען תדע כי אני ה' בקרב הארץ. אַז איך בין דער גאָט דער פיהרער פון דער ערד. ד"ה, אַז ער איז דער מנהיג ומשגיח. און: למען תדע כי אין כמוני בכל הארץ. ס'איז ניטאָ נאָך אַזעלכער ווי איך. ד"ה, אַז השי"ת איז אַ שליט און אַ בעל היכולת. וואָס ער וויל טהוט ער און קיינער קאָן איהם נישט שטערען. אפילו די נאַטור קאָן איהם נישט שטערען צו טהון למעלה מדרך הטבע.

(בת"ז) פתח אליהו ואמר, רבון עלמין, דו ביזט דער הערר פון אַלע וועלטען, און דער פיהרער פון אַלע הערשאַפט, עילת על כל העילות וסיבת על כל הסיבות, דו האָסט בעשאַפען הימעל און

ערד, די זון, די לבנה, שטערן, ומזלות, וצבא השמים, און אַלעם וואָס אויף זיי און אין דער לופט, און אין די ימים, און וואָס אויף דער ערד, בהמות חיות עופות, און מענשען, א. ז. וו.

(מדרש פ׳ לך) אַ משל צו איינעם וואָס געהט אונטערוועגנס. און זעהט אַ פּאַלאַץ בעלייכטעט. זאָגט ער: איז מעגליך אַז דאָס בעלייכטונג איז פון זיך זעלבסט? באַלד האָט זיך דער בעל-בית צו איהם געווענדעט. און געזאָגט: איך בין דער בע״ב פון דעם פּאַלאַץ. דאָס זעלבע איז געוועזען מיט אברהם אבינו. ער האָט בעטראַכט די וועלט, און געפרעגט: איז דען מעגליך אַז די וועלט האָט נישט קיין פיהרער? האָט זיך השי״ת צו איהם ענדעקט, און געזאָגט: איך בין דער בורא ומנהיג. אויך אין זוהר דאָס זעלבע. אברהם האָט געוואָלט וויסען ווער ס׳פיהרט די וועלט. אפשר די זון, די לבנה? און ד. ג. אָבער ווי ער האָט געזעהן אַז זייער שיין פערגעהט, און ס׳איז צוריק פינסטער, האָט ער דערקענט אַז זיי זיינען נישט מעהר ווי בעשעפעניש פון אַ בורא עולם. און האָט געזוכט און אויסגעפונען אַז השי״ת איז דער בורא עולם. און דאַמאָלס האָט זיך השי״ת צו איהם בעוויזען און האָט מיט איהם גערעדט.

(במד״ת) אברהם איז געוועזען אַ מכניס אורח, און נאָכ׳ן עסען זיינען זיי געקומען איהם בעדאַנקען און בענשען. זאָגט ער, זיי זאָלען בענשען דעם בעל-הבית וואָס גיט זיי עסען. אָבער ווער איז ער? דאָס איז השי״ת וואָס ער איז אַ שליט אויפ׳ן הימעל און ערד. ער איז אַ ממית ומחיה. מוחץ ורופא וכו׳. און בעזאָרגט אַלע בעשעפעניש מיט זייערע בעדערפעניש. ווי אַזוי זאָלען מיר איהם בענשען? זאָגט: „ברוך ה׳ המבורך״, „ברוך נותן לחם לכל בשר״.

אויך אין מדרש, און אין גמרא קדושין, און אין זוהר שטעהט דאָס. אַז השי״ת איז ממית ומחיה, מכה ורופא, משיב הרוח, מוריד גשמים, מצמיח פירות, מעלה נשיאים, ועורך שלחן לפני כל אחד, און העלפט זיי בפעם אחת, ער איז מסבב הסיבות, מאַכט שיינען

די זון, די לבנה, מאַכט וואַקסען תבואות און פירות, עוזר דלים, און איז אַ משגיח אויף אַלעמען, און מאַכט בעזאָרגען זייערע בעדערפעניש אין צייט.

(בזוהר) קודם קבלת התורה, איז אַלעס געווען דורך געפיהרט דורך די מערכת השמים. אָבער נאָך מתן תורה, איז השי"ת אַליין דער מנהיג ומשגיח צו די אידען ווי ס'שטעהט „אין מזל לישראל", ווייל השי"ת איז זייער פיהרער. און דאָס זעלבע איז געווען אויך ביי אברהם אבינו. השי"ת האָט איהם געזאָגט: צא מאצטגנינות שלך, דו ביזט פון יעצט אָן אונטער מיין השגחה און נישט אָפּהענגיג אין די מערכת השמים. דאָס איז אויך במד"ר. ויאמר הבט נא השמימה. ער האָט איהם אויף געהויבען איבער'ן הימעל. דאָס הייסט, אַז ער איז העכער פון דעם הימעל פון די מערכת השמים, און איז נישט מעהר אונטערוואָרפען אונטער זייער הערשאַפט נאָר אונטער השי"ת מיט זיין השגחה.

איייניגע פסוקים פון דעם ענין:

בראשית ברא אלהים, השי"ת האָט בעשאַפען די וועלט אין ששת ימי בראשית. ויכלו השמים והארץ וכל צבאם, ויכל, וישבות, כי ששת ימים עשה ה' השמים והארץ, הים וכל אשר בם, וינח ביום השביעי. לך ה' הגדולה וכו' כי כל בשמים ובארץ. לך ה' הממלכה והמתנשא לכל לראש. ואתה מושל בכל. אתה ה' לבדך עשית השמים והארץ הימים וכל אשר בהם. ואתה מחיה את כלם וצבא השמים לך משתחוים.

(ישעיה) ה' צבאות מלא הארץ כבודו. היאמר מעשה לעושהו לא עשני, קאן דען זאָגען די אַרבייט צום אַרבייטער, דו האָסט מיך נישט געמאַכט, אלהי עולם ה'. גאָט איז איבער דער גאַנצער וועלט. אני ה'. איך בין דער גאָט און וועל מיין כבוד נישט איבערגעבען צו אַן אַנדערען. איך בין גאָט, און ס'איז ניטאָ קיין

אנדערער. איך האָב אַלעם אַליין געמאַכט דעם הימעל און די ערד, און ס׳איז קיינער נישט געוועזען מיט מיר. האָב געמאַכט די ערד און דעם מענש אויף איהר האָב איך בעשאַפען. איך בין דער ערשטער, און געמאַכט הימעל און ערד. דער הימעל איז מיין שטול, און די ערד מיין פיסבענקיל. א. ז. וו.

(ירמיה) אל יתהלל חכם בחכמתו. דער חכם קאָן זיך מיט גאָר נישט באַרימען. אויך דער גבור, און דער עושר, נאָר מיט דעם מעג ער זיך רימען ווען ער פאַרשטעהט און האָט אַנערקענט אַז איך בין דער גאָט, א. ז. וו. השי״ת איז אַ אמת׳ר און אַ לעבעדיגער גאָט און אַ מלך אויף אייביג. ער האָט מיט זיין חכמה און פער־שטאַנד געמאַכט הימעל און ערד און אַלעם וואָס אויף זיי, און די מענשען און אַנדערע לעבעדיגע בעשעפעניש. ער איז אַ יוצר הכל. (יחזקאל) והיו לי לעם, די אידען וועלען זיין מיין פאָלק, און איך זייער גאָט. (הושע) אנכי ה׳. איך בין דיין גאָט, און עקסטער מיר איז ניטאָ. (תהלים) השי״ת איז אַ מלך הכבוד אויף אייביג. ער איז איבער אַלעם. האָט געמאַכט טאָג און נאַכט, מאור ושמש, זומער און ווינטער, דעם ים און יבשה, זיין אמונה איז אויף אייביג. כל אשר חפץ עשה, לעשה השמים, רוקע הארץ, אורים, שמש, ירח, כוכבים, נותן לחם לכל בשר, מלכותך דיין מלוכה וממשלה איז אויף אייביג. הללו ה׳ מן השמים ומן הארץ, אַלע בעשעפענישען פון הימעל און ערד דאַרפען לויבען גאָט ווייל ער האָט זיי בעשאַפען, די מלאכים, וצבא השמים, אַלע מענשען און בהמות וחיות א. ד. ג. (משלי) ה׳ בחכמה יסד ארץ, גאָט האָט געפעסטיגט די ערד מיט חכמה, און דעם הימעל דאָס גלייכען. (איוב) אשר בידו נפש כל חי. תחת כל השמים לי הוא. (דניאל) ליהוי שמי׳ די אלהיך, דער נאָמען פון גאָט זאָל זיין געבענשט, ווייל די חכמה און גבורה איז פון איהם, זיין מלוכה איז אויף אייביג, א. ד. ג. פיעלע פסוקים.

(תפלה) בורא כל הנשמות, יוצר משרתים, וכלם מקבלים עליהם עול מלכות שמים. ה׳ ימלוך לעולם ועד. ואנחנו כורעים

אמונה עיקר א. שלימה

ומשתחוים ומודים לפני מלך מלה"מ הקב"ה. ס'וועט קומען א צייט וואָס אלע מענשען וועלען אנערקענען זיין מלוכה און געט־ליכקייט. וידע כל פעול כי אתה פעלתו. יעדעס בעשעפעניש וועט וויסען אז גאָט האָט איהם בעשאפען. און אלע וועלען זאָגען, אז השי"ת איז דער גאָט פון ישראל און א מלך איבער אלעם.

(בשל"ה) משמות הקדושים ומעולמות עליונים ומלאכים הממונים עליהם און איבער אלע איז השי"ת אליין מרום וקדוש, און זייער מנהיג ומשגיח.

עיקר ב

אני מאמין באמונה שלמה שהבורא יתברך שמו, הוא יחיד ואין יחידות כמוהו בשום פנים, והוא לבדו אלהינו היה והוה ויהיה.

איך גלויב באמונה שלמה, אז השי״ת איז אן איינציגער, און ס׳איז ניטאָ נאָך אזא איינציגקייט ווי ער, און נאָר ער אליין איז אונזער גאָט, איז געוועזען און איז יעצט, און וועט זיין תמיד.

(ת״ז) פתח אליהו, אנת הוא חד, דו ביזט איינער אָהן שום רעכנונג, ביזט אַ עילת על כל העילות וכו׳. וכן בזוהר, יחיד ועילת על כל העילות וכו׳. בתורה, ראו עתה, כי אני אני הוא. איך בין אייער גאָט, און ס׳איז ניטאָ קיין אַנדערער.

(בכגונא) קוב״ה לא יתיב על כורסיא דיקריה עד דאתעבידת ברזא דאחד, השי״ת זיצט נישט אויף זיין שטוהל ביז ס׳ווערט נישט פאַראייניגט מיט השי״ת, און דאָס איז באדייטונג פון ה׳ אחד ושמו אחד. בזוהר, השי״ת איז אַ איינציגער, און איז אויף אַלע וועלטען, און רינגעלט אַרום אַלע וועלטען און ס׳איז ניטאָ קיין אַנדערער אויף די הימלען און אונטער דער ערד. און אויף אַלע זייטען, דער שם אל״ף דל״ת איז מעיד אויף דעם, און דער שם הוי״ה איז מעיד אַז אַלעס איז אונטער איהם אונטערוואָרפען, איז גע־וועזען, און איז יעצט, און וועט זיין נאָך אַלעס.

רמב״ם, **היסוד השני, יחוד השי״ת.** היינו שנאמין שהשי״ת הוא אחד, ואינו כאחד הזוג, ולא כאחד המין, ולא כאיש אחד שנחלק לחלקים רבים, אבל הוא אחד באחדות גמור שאין כמותה. וזה היסוד השני מורה עליו מה שכתוב: **„שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד״.** ד״ה, דער צווייטער יסוד איז, דאָס מיר דאַרפען גלויבען אַז השי״ת איז איינער, מיט דעם פולען זין, נישט ווי איין פּאָר.

(וואָס זיי זיינען דאָך צוויי), און נישט ווי איין מין, (וואָס ס'האָט עטליכע זאַכען). און נישט ווי איין מענש, וואָס קאָן צוטהיילט ווערען אויף פיעל חלקים. נאָר השי"ת איז אַ איין איינציגער וואָס האָט נישט קיין גלייכען צו זיך. און דאָס איז די מצוה: „שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד", און דאָס זעלבע שרייבט ער אין ספר המצות.

(רמב"ן) די צוויי מצות „אנכי ה'" און „שמע ישראל" זיינען דער שורש פון אמונה. און ווער ס'איז נישט מודה אין דעם איז אַ כופר בעיקר ובתורה. אויך ברענגט ער אַ מאמר חז"ל, אַן ענטפער צו די כופרים וואָס דענקען אַז ס'איז דאָ כביכול ב' רשויות, דען אַז השי"ת האָט געזאָגט „אנכי ה'", ווער האָט זיך דען אַגעגען געשטעלט? (אויך שטעהט אַ פסוק אין דניאל: שולטני' שלטן עלם. זיין געוועלטיגקייט איז אויף אייביג, און ס'איז ניטאָ ווער ס'זאָל איהם זיין דאַגעגען, און איהם אַ דעה זאָגען, מה עבדת? און דאָס גלויבען אין איהם איז אויף אייביג. נאָך פסוקים, ה' צבאות הוא מלך הכבוד סלה. מלכותך מלכות כל עולמים, וממשלתך בכל דור ודור. ה' ימלוך לעולם ועד. דניאל, מן קשוט די אלקהון הוא אלהים ומרא מלכין. מלכותי' מלכות עלם, השי"ת איז דער אמת'ר גאָט און דער מלך מלכי המלכים, און זיין מלוכה איז אויף אייביג. ויקבלו כלם עול מלכותך. כי הוא לבדו מרום וקדוש. ויאמר כל אשר נשמה באפו ה' אלהי ישראל מלך ומלכותו בכל משלה, א. ד. ג.).

(גמרא ברכות) למה קדמה שמע לוהיה אם שמוע. כדי שיקבל עליו עול מלכות שמים תחלה, ואח"כ עול מצות. אום ער זאָל אויף זיך נעמען בעפאָר דעם עול מלכות שמים, און דאַן דעם עול מצות.

(גמ' פסחים) בשעה שביקש יעקב לגלות הקץ, ווען יעקב האָט געוואָלט מגלה זיין דעם זמן הקץ הגאולה, האָט זיך פון איהם די שכינה אָפגעטהון. האָט ער געזאָרגט, אפשר זיינען זיי נישט גאַנץ אין דער אמונה. האָבען זיי געזאָגט: „שמע ישראל ה'

אחד״, זיי גלויבען אין אחדות אלקית גלייך ווי ער. אויך שטעהט דאָס זעלבע אין מדרש ויחי, אַז ער האָט מורא געהאַט זיי זאָלען ח״ו נישט גלויבען אין עבודה זרה. האָבען זיי געענטפערט „שמע ישראל״, אויך אין זוהר, און מד״ת, און אין תרגום יונתן שטעהט דאָס זעלבע.

(בחובת הלבבות) דאָס גלויבען אין אחדות אלקית, איז דער שורש ויסוד התורה, און ס׳שיידעט אָפּ דעם מאמין פון דעם כופר, און די דריי מצות „אנכי ה׳״, „ולא יהיה א״א״, און „שמע ישראל״, זיינען צוזאַמען געבונדען, וואָס ס׳קאָן ניט זיין איינס אָהן די אַנדערע, און שמע מיינט פערשטעהן ווי הסכת ושמע ישראל. און מ׳דאַרף גלויבען אַז השי״ת איז דער איינציגער גאָט, און ס׳איז ניטאָ קיין אַנדערער, ער רעכענט אוים איינציגע מצות מחשביות, ווי „שמע ישראל״, „ואהבת את ה׳ בכל לבבך״, „והיו הדברים על לבבך״, אויך איינינע מצות וואָס מ׳דאַרף זיי טהון מיט׳ן גוף און מיט׳ן האַרץ. ווי: „ושננתם לבניך״, „ודברת בם״, „וקשרתם לאות על ידך״, „לטטפת בין עיניך״, „וכתבתם על מזוזות״.

אויך בספר הישר, ובכוזרי, ורמב״ן, ועקידה, ועקרים, און אַנדערע ספרים ווערד פיעל גערעדט וועגען דעם ענין. בשל״ה ווערד געשריבען פיעל וועגען די שמות הקדושים, ווי זיי זיינען משולבים זה בזה. און דורך די מצות התורה וואָס אידען טהון, ווערען אויך די עולמות עליונים נתעורר און די פעולה ווערד געטהון הן דורך די תורה ומצות פון די בני ישראל הן דורך די שפע העליונה וואָס ווערד נשפע צו די אידען און צו דער גאַנצער וועלט. און ווען זיי ווילען נישט מקיים זיין די תורה ומצות ווערד נפסק די שפע און דאָס חיות הרוחניות והגשמיות. ער ברענגט אַ משל צו אַ מאַגנעט, וואָס איז מחובר צו אַ דראָהט אפילו טויזענט מייל לאַנג און ווען מ׳באַוועגט איין שטיקעל מאַגנעט, אַזוי בעוועגט זיך אויך דער אַנדערער טהייל, אַזוי אויך מיט די מצות פון עולם התחתון ווערד געווירקט אין די עולמות עליונים.

עיקר ג

אני מאמין באמונה שלמה שהבוית"ש אינו גוף, ולא ישיגוהו משיגי הגוף, ואין לו שום דמיון כלל.

איך גלויב באמונה שלמה אז השי"ת איז נישט קיין קערפּער, אויך נישט קיין קערפּערליכעס בעוועגונג, און ס'איז ניטאָ צו איהם קיין שום גלייכען.

הרמב"ם, היסוד השלישי, שלילת הגשמיות הימנו. שאינו גוף ולא כח בגוף ולא מאורעות הגופים כמו התנועה והמנוחה, לא מצד עצמות ולא במקרה וכו'. דאָס הייסט אַז השי"ת איז נישט קיין קערפּער, און בענוצט אויך נישט קערפּערליכע קרעפטען און בע־וועגונג, א. ז. וו. און דאָס וואָס די תורה און נביאים בענוצען אַזעלכע ווערטער וואָס מיינט קערפּערליך, ווי „אצבע אלהים", „יד ה'", עיני ה'", „ועמדו רגליו", א. ד. ג. איז דאָס נאָר לויט דעם מענשען'ס בעגריף, כדי לשבר את האוזן. ודברה תורה כלשון בני אדם, די תורה רעדט מיט דעם לשון וואָס מענשען רעדען. אָבער השי"ת איז נישט קיין גוף, און בענוצט נישט קיין קערפּערליכען קראַפט, נאָר רוחניות, ווי ס'שטעהט „כי לא ראיתם כל תמונה", און ער איז מאריך איבער דעם עיקר אין ספר רמב"ם און נאָך מעהר אין זיין ספר „מורה נבוכים". אויך אַנדערע ספרים רעדען פיעל וועגען דעם.

און דער של"ה שרייבט עפ"י קבלה אַז די אַלע ווערטער זיינען נישט קיין גשמיות גופניות, נאָר אַ מין הנהגה דורך שמות הקדושים, עשר ספירות, און עולמות עליונים, וואָס ס'איז אַ טהייל פון סודות התורה. און ס'איז נישט צו פערשטעהן בדרך נגלה, ובפרט צו געבען צו פערשטעהן.

אמונה עיקר ג. שלימה

בתקוני זוהר. דו ביזט איינער, און ס'איז ניטאָ צו דיר קיין גלייכען, און אין זוהר, אַז דאָס וואָס ס'שטעהט „ויראו את אלהי ישראל", מיינט דאָס נישט אַז זיי האָבען געזעהן כביכול השי"ת אַליין, נאָר אַ מין התגלות השכינה. אָבער עצם כבודו קאָן מען נישט זעהן, ווי ס'שטעהט „כי לא יראני האדם וחי". אויך ביי מתן תורה האָבען זיי געזעהן אַ מין התגלות השכינה, יעדער לויט זיין מדרגה. און משה רבינו לויט זיין גרויסער מדרגה. אויך ווערד דאָרט גערעכענט די פּעולות וואָס ווערען דורך געפיהרט דורך מלאכים וואָס ווערען אָנגערופען „מארי דעיינין" און „מארי דאודנין" דאָס הייסט, וואָס זיי זיינען ממונה אויף דעם „זעהן" און אויף דעם „הערען", און דאָס מיינט דער פּסוק „עיני ה'", „אזני ה'", „פקח עיניך וראה", „הטה אזניך", „תהיינה אזניך קשובות", „יד ה'", „ועמדו רגליו", „והיו עיני ולבי שם", א. ד. ג. אויך בספרי קבלה, דער „שערי אורה", און „ר"מ רקנטי", און „ר"י החייט", און השל"ה, און נאָך אַנדערע, זיינען אויך מפורש די ווער־טער, אַז ס'איז נישט קיין גשמיות נאָר שמות הקדושים און מלאכים ועשר ספירות וסודות עליונים.

איך בין נישט ראוי צו שרייבען אַזעלכע זאַכען וואָס שטעהען ברומו של עולם, און ס'שטעהט „במופלא ממך אל תדרוש", „וכבוד ה' הסתר דבר", נאָר ווייל דער ענין בעריהרט די גאַנצע תורה און נביאים, מוז איך ברענגען וואָס איינינע ספרים זאָגען וועגען דעם, וה' יכפר.

דער ענין פון „אינו גוף" איז שוין גענוג גערעדט און הכל מודים אַז „אינו גוף ואין לו דמות הגוף", נאָר אַזוי ווי דער רמב"ם, איז מאריך אַז אפילו די פּעולות ביי כביכול זיינען אויך נישט כפשוטם, נאָר בדרך משל וחידה. מיט דעם טעם וואָס ער ערקלעהרט, אַז אַזוי ווי כביכול איז נישט קיין גוף און בעזיצט נישט קיין קערפּערליכע אברים, וואָס אַלע זיינען מודה אין דעם, ווייל דאָס איז דאָך דער עיקר פון דעם דריטען „אני מאמין", איז דאָך ממילא נישט פּעראַנען

קיין פעולות, קיינע הנהגות, קיין שום בעוועגונג, וואָס ס'איז שייך צו אַ גוף, צב"ש, זיצען, שטעהען, עולה, ויורד, זעהן, הערען, שמחה ועצבות, שחוק וכעס, רעדען, זאָגען, א. ד. ג. און דאָס האָט איהם געבראַכט צו זאָגען, אַז די אַלע ווערטער פון דער תורה און נביאים זיינען בדרך משל וחידה, אָדער אַ שם המושאל, דאָס הייסט, אויס־געליגען די ווערטער פון מענשען, וואָס זיי בענוצען. ודברה תורה כלשון בני אדם. דאַרויף קומען אַרויס אַנדערע חכמים וחוקרים ווי דער רמב"ן, עקידה, עקרים, אברבנאל, און אַנדערע, און נעמען נישט אָן די שיטה. אַז די פעולות און תנועות, און בעוועגונג פון כביכול זיינען אויך נישט מעגליך. דען אויב ער איז משולל פון גשמיות און גופניות, דאָך איז זיין הנהגה נישט געשטערט דורך דעם, נאָר כביכול השי"ת איז בכח צו טהון זיין אַרבייט, דורך פערשידענע אופנים, סאַי בדרך רוחניות ונסתר, סאַי בדרך נגלה והנהגה גשמיות, און ס'איז אויסגעשלאָסען אַז השי"ת זאָל נישט פיהרען זיין הנהגה, לויט די תורה און נביאים האָבען אונז איבערגעגעבען. און אויב עס איז שווער פאַר אַ מענש דאָס צו פערשטעהן, איז דאָס אָבער ביי השי"ת גאָר נישט שווער צו טהון אַלעס אָהן אַ גוף, אָהן אברי הגוף, גלייך ווי מיט אַ גוף, ווי דער כוזרי זאָגט: אַז השי"ת ווען ער דאַרף בעשאַפט ער פאַר זיך אַ טבע חדשה, און ס'פערלאַנגט זיך נישט ביי כביכול השי"ת אַז דאָס „אויג" זאָל זיין ווי ביי אַ בשר ודם, און דער „אויער" דאַרף נישט זיין פון פלייש, נאָר ס'זאָל זיין ווי ס'איז, ווי ס'פאַסט פאַר השי"ת סאַמע רוחניות, דאָך „זעהט" ער, און „הערט", און „זאָגט", און „רעדט", און טהוט אַלעס וואָס ער וויל, אויף דעם בעסטען אופן. און זיין כח „הדיבור" און זיין חוש „הראיה", „והשמיעה", איז נישט בעגרעניצט, אַזוי פיעל און נישט מעהר, נאָר ס'האָט נישט קיין שיעור וויפיעל מיליאָנען ביליאָנען קרעפטען „זעהן" און „הערען" וואָס ער בעזיצט, און ער דאַרף נישט „לייען" ביי אונז אָרימע מענשען אַ „דיבור", אַ „זאָג", אַ „קוק, אַ „הער", און דאָס גלייכען, ווייל ער איז דאָך אַ „שם פה לאדם", און איז „הנוטע אוזן. הלא ישמע", און „היוצר עין הלא יביט", און אַזוי

אַלע פעולות זיינען אָהן שיעור. און אויב אַזוי, איז שוין נישט נויטיג צו מאַכען פון די טויזענטער „ויאמר'ס" און „וידבר'ס" אַ משל. נאָר דברים כפשוטם, און אַז ער האָט גערעדט צו משה רבינו, און געזאָגט די גאַנצע תורה, איז אַלעס ריכטיג „געזאָגט" און „גערעדט", און פון דעם איז געוואָרען די גאַנצע תורה. און דאָס זעלבע צו די נביאים. הגע עצמך, אַז ער האָט געקאָנט זאָגען ס'זאָל ווערען ליכט „ויהי אור", און „יהי רקיע", און „תוציא הארץ נפש חיה" א. ד. ג. און פון די פּאָר ווערטער איז געוואָרען אַזאַ גרויסע וועלט וואָס קיין חכם קיין חוקר, קאָן דאָס נישט פערשטעהן און בעגרייפען. אָבער ס'איז דאָך פּאָרט אַזוי געוועזען, טאָ פאַרוואָס זאָל דאָס נישט זיין מיט יעדען „ויאמר" „וידבר", ראיה, שמיעה, א. ד. ג. אויך אויף דעם זעלבען אופן. און ווי ס'שטעהט אין זוהר און אין מד"ר און אין כוזרי, אַז ס'איז געוואָרען אַ צינור ווען השי"ת האָט גערעדט צו משה'ן, און נאָר ער האָט געהערט, און אַנדערע נישט. אַזוי איז אויך מיט אַלע פעולות. דאַרף נישט זיין בעגרעניצט, נאָר אַלעס איז געטהון געוואָרען על צד היותר טוב, און די תורה בלייבט גאַנץ נישט צו־ברעקעלט דורך חקירה, נאָר גאַנץ, אַזוי ווי די מקובלים פערשטעהען דאָס, און דער מפרש פון כוזרי איך מאריך אין דעם, און דער „אור ה'" שרייבט אין דעם ענין אַז פונקט ווי גשמיות און גופניות איז ביי השי"ת כביכול אַ חירוף וגידוף, און אַ פּחיתת הכבוד, אַזוי איז אויך די „שלילה", דאָס צו נעמען פון כביכול אַזאַ זאַך וואָס ס'איז נישט נויטיג אויך אַ פּחיתת הכבוד.

און דער מפרש הכוזרי שרייבט, אַז דער רצון, און דער בעגעהר פון השי"ת בעפעהלט אויף דער לופט אַז ס'זאָל זיך בעוועגען מיט אַללער ארט בעוועגונג, אַז דאָס קול זאָל אַריין אינ'ם אויער פונ'ם נביא ווען ער רעדט מיט איהם. און דאָס זעלבע ביי דעם אויסקריצען די אותיות אויף די לוחות, און דאָס זעלבע ביים „הערען" און „זעהן" און „רעדען", האָט זיך בעוואויגען דער כח פון די אַלע זאַכען אַז ס'איז גאָר נישט געוועזען קיין שום שטערונג, און דאָס אַלעס איז

בדרך חקירה, אָבער מיר דאַרפען נישט די אַלע קונצען, ווייל עפ"י אמונה פשוטה איז השי"ת א כל יכול.

אויך וואָס דער רמב"ם זאָגט אַז די נביאים האָבען די ווערטער וואָס זיי דערמאָנען, האָבען זיי געגעבען אַ כינוי צו השי"ת און זיין הנהגה, כדי דער מענש זאָל זיי גוט פערשטעהן. איז דאָך אַ קשיא, איז דען די זאַך געטהון געוואָרען נאָר פון זייער מיינונג? השי"ת אַליין האָט זיך דאָך אויך אויסגעדריקט די ווערטער אויף זיך אַליין. ווי ער זאָגט „ראה ראיתי", „והיו עיני ולבי שם", „את צעקתם שמעתי", „ארדה נא", „אם שנותי ברק חרבי", „ונתתי את ידי על מצרים", „אף ידי יסדה הארץ", „והיו עיני פקוחות ואזני פתוחות" א. ד. ג. און אויב ביי אַ מענש איז אוממעגליך צו זעהן אָהן דעם שטיקעל „אויג" און „הערען" אָהן דעם פליישיגען שטיקעל „אויער", און דאָס זעלבע אַנדערע אברים מיט חושים. אָבער ביי השי"ת איז דאָס אַלעס נישט נויטיג צום „זעהן" און צום „הערען" און צום „רעדען" און „זאָגען, און ער דאַרף נישט אָנקומען צו אונזער „גמילת חסד", ווייל ער האָט אַלעס געמאַכט, און בעזיצט אַלע הרגשות און חושים, ביליאָנען מאָל מעהר וויפיעל אַ מענש פערשטעהט, ווייל השי"ת איז למעלה מן הטבע, און למעלה מן השכל, וה' הטוב יכפר.

עיקר ד

אני מאמין באמונה שלמה שהבורא יתברך שמו הוא ראשון והוא אחרון.

איך גלויב באמונה שלמה אז השי״ת איז דער ערשטער (פאר דער וועלט) און דער לעצטער (נאָך דער וועלט).

(במדרש) וה׳ אלהים אמ״ת, אל״ף בראש, מ״ם באמצע, תי״ו בסוף, לומר אני ראשון ואני אחרון. ד״ה, די אותיות אמ״ת צייגען אַז השי״ת איז אַ אמת׳ר גאָט, און איז דער ערשטער, און אין דער מיטען, און דער לעצטער. ער זאָגט: איך האָב נישט איבער גענומען מיין מלוכה פון אַן אַנדערען (ווייל ס׳איז נישט געוועזען קיין אַנדערער), אויך וועל איך נישט איבערגעבען מיין מלוכה צו אַן אַנדערען (ווייל ס׳איז ניטאָ קיין אַנדערער און ס׳וועט נישט זיין). ומבלעדי אין אלהים, שאין לו סוף, ס׳איז ניטאָ קיין צווייטער.

אין דער תורה שטהעט דריי מאָהל אהיה. ד״ה, איך בין געוועזען, איך בין יעצט, און וועל זיין אויף תמיד. בתרגום יונתן, על פסוק: ראו עתה כי אני אני הוא, דהויתי, ודהוית, ואנא עתיד למהוי, איך בין געוועזען, און בין יעצט, און וועל זיין אויף תמיד.

(מדרש) משה רבינו האָט געזאָגט צו פרעה׳ן, אַלע דיינע אָפגעטער זיינען טויטע קערפערס. אָבער השי״ת איז „אלהים חיים ומלך עולם״, ער איז געוועזען נאָך בעפאָר ער האָט די וועלט בעשאַפען. און איז יעצט, און וועט זיין אויף אייביג. אויך ביים דאַוונען שטעהט: אתה הוא עד שלא נברא העולם, ומנשברא העולם, ובעולם הזה, ולעולם הבא, אלהי הראשונים והאחרונים, א.ז.וו.

אויך אין ישעיה שטעהט: אני ה׳ ראשון, ואת אחרונים אני הוא, למען תדעו ותאמינו ותבינו כי אני אני הוא. איך בין דער 1טער,

אויך נאָך די לעצטע בין איך. איהר זאָלט וויסען, און גלויבען, און פערשטעהן, אַז איך בין גאָט, פאַר מיר איז נישט געווען קיין אַנדערער, און נאָך מיר אויך נישט. (ווייל ס'איז גאָר ניטאָ אַזאַ זאַך וואָס זאָל זיין פאַר איהם און נאָך איהם).

(תהלים) מעולם ועד עולם אתה אל, נכון כסאך מאז מעולם אתה. דו ביזט פון אייביג ביז אייביג, און דיין שטוהל איז אויך פון תמיד ביז אייביג. לפנים הארץ יסדת, ומעשה ידיך שמים. המה יאבדו ואתה תעמוד, אפילו ווען הימעל און ערד וועלען זיך ענדיגען, אָבער דו בלייבסט אויף תמיד.

הרמב"ם, היסוד הרביעי, הקדמות. דאָס הייסט, אַז השי"ת איז אַ קדמון, ער איז געוועזען בעפאָר פון אַלעם, וואָס ס'געפינט זיך אויף דער וועלט, אָבער אַלעס עקסטער איהם זיינען נישט קיינע ערשטע, נישט אויף דעם הימעל, און נישט אויף דער ערד, און די ימים, און אין דער לופט, און אַלע יסודות, אש, רוח, מים, עפר, און אַנדערע פערשידענע מאַטריאַלען אָדער קרעפטען און בעווענונג, א.ד.ג. אַלעס איז שפּעטער בעשאַפען געוואָרען, און ס'עקזיסטירט נישט קיין שום ערשטע זאַך אָדער שטאָפען אָדער קרעפטען עקסטער השי"ת אַליין.

(אַ באַמערקונג. ווארום דערמאַנט דער רמב"ם נאָר דאָס וואָרט „קדמות", און נישט קיין „אחרית", אַזוי ווי ס'שטעהט אין „אני מאמין". דאָס זעלבע איז אויך אין שיר „יגדל", וואָס שטעהט נאָר פון קדמות? אָבער אין שיר „אדון עולם" שטעהען שוין ביידע: „אשר מלך בטרם כל יציר נברא". דאָס איז „קדמות", „ואחרי ככלות הכל לבדו ימלוך נורא", דאָס איז „אחרית". (אין מיין ספר אמונה שלימה ווערד דאָס ערקלעהרט). אַלענפאַלס איז פעסט געשטעלט אַז השי"ת איז אַ „קדמון", און אַלעס פון דער וועלט איז „מחודש", און בעשאַפען געוואָרען פון דעם בורא עולם, אין די ששת ימי בראשית.

אמונה עיקר ד. שלימה

(כוזרי) סאַי על פי התורה ואמונה, סאַי על פי חקירה, איז פעסט געשטעלט, אַז אַלעס פון דער וועלט עקסטער השי"ת, זיינען אַלע „מחודש", ד"ה, זיי זיינען בעשאַפען אין די ששת ימי בראשית, און נאָר השי"ת אַליין האָט זיי בעשאַפען. ער ברענגט פערשידענע ראיות, און איז מדחה אַלע כופר'ישע פילוזאָפישע מיינונגען וואָס זאָגען אַנדערש. ביי זיי איז די וועלט שוין „אַלט" זעהר אַלט. אָבער וויפיעל? וויסען זיי אַליין נישט, זיי האָבען גאָר נישט אַזוי פיעל נול'ן דאָס אויסצורעכענען. זה יאמר בכה, וזה יאמר בכה, אָבער קיין ריכטיגען רעזולטאַט האָבען זיי נישט. זיי האָבען געפונען אַלטע ביינער און שטיינער, א.ד.ג. און דאָס האָט זיי גע־בראַכט צו זייער נאַרישער טהעאָריע, אָבער אַ געניוען איבערצייגונג האָבען זיי נישט. נאָר איין זאַך איז זיי גענוג, אַז וואָס ס'שטעהט אין דער תורה דאַרפען זיי זאָגען קאַפויר, און זייער שיחת חולין איז ביי זיי טייערער פון דער תורה. אָבער די אמת'ע אידען די אמת'ע מאמינים, וויסען אַז כל דבריהם איז שקר וכזב, און וואָס ס'שטעהט אין דער תורה איז אמת ויציב.

(אבן עזרא פ' יתרו) שרייבט, אַז נאָר די אידען וואָס געהען בדרכי התורה ואמונה, זיינען מודה אין זמן בריאת העולם, וואָס מיינט, אַז די וועלט איז אַלט „חמשת אלפים ושבע מאות וחמש", ד"ה **5705** יאָהר, נישט מעהר. אויך שרייבט ער, אַז די חכמי האומות זיינען אויך מודה אַז השי"ת אַליין האָט בעשאַפען די וועלט, אָבער זיי זאָגען אַז ער מאַכט תמיד נייע זאַכען אָהן אַן אַנהויב און אָהן אַ סוף. (זייער מיינונג איז אומפערשטענדליך, דען אויב זיי גלויבען נישט אין דער תורה, איז דאָך ניטאָ פון וועמען צו רעדען, און אויב זיי גלויבען יאָ אין דעם בורא עולם, און אין דער תורה, טאָ ווי איז מען אַזוי בלינד נישט צו זעהן וואָס די תורה זאָגט: „כי ששת ימים עשה ה' את השמים ואת הארץ", „וביום השביעי שבת וינפש", „ויכלו השמים והארץ וכל צבאם", „ויכל. וישבת ביום השביעי", „כי בו שבת מכל מלאכתו". ד"ה, אַז אין **6** טעג האָט ער בעשאַפען אַלעס, און דעם זיבעטען טאָג איז

אַלעס געוועזען געענדיגט. אויך אין די עשרת הדברות שטעהט: „כי ששת ימים עשה ה׳ השמים, והארץ, הים וכל אשר בם, וינח ביום השביעי״, ער האָט גערוהט דעם זיבעטען טאָג, פון זיין גאַנצער ארבייט. נאָר ס׳איז מעגליך אַז זיי מאַכען נישט קיין קידוש, און זיי ווייסען נישט פון שבת, ווייל דאָס איז דאָך אַ געזעץ נאָר פאַר אידען וואָס ווייסען פון תורה און פון שבת. ווי ס׳שטעהט: „ושמרו בני ישראל את השבת, ביני ובין בני ישראל אות הוא לעולם״, אָבער נישט צו די בני עשו. „ולא נתתו לגויי הארצות, ולא לעובדי פסילים״, „כי לישראל עמך נתת באהבה״, איז ממילא ביי זיי ניטאָ קיין שבת, און קיין שבת וינפש).

נאָר עקסטער אמונה, איז זייער מיינונג נישט פּאַקטיש. דען „וואָס״, און „ווי״, זיינען די זאַכען וואָס זיינען פריש בעשאַפען געוואָרען? אפשר אַ נייעם שטערן, אַ נייעם קאָמעט, אַ ניי פליגאַלע א.ד.ג. אויב אפילו זיי געפינען אַזעלכע זאַכען, איז דאָס נישט קיין נייע בעשעפענישען, נאָר זיי זיינען אַלטע זאַכען וואָס מ׳האָט זיי ערשט שפּעטער געפונען. אפילו די נייע ערפינדונגען וואָס די וויסענשאַפט מענשען האָבען שפּעטער ענדעקט, איז אויך נישט קיין ניי בעשעפעניש, נאָר ס׳איז נישט ענדעקט געוואָרען ביז צו דער צייט וואָס זיי ווערען ענדעקט. „דור ודור וחכמיו ודורשיו״, אָבער „אין כל חדש תחת השמש״, ווייל בעשאַפען זיינען זיי אַלע אין איין צייט. ניטאָ קיין נייעס, נאָר נייע ערפינדונגען, און נישט נאָר אין אונזערע צייטען, נאָר אויך אין די אַלטע צייטען איז דאָס געשעהן. אפילו „נח״ און „אדם הראשון״ האָבען ערפונדען נייע מעטאָדען. נח האָט ערפונדען ווי אַזוי צו אַקערן מיט גראָב אייזען. אדם הראשון, אויף איהם זאָגען די חז״ל: „כמה יגיעות יגע אדם הראשון עד שמצא פת לאכול״, און אייניגע וואָס די תורה רעכענט אוים זייערע ערפינדונג, ווי: הוא היה אבי כל תופש כנור, און לוטש כל חורש נחשת וברזל. און אויב ביי אונז איז דאָס אַ קליינע קונץ, אָבער ביי זיי איז דאָס געוועזען גאָר אַ וויכטיגע ערפינדונג. אמת די לעצטע צייט שטייגט די וויסענשאַפט מעהר ווי אַלע

צייטען. אָבער דאָס איז אויך נישט קיין נייעס, דען דער זוהר הק׳ האָט שוין לאַנג געזאָגט אַז אין משיח׳ס צייטען וועט ענדעקט ווערען פערשידענע חכמות א.ז.וו. אָבער דאָס אַלעס הייסט נישט נייע בעשאַפען, נאָר נייע ערפונדען.

(מורה נבוכים) עפ״י תורה ואמונה אמיתית שאין להרהר אחריה. איז, אַז די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען פונ׳ם בורא עולם, אין דער צייט וואָס איז גוט בעקאַנט (ד״ה, צוריק מיט 5705 יאָהר). און בעפאָר איז נישט געווען קיין שום זאַך, קיין הימעל און ערד, קיין וואַסער קיין פייער, קיין מלאך וגלגל, קיינע כוכבים ומזלות, קיין מאַטריאַל, מיט איין וואָרט גאָר נישט, נאָר השי״ת אַליין און נישט מעהר. ער צושליידערט אַלע פאַלשע מיינונג פון די פילוסופים וואָס דענקען אַנדערש. ער איבערצייגט אַלעס הן עפ״י תורה והן עפ״י פילוזופישע ראיות. און פיהרט אויס: אַז מיר גלויבען אין השי״ת אַז ער האָט די וועלט בעשאַפען, ער אַליין אָהן שום וועלכען כח און אַנדערער מיטהילף. און נאָר ער איז אַ קדמון. אָבער אַלע אַנדערע זאַכען זיינען מחודש, און השי״ת האָט זיי בעשאַפען „מאין ומאפס״, פון גאָר נישט. דאָס הייסט אַ „יש מאין״, און האָט אַלעס בעשאַפען נישט במקרה און נישט בהכרח, ד״ה, נישט דורך צופאַל, אָדער דורך געצווינגענע בעוועגונג. נאָר מיט דעם אייגענעם רצון. און די תורה איז דאָס בעסטע איבער־צייגונג, און דער גרעסטער אמת. און קיין חכם, קיין פילוסוף, קאָן דאָס נישט אָפּלייקענען, און אַפילו די גריכישע פילוסופים מיט אריסטו בראש וויסען נישט די אַלע סודות פון מעשה בראשית מעהר פון אַן אַנדערען, דען זייער גאַנץ וויסענשאַפט בעשטעהט נאָר פון השערות און מיינונגען. אָבער דאָרט ווי זיי טשעפּען די אמונת התורה, דאָס איז שוין צופיעל חוצפה, און זייערע מיינונגען זיינען הבל הבלים. זיי וועלען קיין מאָהל נישט קאָנען אָפּלייקענען די תורה. וואָס זאָגט בפירוש, אַז השי״ת האָט בעשאַפען די וועלט בששת ימי בראשית. מיט זיין אייגענעם כח און רצון. און אַזוי האָט ער געוואָלט, און דאַמאָלס האָט ער געוואָלט, און געזאָגט,

און געטהון, און ס'נישטאָ קיין אורזאַכע אויסצוהערען די קריטיקער אָדער זיי אָפּ צו ענטפערען, ווייל אַלעס פון דער תורה איז און ס'בלייבט אמת וצדק.

(כוזרי) אַ ראיה אויף ז' ימי בראשית, פון דעם וואָס די גאַנצע וועלט צעהלט זיבען טעג אין דער וואָך. (מיין מיינונג איז, אויך פון דעם וואָס מיטוואָך הייסט מיטוואָך, און ס'איז דאָך טאַקי דאַמאָלס די מיט פון דער וואָך. חאָטשע זיי גלויבען נישט אין שבת, אָבער מן הסתם האָבען זיי אַזוי מקבל געוועזען פון זייערע עלטערען).

(ברמב"ן ועקידה) שבת איז אַ ראיה אויף בריאת העולם דורך השי"ת. שבת צייגט אַז השי"ת איז אַ קדמון און דער בורא. און אַלעס עסקטער איהם זיינען מחודש, און איז דוחה די פאַלשע מיינונג פון די כופרים, און דאפיר איז ריכטיג דער מאמר חז"ל אַז „המחלל שבת איז אַ כופר בעיקר ובתורה".

(במדרש) טורנוסרופוס הרשע האָט געפרעגט ר' עקיבא'ן: „מה יום מיומים", מיט וואָס איז דער טאָג „שבת" בעסער פון אַנדערע טעג? האָט ר' עקיבא איהם געפרעגט „מה גבר בגוברין", מיט וואָס ביסטו בעסער פון אַנדערע מענשען? האָט ער געענפערט, ווייל דער קעניג וויל איהם צוטהיילען דעם כבוד. דארויף האָט ר' עקיבא איהם געענטפערט, ווייל השי"ת וויל דעם טאָג שבת צוטהיילען דעם כבוד. דאַן האָט איהם ר"ע איבערצייגט מיט דעם טייך „סמבטיון", וואָס אַ גאַנצע וואָך וואַרפט ער שטיינער אָבער שבת רוהעט ער. נאָך אַ ראיה פון דעם אוב וידעוני (דאָס איז אַזאַ מין כישוף וואָס מברענגט אויף אַ טויטען און מ'רעדט מיט איהם, אָבער שבת קאָן דאָס נישט זיין). האָט ער געפרוווט אויף צו ברענגען זיין טויטען פאָטער אין מיטען דער וואָך יאָ, אָבער שבת נישט. און דער מת האָט איהם מודיע געוועזען אַז די מתים רוהען דאָרט אום שבת בעל כרחם. (דער כישוף איז פערבאָטען אין דער תורה גלייך ווי אַלע מיני כישוף. עקסטער דעם, איז דאָס אין אונזערע

צייטען נישט בעקאַנט. אויך דער סמבטיון איז אונז נישט בעקאַנט. אָבער דאַמאָלס איז דאָס געווען בעקאַנט). אָבער מיר האָבען נאָך אַ בעסערע ראיה פון דער תורה. דאָס איז דער „מן" וואָס איז געפאַלען יעדען טאָג פאַר יעדען מענש, אָבער שבת נישט. נאָר פרייטאג איז געפאַלען צוויי פּאַרציעס פאַר יעדען. און דאָס האָט אַזוי געדויערט פערציג יאָהר ביז זיי זיינען געקומען קיין ארץ ישראל.

(במד"ר) אַ פילוסוף האָט געזאָגט צו רבן גמליאל: אייער גאָט איז אַ גרויסער קינסטלער וואָס האָט באַשאַפען אַזאַ וועלט. נאָר ס'איז קיין חידוש נישט, אַז ער האָט געפונען אַזעלכע מאַטע־ריאַלען וואָס זיי האָבען איהם צו געהאָלפען צו דער אַרבייט. תהו. בהו. חשך. רוח. מים. תהומות, א.ד.ג. (דער אַפּיקורס האָט אויך געפונען די מינים. ער איז, תהו. ובהו. און חשך. ורוח. כל דבריו איז דברי רוח. און דאָס איז די שיטה פון די אַפּיקורסישע פילוסופען, אַז ס'איז געווען אַ מין מאַטריאַל פאַר בריאת העולם, אָבער כל דבריהם הבל הבלים. ווייל זיי גלויבען נישט אין „קדמות הבורא", און אין „חידוש העולם". אָבער דער רמב"ם, און כוזרי און רמב"ן און עקידה, און אַנדערע האָבען שוין ערקלעהרט עפ"י תורה, און עפ"י וויסענשאַפט, אַז השי"ת איז אַ קדמון און אַלעס איז מחודש). אָבער רבן גמליאל האָט גוט געענטפערט דעם אַפּיקורס. אַז די אַלע זאַכען זיינען נישט געוועזען בעפאָר, נאָר השי"ת האָט אַלעס בע־שאַפען, ווי ס'שטעהט „יוצר אור", „ובורא חשך", „שמי השמים והמים", כי הוא „צוה ונבראו", „יוצר הרים ובורא רוח". (און דער פילוסוף האָט שוין מעהר נישט געפלוידערט ווייל פאַר אַ פּסוק האָבען זיי דרך ארץ).

(גמרא סנהדרין) דער מענש איז בעשאַפען געוואָרען אַ איינציגער, אום די אַפּיקורסים זאָלען נישט קאָנען זאָגען אַז ס'איז דאָ מעהר פון איין בורא. דאָס הייסט הרבה רשויות. אויך צו צייגען דאָס גרויסקייט פון דעם בורא. אַז ער האָט בעשאַפען אַלע

מענשען מיט איין פאָרעם און מיט איין זיגעל און צורה פון אדם הראשון. און דאָך זיינען זיי נישט גלייך איינער צום אנדערען.

(במורה נבוכים) השי"ת האָט אַלעם בעשאַפען מאפס ואין, ד"ה אַ „יש מאין" פון גאָר נישט, נישט ווי דער פילוסאָף אפאלטון און אַנדערע האָבען געדענקט אַז ס'איז בעפאָר בעשאַפען געוואָרען אַ מין חומר „מאַטריאַל", און פון דעם איז בעשאַפען געוואָרען הימעל און ערד און אַנדערע זאַכען, ווייל דאָס איז געגען דער תורה. אויך דער רמב"ן שרייבט וועגען דעם „חומר היולי". אָבער דער אפיקי יהודה ברענגט די סברות פון „רבינו סעדיה גאון" און פון דעם רמב"ן, און בעל עקידה, ועקרים, און וואָס דער אברבנאל זאָגט אַז די סברא פון חומר היולי איז נאָר געפאַסט פאַר די וואָס גלויבען נישט אין דער תורה. אָבער די בני תורה ואמונה, דאַרפען גאָר נישט האָבען קיין חומר היולי, נאָר השי"ת האָט בעשאַפען אַלעם אַ „יש מאין", און ס'איז גאָר ניטאָ קיין שוועריגקייט פאַר השי"ת ער זאָל אַלעם בעשאַפען פון „גאָר נישט" מיט איין מאָל, פונקט ווי ער זאָל בעשאַפען פון אַ חומר היולי.

אויך וואָס איניגע פריידענקערס זאָגען אַז דער מענש שטאַמט פון מאַנקעס, איז דאָך שוין אָפּגערעדט אַז דאָס איז געגען דער תורה. נאָר זיי די ערפינדער פון דער נאַרישער טהעאָריע זיינען טאַקי פאַסיג צו דעם יחוס. זיי זיינען אמת'ע מאַנקעס, און זייער יחוס שטאַמט טאַקי פון דעם עלטער זיידען דאָס איז דער מאַנקי הראשון. אָבער מיר אידען זאָגען זיך אָפּ פון דעם יחוס. אונזער שטאַם איז פון די אבות און פון „אדם הראשון" יציר כפיו של הקב"ה, מיט אַ נפש, רוח, ונשמה.

(במשנה חגיגה) אין דורשין מה למעלה מה למטה מה לפנים מה לאחור. מ'טאָר נישט פאָרשטען וואָס ס'איז געוועזען פאַר דער וועלט, און נאָך דער וועלט. (ובספרי אמונה שלימה, הבאתי דברי הגאון בעל תפארת ישראל. ומה שכתבתי שם על זה. ואין כאן מקומו).

עיקר ה

אני מאמין באמונה שלמה שהבורא יתברך שמו לו לבדו ראוי להתפלל, ואין לזולתו ראוי להתפלל.

איך גלויב באמונה שלמה אז השי״ת איז א איינציגער וואָס מ׳דאַרף צו איהם מתפלל זיין, אָבער נישט צו קיין אנדערן.

הרמב״ם, היסוד החמישי. שהשי״ת הוא ראוי לעבדו, ולגדלו ולהודיע גדולתו ולעשות מצותיו, ושלא יעשו כזה למי שהוא תחתיו במציאות, מן המלאכים, וגלגלים, והיסודות ומה שהורכב מהם וכו׳. אלא לו לבדו השי״ת. וכן אין ראוי לעבדם כדי להיותם אמצעים לקרבם אליו, אלא אליו לבד יכוונו המחשבות, וינוחו כל מה שזולתו. וזה היסוד החמשי הוא שהזהיר על ע״ז, ורוב התורה מזהרת עליו. עכ״ל.

דאָס הייסט, אז מ׳דאַרף דיענען צו השי״ת און אָפּהיטען זיינע מצות. אָבער מ׳טאָר נישט טהון דאָס אַלעס צו אַן אַנדער בעשעפעניש, פון מלאכים, גלגלים, כוכבים, ומזלות, אָדער וועלכע אַנדערע זאַכען פון הימעל און ערד, און וואַסער, און אַלע יסודות פון דער וועלט, ווי אש, רוח, מים, עפר, און אַנדערע זאַכען וואָס זיי זיינען געמאַכט פון זיי. ובפרט פערשידענע ע״ז און צלמים וואָס די גוים בענוצען וועגען זייער גלויבען. נאָר צו השי״ת אַליין, און נישט מעהר. און דאָס איז דער פערבאָט פון דער תורה אויף נישט צו דינען די ע״ז. וועלכעס ס׳איז פיעל מאָל פערבאָטען אין דער תורה. (צו באַמערקען דעם חילוק פון דעם רמב״ם׳ס לשון ביז דעם נוסח פון „אני מאמין״. דאָ שטעהט „מתפלל צו זיין״, און דאָ שטעהט „צו דינען״. האָטש, דאָס באַדייטונג איז גלייך, ווייל

מתפלל זיין און דינען איז אַלץ איינס. נאָר דער חילוק איז אַז „מתפלל זיין" מיינט איין זאַך. און „דינען" מיינט מקיים צו זיין אַלע מצות. אויך איז קשה, וואָס דער רמב"ם שטעלט אריין אין דעם עיקר צוויי זאַכען. איינס, „לעבדו" דאָס איז אַ „מצות עשה" איהם צו דינען, און דאָס צווייטע איז: נישט צו דינען די ע"ז, וואָס דאָס איז אַ „מצות ל"ת", און צום סוף ברענגט ער אַ ראיה נאָר אויף דער ל"ת פון ע"ז. אָבער אויף דער מ"ע פון „לעבדו" ברענגט ער גאָר נישט קיין ראיה. אויך איז דאָס וואָרט „ראוי" נישט אַזוי פּאַססיג צו אַזעלכע צוויי גרויסע וויכטיגע געבאָט. ס'וואָלט גיכער געפּאַסט דאָס וואָרט „צריך" אָדער „חייב". און אויף דעם פערבאָט פון ע"ז האָט געדאַרפט שטעהן „אסור" לעבוד זולתו. (עיש ליישב). אָבער דער של"ה שרייבט דאָס מיט דעם לשון. „שאין לעבוד ולהתפלל לזולתו כי לו לבדו יאתה העבודה, ולא לזולתו, כי כולם ברואים, ואין להם יכולת, והוא יתברך כל יכול". עוד ברמב"ם, שכל המעלה בדעתו שיש אלה אחר חוץ מהשי"ת. ווער ס'דענקט אַז ס'עקזיסטירט אַן אַנדערער גאָט עקסטער השי"ת, איז עובר אויף דעם געבאָט פון „לא יהיה לך אלהים אחרים".

(רמב"ם הלכות תפלה) מצות עשה להתפלל בכל יום. שנאמר: „ועבדתם את ה' אלקיכם", וכן „ולעבדו בכל לבבכם". ובחז"ל איזה עבודה שהיא בלב, זו תפלה. ד"ה, ס'איז אַ „מצות עשה" צו דאַוונען יעדען טאָג. ס'ווערד אָפּגעלערנט פון „ולעבדו בכל לבבכם", ד"ה, אַז נישט נאָר צו זאָגען מיט'ן מאָל, נאָר מיט דעם גאַנצען האַרץ. דברים היוצאים מהלב, דאָס זעלבע שרייבט ער אין ספר המצות: מ"ע שצונו לעבדו. ובספרי, ולעבדו זו תפלה. וכן אותו תעבוד, און די דינים פונ'ם דאַוונען זיינען פיעל אין רמב"ם, און אין שולחן ערוך, און אין אַנדערע פוסקים.

דער רמב"ם רעכענט אוים אַלע לאווין פון ע"ז. איך וועל דאָ ברענגען אייניגע פון זיי. ס'איז פערבאָטען פון דער תורה, צו

גלויבען אין אַן אנדער גלויבען עקסטער גאָט. ניט צו מאַכען אַ ע"ז, אפילו נישט צו דינען. מ'טאָר נישט מאַכען קיינע צורות, פסל, תמונה, אלילים, צלמים, א.ד.ג. נישט צו בוקען זיך פאַר זיי. נישט צו דינען זיי. קיין צלם, פסל, פון גאָלד און זילבער, און האָלץ, שטיינער, אָדער אַנדער מעטאל. נישט מאַכען, און נישט האָבען אַזעלכע זאַכען וואָס אַנדערע האָבען געמאַכט. און קיין באָק קיין פיגור קיין מאַנו־מענט פון אַ מענשליכער צורה. אפילו נישט וועגען ע"ז, נאָר פאַר צירונג, אָדער אַן אנדענק פון אַ מענש, א.ד.ג. נישט צו דערמאָנען די נעמען פון זייער ע"ז. און נישט צו דענקען אַז זיי האָבען עפּעס אַ קראַפט, און נישט געניסען עפּעס פון דער ע"ז, ווייל אַלעס איז אסור בהנאה, (ווי צב"ש מ'האָט געפונען בשעת מלחמה אין אַ דייטשען קלויסטער אַ שטאַטשוע פון זייער גלויבען באַדעקט מיט גאָלד און זילבער און בריליאַנטענע אויגען. אויך אין דער אַלטער שטאָט וואָס איז אבי אבות... געפינט זיך אויך אַזעלכע ע"ז). איז עקסטער וואָס מיר גלויבען נישט אין זייער ע"ז, איז דאָס נאָך אַ עקסטערע ל"ת פון „לא תחמוד כסף וזהב עליהם", ד"ה מ'טאָר נישט גלוסטען דאָס גאָלד און זילבער און דיימאַנד פון דער ע"ז, און אַלעס איז אסור בהנאה. מ'טאָר נישט מקריב זיין צו זיי אַ קרבן, אַזוי ווי די אַלטע געציין דינער פלעגען בענוצען. און נישט געהן בחקות העכו"ם, קיין שום כישוף. אוב וידעוני, ודורש אל המתים, א.ד.ג. און נישט נאָך נעמען נאָך זייערע מנהגים וואָס איז ביי זיי אַ מין עבודה. און אין דעם כלל איז אַריינגערעכענט דרכי אמורי, דרכי מינית און אַפּיקורסיש. ד"ה, אַ כופר בעיקר, און דאָס איז ערב משומד אַזוי ווי דער „דבר אחר" האָט אָפּגעטהון אין דער אַלטער עובר ובטל'דיגער שטאָט, און האָט זיך גע'שמד ל"ע אַ שיינע ריינע כפּרה, ער וויל נישט לעבען און נישט שטאַרבען, אָבער פּגר'ן יאָ, זאָל איהם וואויל בעקומען. אָבער ער האָט נישט געדאַרפט הייסען ראַבאַי נאָר דבר אחר, ווייל אַ איד טהוט נישט אַזאַ זאַך ובפרט נאָך אַ ראַבאַי אפילו אַ קל שבקלים, און ס'איז אַריינגערעכענט אַ כופר בתורה, אפילו בתורה שבע"פ. און המלגלג על המצות, ודורש דרשות

אמונה   עיקר ה.   שלימה

של דופי, ומגלה פנים בתורה שלא כהלכה, והמבזה ת"ח, וכו'. וברמב"ם וביורה דעה באריכות כל פרטי הדינים.

(ברמב"ם) בימי דור אנוש התחיל הטעות של ע"ז. דער טעות פון ע"ז האָט זיך אָנגעהויבען אין דור אנוש. און זיי האָבען געמאַכט פערשידענע אָפּגעטער. (אַזוי ווי ס'ווערד דערמאָנט אין תנ"ך, פון די ע"ז אין מצרים, און אין כנען, בעל פעור, און נאָך אַנדערע. אייניגע האָבען געגלויבט אין גאָט, אויך אין זייערע שותפות'דיגע ע"ז. און שפּעטער איז פון זיי אינגאַנצען פערגעסען געוואָרען דאָס גלויבען אינ'ם אמת'ן גאָט, און ס'איז נאָר געבליבען דאָס פאַלשע גלויבען, און האָבען געמאַכט פערשידענע פסילים און צלמים און אלילים, לויט זייערע נאַרישע געפיהלען). ביז ס'איז געקומען דאָס ליכט פון דער וועלט, דאָס איז אברהם אבינו, און האָט באַלד דערקענט אַז די אַלע ע"ז זיינען נישט מעהר ווי שקר וכזב, און האָט נאָך געפאָרשט דעם אמת'ן בורא, דאָס איז דער אמת'ר גאָט, און השי"ת האָט זיך צו איהם ענדעקט, ער האָט איהם געזוכט און געפונען, און האָט צעבראָכען אַלע ע"ז, און האָט מודיע געוועזען אַז ס'איז דאָ אַ בורא עולם. „ויקרא בשם ה'", און האָט געלערענט זיין זוהן יצחק און יעקב און אַנדערע דעם דרך האמת, ביז דורו של משה רבינו. און השי"ת האָט איהם אוים-געקליבען פאַר דעם גרעסטען נביא פון אַלע נביאים, און האָט בוחר געוועזען בישראל עמו לנחלה, און האָט זיי געגעבען די תורה ומצות דורך משה רבינו א.ז.וו.

(מדרש) מאַי דאָך ווער ס'דינט צו דער ע"ז איז ער גלייך מיט זיי. כמ"ש כמוהם יהיו עושיהם, כל שכן ווער ס'דינט להקב"ה איז דאָך געמאַלט ער זאָל זיין גלייך צו השי"ת און צו זיינע מדות.

(מדרש) אלו אחר אומר, ווען אַן אַנדערער זאָל געוועזען זאָגען „עתה ידעתי כי גדול ה' מכל אלהים", וואָלטען געוועזען געזאָגט, ער ווייסט נישט פון ע"ז גאָר נישט. אָבער אַז יתרו האָט געזאָגט, וואָס ער האָט דאָך יאָ געוואוסט פון אַלע ע"ז, און אַזוי

ווי ער האָט איינגעזעהן אַז זיי זיינען גאָר נישט, איז ער געקומען און האָט זיך מגייר געווען. ער האָט געקאָנט זאָגען, אַז איצט ווייס איך דעם דיפערענץ פון דעם אמת'ן גאָט ביז די פאַלשע אָפּ־געטער. במדרש, השי"ת האָט געעפענט אַלע זיבען הימלען, און זיי געוויזען אַז ס'איז ניטאָ קיין אַנדערער.

(במדרש) הקב"ה הוא רחוק, ער איז ווייט, ער איז אין הימעל. אָבער ער איז נאָהנט צו הערען די תפלות אפילו ווי שטיל מען דאַווענט, אָבער די ע"ז איז פונקט פערקעהרט, זי איז נאָהנט, ביים גוי אין שטוב, אָבער זי איז ווייט, ווען ער שרייט און בייט אָבער קיינער הערט נישט.

(בגנות ע"ז) ישעי' „נסוגו אחור יבושו הבוטחים בפסל". „חרש עצים נטה קו, חציו שרף במו אש, ושאריתו לפסל". „יסגד וישתחוה לו", „ומתפללים אליו ולא ישמע", „ממקומו לא מש אף יצעק אליו ולא יענה". ד"ה, זיי וועלען זיין אַרונטער און פער־שעהמט, די מענשען וואָס האָבען בטחון אין פסל און אין אָפּגעטער. דער מייסטער נעמט אַ שטיק האָלץ, און אַרבייט דאָס מייסטעריש. העלפט נוצט ער צום פייער, ער קאָכט און באַקט און ער וואַרימט זיך אָן, און פון דעם איבעריגען מאַכט ער אַ פסל, אַ באָק, אַ פיגור, אַ צלם, און ער בוקט זיך צו דעם, און איז מתפלל צו איהם, אָבער דער גולם הערט נישט, ער ריהרט זיך נישט, אפילו ווען מ'שרייט צו איהם, קאָן ער נישט ענטפערען.

(ירמיה) אומרים לעץ אבי אתה, ולאבן את ילדתני. זיי זאָגען צו אַ שטיק האָלץ, די ביזט מיין פאָטער, און צו אַ שטיין, דו האָסט מיך געבוירען. כי עץ מיער כרתו מעשה ידי חרש, זיי שניידען אוים אַ בוים פונ'ם וואַלד, און בעאַרבייטען דאָס מייסטער־ווערק און מאַכען פון דעם אַ אָפּגאָט, אַ אליל, אַ צלם, א.ד.ג. אויך זאָגט ער „אלקיא די שמיא וארעא לא עבדו", אַזאַ מין אָפּגאָט וואָס האָט נישט בעשאַפען הימעל און ערד, „יאבדו מארעא ומן תחות שמיא אלה", וועלען פערלוירען ווערען.

(תהלים) כי כל אלהי העמים אלילים. אַלע פרעמדע אָפּ־געטער זיינען אלילים. (דאָס מיינט, אַז ס׳איז ניטאָ קיין אויסנאַמען אַז דעם׳ס אָפּגאָט האָט אין זיך מעהר אמת פון דעם אַנדערען. ניין! זיי זיינען אַלע גלייך, גאָר נישט, מיט גאָר נישט, סאַי עשו׳ס סאַי אדום׳ס, סאַי מצרים׳ס, סאַי צידונים׳ס, אַלע ע״ז זיינען אלילים). יבושו כל עובדי פסל, זאָלען זיך שעהמען די געצען דינער וואָס באַריהמען זיך מיט זייערע אלילים. עצביהם, זייערע עבודה זרה׳ס פון גאָלד און זילבער, מעשה ידי אדם, וואָס מענשען האָבען זיי געמאַכט. (דעם חילוק זעהט איהר, אַז זייערע פסילים, זייערע אָפּ־געטער האָבען דאָך מענשען געמאַכט, פון גאָלד און זילבער. און נעביך ביי די אָרימע גוים איז גענוג פון אַ שטיק האָלץ, פון אַ שטיין. פון אַן אַנדער מעטאַל, אַבי עפּעס צו לייטען גלייך. אַבער להבדיל באלף אלפים ביליאָן הבדלות אונזער גאָט, האָבען נישט מענשען געמאַכט, נאָר פערקעהרט ער האָט געמאַכט די מענשען מיט דער גאַנצער וועלט. ביי אונז איז קיין דיפערענץ פון אָרים ביז רייך, אַלע האָבען גלייך אַן איינציגען גאָט).

דאָן שטעהט אין תהלים, פה להם ולא ידברו, עינים, אזנים, די עבודה זרה׳ס האָבען אַ מויל, אַבער רעדען קענען זיי נישט, אויגען, און זעהען נישט, אפילו מיט די בריליאַנטענע אויגען זעהען זיי גאָר נישט, זיי האָבען אויערען און הערען נישט, אַ נאָז, אַבער שמעקען נישט, זיי ריהרען נישט מיט די הענט, מיט די פיס. (דאָס אַלעס איז פונקט פערקעהרט פון השי״ת, דען זיי האָבען אַלע אברים, אַבער די חושים און חיות האָבען זיי דאָך נישט. אַבער להבדיל ביי השי״ת כביכול איז דאָך ניטאָ קיין גשמיות, קיינע אברים, אַבער ער זעהט יאָ, און הערט יאָ, א.ד.ג. און ס׳איז זעלבסט פערשטענדליך דעם חילוק פון יעקב׳ס גלויבען ביז עשו׳ס און זיינע נאָכפאָלגער).

דניאל האָט געזאָגט צו בלשצר: על מרי שמיא התרוממת ושבחת לאלילים אשר לא ראו ולא שמעו. ולאל די נשמתך בידו לא הדרת. ד״ה, דו ווילסט דיך דערהויבען אויף דעם רבונו של

עולם, דו ווילסט זיין העכער פון איהם, און דו לויבסט דיינע געצען וועלכער זיי זעהען נישט און הערען נישט. אָבער צום אמת'ן גאָט וואָס דיין נשמה איז ביי איהם אין דער האַנט, האָסטו גאָר נישט בעשעהנט. ודניאל לא שמע למלך, ער האָט נישט געפאָלגט די גזירת המלך צו דינען זיינע אָפּגעטער, נאָר האָט געדינט צו גאָט און האָט מתפלל געוועזען דריי מאָהל טעגליך. און נאָך פיעל פסוקים בענין זה.

עלינו לשבח לאדון הכל, שלא עשנו כגויי הארצות וכו', דאָס איז די געצען דינער שהם משתחוים להבל ולריק. אָבער „ואנחנו כורעים ומשתחוים ומודים לפני מלך מלכי המלכים הקב"ה". ועל כן נקוה לראות בתפארת עוזך ולתקן עולם במלכות שדי, ויקבלו כלם עול מלכותך, לדור ודור המליכו לאל כי הוא לבדו מרום וקדוש, ומלכותו ואמונתו לעד קיימת, וכן הרבה.

(בגמרא, ומדרש, ורמב"ם) תפלות, אבות תקנום. אברהם האָט מתקן געוועזען תפלת שחרית. יצחק, מנחה. יעקב, מעריב. אויך איז דאָס געגען די קרבנות תמידים. מ'דאַרף דאַווענען יעדען טאָג די דריי תפלות. תפלה איז גרעסער פון מעשים טובים, און פון קרבנות. בזמן הזה שאין ביהמ"ק קיים, איז די תפלה מכפר און ס'ברענגט פיעל טובות. און אַז מ'הערט דאָס קול תורה, הערט השי"ת דאָס קול תפלה. און ס'איז זעהר וויכטיג צו דאַווענען בצבור, און מיט כוונה. די תפלה איז געוועזען אַלע דורות זעהר גרויס און חשוב. נאָך פון אברהם און יצחק און יעקב האָט זיך אַרויסגעוויזען דאָס חשיבות פון תפלה, און די אידען אין מצרים, ויצעקו בני ישראל אל ה', ואת צעקתם שמעתי, וישמע ה' את קולנו. און משה רבינו ווי גרויס ער איז געוועזען האָט ער פיעל מאָהל בענוצט די תפלה. און אַזוי אין די צייטען פון אַלע נביאים, זיי האָבען מתפלל געוועזען און גע'פּועל'ט, אויך די תנאים ואמוראים און צדיקים וחסידים שבכל דור, האָבען תמיד עוסק געוועזען מיט תורה ותפלה. די דינים פון תפלה זיינען געשריבען אין רמב"ם, און אין שלחן ערוך, און אַנדערע פוסקים. אין כאן מקומו להאריך. גם בספר

חסידים, רוקח, חובת הלבבות, ספר הישר, ראשית חכמה, של"ה, חרדים, און אין אנדערע ספרים ווערד פיעל גערעדט וועגען דעם.

(רמב"ם) תשובה ותפלה איז מכפר ווי קרבנות, אפילו צו איינעם וואס איז געווען א רשע, און טהוט תשובה, ותפלה, וצדקה, ומעשים טובים, ווירקט דאס אויף איהם, און ער ווערד דערנעהנטערט צו השי"ת. אויך יום כיפור איז מכפר צו די וואס טוהען תשובה, אויך די תפלות פון עשרת ימי תשובה.

(בכוזרי) אז דער חסיד ווערד בעגייסטערט פון תפלה און עבודת השי"ת, און ער איז מרגיש א הייליגקייט, גלייך ווי די שכינה און מלאכים זיינען מיט איהם צוזאמען. אויך ברמב"ם, ובגמרא, אז ביים דאווענען זאל ער זיך פארשטעלען גלייך ווי ער שטעהט געגען דער שכינה, און אויך ביים זאגען קריאת שמע, וקדושה, וברכו, וקדיש, זאל דאס זיין מיט התלהבות און בעגייס-טערונג, אויך בעקידה, ובעקרים וספרי מוסר וועגען דעם ענין.

(ברמב"ם) וועגען די צוויי מצות, אהבת, ויראת השם, וואס דאס איז דער גאנצער יסוד פון אידישקייט. ער גיט צו פערשטעהן ווי אזוי צוצוקומען צו דעם. ווען ער בעטראכט דאס גרויסקייט פון דער וועלט מיט איהרע בעשעפענישען פון גרוים ביז קליין, פון מלאכים, וצבא השמים, כוכבים, וגלגלים און אלע בעשעפעניש פון דער ערד, און פון די ימים, מאדם ועד בהמה, וצפור השמים, און ביז א קליין פליגאלע, און א שלשול קטן שבים, און צו בעמערקען די חכמה פון זיי אלע וואס השי"ת האט אין זיי אריינגעגעבען. ווי ס'שטעהט: „ה' בחכמה יסד הארץ, כונן שמים בתבונה". און „שאו מרום עיניכם וראו מי ברא אלה", וועט דאס איהם ברענגען צו אהבת ויראת ה' וכו'. (נישט ווי די קלים און פריידענקערס, און די איינשטיינס אז וואס מעהר זיי זיינען געלערענט מיט זייער וויסענשאפט, אלס מעהר ווערען זיי דערווייטערט פון אידישקייט. און זיי ווייסען גאר נישט וואס הייסט „אהבה ויראה", אז זיי זיינען נאך גאר ווייט פון דעם עיקר הגדול, צו גלויבען אין דעם

בורא עולם, און אין זיין תורה. און זיי שטעהען מיט איין פוס אויף דעם פרשת דרכים פון אסימילאציע, און וואלטען נאך געוואלט איבערשטייגען די גוים. ע"כ איז דאך תורה ומצות און אהבה ויראה ביי זיי א מין איבעריגע זאך. לא יזכר ולא יפקד. און דער טעם איז דאך בעוואוסט. „כל שיראת חטא קודמת לחכמתו חכמתו מתקיימת". אויב דער רמב"ם מיט די אנדערע חכמי התורה האבען געזוכט דורך פערשידענע וויסענשאפט צו דערגעהן צו הכרת הבורא, און צו „תורה ומצות" און „אהבת ויראת השם", האבען זיי דאס געפונען, „ובקשתם את ה' ומצאת". אבער די קלים זיי זוכען דאך גאר נישט קיין אידישקייט, נא פון וואנען זאלען זיי געפינען?

(ס'איז א דין אין דער גמרא און אין די פוסקים אז מ'זעהט א חכם פון די אומות העולם דארף מען מאכען א ברכה „שחלק מחכמתו לבשר ודם". און אויף א אידישען חכם דארף מען מאכען די ברכה „שחלק מחכמתו ליראיו". איז יעצט די פראגע ווען מ'זעהט אזא מין חכם וואס איז נישט קיין ירא שמים, ער ווייסט גאר נישט פון תורה פון יראה פון קיין אידישקייט אזוי ווי די פרייע, נישט קיין איד און נישט קיין גוי. נא וואס פאר א ברכה זאל מען מאכען איבער איהם? ווען מ'זאל זאגען אשר חלק מחכמתו ליראיו איז דאס א ברכה לבטלה. און גאר נישט מאכען קיין ברכה, איז דאך דער פארשוין באליידיגט, דען ער איז דאך אויך א חכם. וואלט אפשר געווען א עצה טובה מ'זאל זאגען אשר יצר את האדם בחכמה).

(במורה נבוכים) מוסר, ווי אזוי צו זיין נזהר אין תורה ומצות זעבודת ה', און זיין נזהר בשעת קריאת שמע ותפלה, און אנדערע מצות לשמה, און מקיים זיין דעם פסוק „שויתי ה' לנגדי תמיד", אז דאס איז דער כלל גדול צום אידישקייט, ווארין ס'איז נישט גלייך דאס אויפפיהרונג פון דעם מענשען ווען ער איז ביי זיך אין הויז אליין. צו דעם וואס זיצט פאר א מלך, בפרט פאר השי"ת וואס איז א מלך מלכי המלכים, ווען ער זעהט זיין אויפפיהרעכטס, איז דער מענש שטארק פארזיכטיגט ווי אזוי ער זאל זיך פיהרען, יעדען שריט און טריט, דאס הייסט „שויתי ה' לנגדי תמיד". און

אמונה עיקר ה. שלימה

דער רמ״א ברענגט דאָס ביים אָנפאַנג שלחן ערוך. אויך די גרויסע צדיקים וחסידים גאונים וקדושים האָבען זיך בענוצט מיט דעם ביי יעדער געלעגענהייט, ובפרט ביי תורה ומצות ומעשים טובים.

אין ספרי מוסר און אין חסידישע ספרים ווערד פיעל גערעדט וועגען דעם. בספר תולדות יעקב יוסף, בשם הצדיק ר׳ נחמן קאָסיווער. ער האָט געזאָגט מוסר צו זיינע מקורבים, און ערקלעהרט ווי מ׳דאַרף מקיים זיין דעם פסוק „שויתי ה׳ לנגדי תמיד״. נישט נאָר ביים דאַוונען און ביים לערנען, נאָר אויך ביי דעם מסחר און ביי דער מלאכה. און אפשר וועט איהר זאָגען אז ס׳איז נישט מעגליך בשעת וועלט זאַכען אין זינען צו האָבען הייליגע זאַכען. אָבער פאַר וואָס איז מעגליך בשעת דאַוונען אין זינען צו האָבען מילי דעלמא. אַזוי גוט איז דאָך מעגליך בשעת מילי דעלמא אין זינען צו האָבען וועגען דעם.

סוף דבר, איז דאָס דער עיקר דער שליסעל פון דעם גאַנצען אידישקייט, ווייל דאָס איז כולל פיעל מצות צוזאַמען, ציצית, תפילין, ק״ש, דאַוונען, קדושה, ברכו, קדיש, תורה, ומעשים טובים, שבת ויום טוב. בפרט בזמן הזה איז דאָס דאַוונען בצבור בביהכ״נ אַ פעסטונג צום אידענטהום. אנא זעהט נאָר די אידען וואָס געהען נישט אין שוהל, ווי ווייט זיינען זיי פון אידישקייט. און אַ חילוק צווישען איהם און צווישען דעם איד וואָס געהט יאָ אין שוהל. דער האָט אין זיך אַ גרויסען חלק פון אידישקייט, און ס׳קומט איהם נאָך מעהר צו פון יעדעם מאָל געהן דאַוונען, און ס׳פערבינדעט איהם מיט זיינע קינדער צו אַ „קהלת הקודש״, און איז מקיים „ונקדשתי בתוך בני ישראל״, דורך קדיש, קדושה, וברכו.

דאָס גרויסקייט פון תפלה איז בעקאַנט פון אַלע דורות פון אברהם אבינו און די נביאים, און דוד המלך מיט זיין תהלים, און תפלת שלמה. און אַנדערע נביאים. תפילת חנה, שמואל, יונה, חזקיה, חבקוק, ישעיה, ירמיה, זכריה, און חז״ל, און די לעצטע דורות החסידים. ותשובה ותפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה. און השי״ת איז אַ יושב על כסא רחמים.

עיקרי ו—ז

אני מאמין באמונה שלמה שכל דברי נביאים אמת.

איך גלויב באמונה שלמה אל אלע רייד פון די נביאים זיינען אמת.

אני מאמין באמונה שלמה שנבואת משה רבינו ע״ה היתה אמיתית, ושהוא היה אב לנביאים לקודמים לפניו ולבאים אחריו.

איך גלויב באמונה שלמה, אז די נבואה פון משה רבינו איז אמת, און ער איז געווען דער גרעסטער נביא פון אלע נביאים וואָס זיינען געווען פאר איהם, און נאָך איהם.

בפ׳ בשלח, „ויאמינו בה׳ ובמשה עבדו״, יתרו, בעבור ישמע העם בדברי עמך „וגם בך יאמינו לעולם״, רש״י, גם בנביאים הבאים אחריך. פ׳ תשא, ודבר ה׳ עם משה פנים אל פנים. נשא, ובבא משה אל אהל מועד וישמע את הקול מדבר אליו מבין שני הכרובים. בהעלותך, ויאצל מן הרוח אשר עליו ויתן עליהם ויתנבאו במחנה. מי יתן כל עם ה׳ נביאים. אם יהיו נביאכם ה׳ במראה אליו אתודע, לא כן עבדי משה בכל ביתי נאמן הוא, פה על פה אדבר בו. ראה, כי יקום בקרבך נביא. שופטים, נביא אקים להם מקרב אחיהם כמוך. ונתתי דברי בפיו, ודבר אליהם את כל אשר אצונו. והי׳ האיש אשר לא ישמע אל דברי הנביא אשר ידבר בשמי אנכי אדרוש מעמו, אך הנביא אשר יזיד לדבר דבר בשמי את אשר לא צויתיו וכו׳. וכי תאמרו איכה נדע את הדבר? אשר ידבר הנביא בשם ה׳, ולא יהיה הדבר ולא יבא, הוא הדבר אשר לא דברו ה׳ וכו׳. ברכה, ולא קם נביא כמשה וכו׳.

דאָס זיינען די פּסוקים פון דער תורה וואָס שטעלען פאָר דאָס גרויסקייט פון משה רבינו געגען אנדערע נביאים, און דאָס גרויסקייט פון נבואה בכלל, זיי האָבען געגלויבט אין גאָט, אויך אין משה זיין קנעכט, איך וועל רעדען צו דיר און זיי זאָלען הערען און גלויבען אין דיר אויף אייביג. השי"ת האָט גערעדט צו משה פנים אל פנים. ווען ער איז אריין געקומען אין אהל מועד האָט ער געהערט דאָס קול וואָס רעדט צו איהם. משה האָט אָפּגעטהיילט פון זיין נבואה צו די זיבעציג זקנים און זיי זיינען באַלד געוואָרען נביאים. משה איז דער גאַנצער נאמן אין מיין הויז, ד"ה אויף דער גאַנצער וועלט. איך רעדט צו איהם פה אל פה, ווען השי"ת וועט שיקען אַ נביא מוז מען איהם אויסהערען און פאָלגען זיינע רייד. השי"ת זאָגט: איך וועל אויסקלויבען אַ נביא פון די אידען אַזוי ווי דו, און וועל אריין געבען מיינע רייד צו איהם אין מויל, און וואָס ער וועט רעדען מוזט איהר אויסהרערען און פאָלגען. און ווער ס'וועט נישט פאָלגען וועל איך איהם משפט'ן, נאָר אויב ס'וועט קומען אַ פאַלשער נביא, און וועט רעדען אין מיין נאָמען אַזעלכע רייד וואָס איך האָב איהם גאָר נישט געשיקט, און נישט געבאָטען, שטעהט זיין משפט אין דער תורה. (ס'איז אַמאָל פאָרגעקומען אַזאַ פאַלשער נביא און האָט גע־רעדט פאַלשע רייד אין נאָמען פון גאָט, האָבען איהם די סנהדרין גע'משפט אַזוי ווי דער דין איז, איז דאָך אַלעם געזעציליך, א"כ למה רגשו?).

הרמב"ם, היסוד הששי, הנבואה. דער זעקסטער יסוד איז אַז ס'איז דאָ אַזעלכע גרויסע מענשען מיט גרויסע מעלות וואָס זיי זיינען ווירדיג צו גרייכען צו דער מדרגה פון נבואה, דאָס הייסט, אַז השי"ת רעדט מיט זיי, א. ז. וו. (אין כאן מקומו להאריך).

(היסוד השביעי, נבואת משה רבינו ע"ה). שהוא הי' אב לנביאים משלפניו ושל אחריו, דאָס הייסט, אַז משה רבינו איז געוועזען דער גרעסטער נביא פון אַלע נביאים, און דער גרעסטער מענש פון

אַלע דורות. ער האָט משיג געוועזען געטליכקייט מעהר פון אַלע מענשען, און איז געשטיגען מיט זיין גרויסער מדרגה גלייך צו מלאכים, א. ז. וו.

(בגמרא מגילה). מ״ח נביאים וז׳ נביאות עמדו לישראל. 48 נביאים און 7 נביאות נשים זיינען געוועזען ביי אידען, זיי ווערען אויסגערעכענט פון אברהם, יצחק, יעקב, ביז חגי, זכריה, מלאכי, און די זיבען נביאות זיינען גערעכענט פון שרה, ביז אסתר המלכה. עס זיינען געוועזען פיעל מעהר פון די אויסגערעכענטע. נאָר די אַנדערע וואָס האָבען נישט געהאַט קיין וויכטיג שליחות פון השי״ת צו די אידען, ווערען נישט גערעכענט.

(ברמב״ם). משה רבינו איז נישט דורך די אותות ומופתים (וואונדער) אַנערקענט געוואָרען ביי די אידען צו גלויבען אין איהם. נאָר דורך דעם האָבען זיי געגלויבט אין איהם, ווייל מיט זייערע אויגען האָבען זיי געזעהן, און מיט זייערע אויערען האָבען זיי גע-הערט, דאָס קול פון השי״ת און דאָס פייער אויף דעם באַרג סיני, און האָבען אַליין געהערט די עשרת הדברות פון השי״ת אַליין, און ווי ער האָט גערעדט צו משה רבינו: געה און זאָג זיי אַזוי און אַזוי. ווי ס׳שטעהט אין דער תורה „פנים אל פנים דבר ה׳ עמכם״, און „בעבור ישמע העם בדברי עמך, וגם בך יאמינו לעולם״. דאָס הייסט אַז זיי אַליין זיינען געוועזען „עדות״ אויף דער נבואה-שאַפט פון משה רבינו, און אַליין געזעהן און געהערט דאָס „מתן תורה״, און דאַרפען מעהר נישט קיין איבערצייגונג דורך „אותות ומופתים״. אַלזאָ קומט אויס, אַז אַלע אַנדערע נביאים וואָס זיינען געוועזען נאָך משה רבינו, און מיר גלויבען אין זיי, איז נישט דורך אותות ומופתים. נאָר ווייל די תורה האָט אַזוי געבאָטען אַז מיר דאַרפען זיי הערען. ווי ס׳שטעהט: „נביא אקים להם מקרב אחיך כמוך, אליו תשמעון״. איהר זאָלט צוהערען צו דעם נביא וואָס איך וועל שיקען וכו׳. און אויב ס׳קומט וועלכער מענש און זאָגט ער איז אַ נביא, און וויל גאָר אָפּלייקענען די נבואה פון משה רבינו,

דאָס הייסט אָפּלייקענען די תורה אָדער נאָר איין געבאָט פון דער תורה, אָדער גאָר פערבייטען אַ מצוה פאַר אַן אַנדערער. (דאָס הייסט ער זאָגט זיין אייגען מיינונג וואָס ס'איז געגען דער תורה אָדער געגען אַ טהייל פון איהר). ווען אַפילו ער זאָל בעווייזען אותות ומופתים, איז אונזער געזעץ, איהם נישט צו הערען און נישט צו גלויבען אין איהם, ווייל ער איז דאָך אַ פאַלשער נביא, אַ ליגנער, און די תורה זאָגט: „לא תשמע אל דברי הנביא ההוא", ווייל ער קומט אָפּלייקענען אַ פאַקט וואָס מיר אַליין האָבען „געזעהן" און „געהערט", אויך זאָגט די תורה, ווי צו חאַפּען דעם גנב, און ווי אַזוי צו דערקענען דעם אמת'ן נביא און דעם פאַלשען נביא, איז געוועגט אין דעם, אויב ס'ווערד מקוים אַלעס וואָס ער זאָגט, ס'פעהלט נישט אַ האָר, איז ער אַ אמת'ר נביא, און אויב ס'איז נישט אַלעס מקויים, איז ער אַ פאַלשער. איבערהויפט אַז ער זאָגט אַ זאַך אָפּצולייקענען די תורה אָדער עפּעס פון דער תורה, אָדער עפּעס פונ'ם גלויבען, אפילו איין וואָרט, איין דין, פון דער גמרא, א. ד. ג. איז ער שוין אַ פאַלשער נביא, וואָס מ'טאָר איהם נישט הערען, און זיין משפט איז שוין דאָ אין דער תורה, און אין דער גמרא און אין רמב"ם, א. ז. וו.

ס'איז נאָך געשריבען אין די ספרים באריכות אַלע דרכי הנבואה. בכוזרי, די נבואה קומט נישט דורך חכמה והשכלה און פילוסופיא, נאָר דורך שלימות בתורה ומצות און מדות טובות ומעשים טובים, און דורך אַלע מדרגות וואָס ס'פערלאַנגט זיך צו דער נבואה. און ס'איז נישט געוועגט אין דרך הטבע, נאָר אויף וועמען השי"ת וויל שיקען די נבואה וואָס איז ראוי צו דעם. אַ ראיה איז דאָס וואָס פון אַלע בערימטע משכילים און פילוסופים, האָט קיינער נישט זוכה געווען צו דער קלענסטער מדרגה פון נבואה. און נאָר די וואָס האָבען געהאַט נשיאת חן ביי השי"ת, די האָבען בעקומען די מדרגה פון נבואה, יעדער לויט זיין ווערט, און אין ספר תורת העולה, פונ'ם רמ"א, ברענגט ער, אַז דער גרויסער פילוסוף אפלטון, איז געווען

אמונה עיקר ו-ז. שלימה

אין דער צייט פון ירמיה הנביא, און בעפאָר האָט ער נישט געגלויבט אין דער נבואה. אָבער אזוי ווי ער האָט זיך בעקאנט מיט ירמיה הנביא, האָט ער געמוזט מודה זיין אין דער נבואה, אַז אַלע זיינע רייד זיינען געטליכע און אַלעם איז אמת. און זיי ווייסען גאָר נישט אין דעם ענין מיט זייער גאַנצען וויסענשאַפט. און אין ספר „אמונה שלימה" ווערד פיעל גערעדט וועגען דעם ענין פון נבואה, ואין כאן מקומו להאריך.

עיקר ח

אני מאמין באמונה שלמה שכל התורה המצויה עתה בידינו, היא הנתונה למשה רבינו ע"ה.

איך גלויב באמונה שלמה אז די גאנצע תורה וואָס מיר האָבען, איז אין גאנצען געגעבען געוואָרען צו משה רבינו ע"ה.

(גמרא ברכות). מאי דכתיב ואתנה לך את לוחות האבן, והתורה והמצוה וכו'. „לוחות" מיינט מען די „עשרת הדברות", „והתורה" מיינט „חומש", „והמצוה" מיינט „משנה", „אשר כתבתי" מיינט „נביאים", „להורותם" מיינט „גמרא". דאָס לערנט אונז אז אַלעם איז געגעבען געוואָרען צו משה'ן מסיני.

(פרק אבות). משה קבל תורה מסיני, ומסרה ליהושע, ולזקנים, עד אנשי כנסת הגדולה. באבות דר' נתן, משה קבל תורה מסיני, יהושע האָט מקבל געוועזען פון משה. אויך אַזוי די זקנים, ושופטים, ונביאים, ביז חגי, זכריה, ומלאכי, ואנשי כנסת הגדולה. במדרש תשא, ווען השי"ת האָט געגעבען די תורה צו די אידען בהר סיני, האָט ער געזאָגט צו משה'ן נאָך דעם סדר: מקרא, משנה, תלמוד, אגדה, אפילו וואָס אַ תלמיד פרעגט זיין רבי'ן האָט השי"ת געזאָגט צו משה, ער זאָל דאָס לערנען מיט די אידען. און דעם „מקרא" האָט ער געגעבען „בכתב", אָבער „משנה" „ותלמוד" האָט ער געלערנט „בעל פה". אויך במ"ר ויקרא, מקרא, משנה, הלכות, תלמוד, תוספתא. אפילו וואָס אַ תלמיד ותיק וועט אַמאָל זאָגען פאַר זיין רבי'ן אַלעם איז געזאָגט געוואָרען צו משה רבינו בסיני. אויך במ"ר קהלת, ובמד"ת, ואליהו זוטא, שני תורות, שבכתב, ושבע"פ, זיינען געגעבען געוואָרען צו משה. בגמ' בבא בתרא, ווי אַזוי דער סדר הלימוד איז געוועזען, צו אהרן, און צו די קינדער, און צו די זקנים, און צו אַלע אידען.

אמונה שלימה עיקר ח.

בגמרא מכות. תרי"ג מצות נאמרו למשה מסיני, שס"ה לאוין כמנין ימות החמה, ורמ"ח מצות עשה, כנגד אבריו של אדם, שנאמר „תור"ה צוה לנו משה", תורה בעטרעפט 611, דאָס האָבען זיי געהערט פון משה, ווייל אנכי, ולא יהי', האָבען זיי אַליין געהערט פון השי"ת.

הרמב"ם, היסוד השמיני. היות התורה מן השמים. והוא שנאמין שכל התורה הזאת הנתונה על ידי משה רבינו ע"ה, שהיא כולה מפי הגבורה. (היינו מפי הקב"ה). (יש שינוי, ס'איז אַ חילוק צווישען רמב"ם לשון, און צווישען דעם לשון פון אני מאמין, אָבער דאָס בעדייטונג איז אַלץ איינס).

דער 8טער יסוד, איז, אַז די גאַנצע תורה וואָס מיר האָבען, און ס'איז געגעבען געוואָרען דורך משה רבינו, איז אינגאַנצען פון השי"ת, און משה רבינו איז געוועזען, ווי אַ סופר וואָס שרייבט אַלעם וואָס זיין בעל הבית דיקטירט איהם. סײַ די סיפורים, סײַ די מצות א. ד. ג., און ס'איז קיין חילוק נישט צווישען דעם פסוק „ובני חם כוש ומצרים", און צווישען „אנכי ה' אלהיך", אָדער „שמע ישראל", ווייל ס'איז אינגאַנצען פון השי"ת, און אַלעם איז תורת ה' תמימה, טהורה, וקדושה, אמת. און ווער ס'זאָגט אַז אייניגע פסוקים אָדער איין וואָרט, האָט משה רבינו געשריבען פון זיין אייגענעם מיינונג, ווערד ער אָנגערופען אַ כופר, ומגלה פנים בתורה, און ווי די חז"ל האָבען געזאָגט, אַז ווער ס'דענקט אַז אַפילו איין פסוק וואָס איז נישט פון השי"ת נאָר משה רבינו האָט איהם אַליין געשריבען פון זיין געדאַנק, און אַז נישט די גאַנצע תורה איז פון השי"ת, הייסט ער אַ כופר, אין דבר ה' בזה. דאָס זעלבע איז דער וואָס לייקענט אין דער תורה שבע"פ, אַזוי ווי צדוק ובייתוס, איז ער אויך אַ כופר. ווייל נישט נאָר די תורה שבכתב איז פון השי"ת נאָר אויך די תורה שבע"פ. דאָס מיינט די גמרא מיט די פוסקים און מפרשים, וועלכע זיינען אַ פירוש אויף דער תורה. און דאָס וואָס מיר מאַכען אַ סוכה, לולב, שופר, ציצית, תפילין, א. ד. ג. דאָס זעלבע

אמונה עיקר ח. שלימה

געשטאַלט האָט השי"ת געזאָגט צו משה רבינו, און ער האָט דאָס אַלעם אונז געלערענט, און משה איז דאָך אַ נאמן בשליחותו.

אויך שרייבט דער רמב"ם אין דער הקדמה, אַז אַלע מצות זיינען געגעבען געוואָרען צו משה רבינו מיט דעם פירוש. דאָס הייסט תורה שבע"פ, און די תורה שבכתב האָט מ"ר אַליין געשריבען מיט זיין האַנט, און איבערגעגעבען צו יעדען שבט אַ ספר תורה, און איין ספר האָט ער געשטעלט אין ארון. אָבער די תורה שבע"פ האָט ער נישט געשריבען נאָר ער האָט דאָס מיט זיי געלערענט אויסענווייניג, צו אהרן, און צו זיינע קינדער, און צו יהושע, און זקנים, און צו אַלע אידען, און אַזוי איז דאָס איבערגעגאַנגען פון איין דור צום אַנדערען, ביז צו די דורות התנאים ואמוראים און פוסקים, א. ז. וו. אויך שרייבט ער דאָס זעלבע אין דער הקדמה פון משניות, אַז משה רבינו האָט געשריבען די גאַנצע תורה פון דער ב פון בראשית ביז דער ל פון לעיני כל ישראל, און דאָס זעלבע שרייבט ער וועגען תורה שבע"פ.

רבינו יונה ברענגט אַ ראיה אויף תורה שבע"פ פון דעם פסוק, „כי יפלא ממך דבר למשפט בין דם לדם, בין דין לדין, וקמת ועלית" וכו'. איז דאָך געדרינגען אַז נישט אַלעם איז געשריבען אין דער תורה שבכתב. נאָר ס'איז אויך פעראַנען אַ תורה שבע"פ.

אויך דער כוזרי שרייבט וועגען די צוויי תורות, שבכתב און שבע"פ, און מ'דאַרף גלויבען אין ביידע, ווייל זיי זיינען מקובל פון משה רבינו און פון די נביאים, און איינס אָהן דעם אַנדערען קען נישט זיין. און ער איז פערדריסליך אויף די קלים די בריונים וואָס לייקענען אָפּ די תורה שבע"פ, און האָבען אויסגעטראַכט טעמים והבלים אויף דער תורה און מצות לויט זייער אייגענע מיינונגען. אויך דער רוקח אבן עזרא, רמב"ן, עקרים, עקידה, האָבען מדחה געווען די אפיקורסישע מיינונג וועגען דעם.

דער מד' תנחומא, שרייבט וועגען די צוויי תורות, און אויף תורה שבע"פ האָט השי"ת כורת ברית געווען, און האָט, כפה

עליהם ההר כגיגית. אָבער אויף דער תורה שבכתב האָט ער גאָר נישט געדאַרפט כופה זיין, ווייל זיי האָבען דאָך אַליין געזאָגט „נעשה ונשמע", וכן בגמ' גיטין ס', ובגמ' שבת, ועבודה זרה, וועגען דעם. אויך בגמ' שבת, שטעהט, אז ס'איז געקומען אַ גוי פאַר „שמאי", און האָט איהם געפרעגט: וויפיעל תורות האָט איהר? האָט ער איהם געענטפערט: צוויי תורות, שבכתב, ושבע"פ. האָט ער איהם געזאָגט, אַז אויף דער תורה שבכתב גלויבט ער איהם, אָבער אויף תורה שבע"פ גלויבט ער איהם נישט, און האָט איהם געבעטען אַז ער זאָל איהם מגייר זיין, אָבער נאָר אויף תורה שבכתב, איז שמאי בייז געוואָרען אויף איהם און האָט איהם ענטזאָגט דאָס צו טהון. איז דער גוי דאַן געקומען פאַר „הלל הזקן" מיט דער זעלבער בקשה, האָט ער איהם יאָ אָנגענומען, און האָט איהם ערקלעהרט אַז דיביידע תורות זיינען איינס. נאָר די תורה שבע"פ איז אַ פירוש אויף תורה שבכתב, און אַז וועסט וועלען מקיים זיין צב"ש די מצוה פון „ואהבת לרעך כמוך", קאָנסטו נישט מקיים זיין גענוי, ביז דו וועסט נישט לערנען דאָס פירוש, וואָס דאָס איז די תורה שבע"פ, און דאָס זעלבע איז אויך ביי אַנדערע מצות, ביז מ'ווייסט נישט וואָס די תורה שבע"פ איז מפורש, ווייסט מען אויך נישט די מצוה פון תורה שבכתב אַליין, ווייל איינס קאָן נישט זיין אָהן דעם צווייטען, און דער גוי האָט זיך באַלד מגייר געוועזען.

בגמ' קדושין. שקיים אברהם אבינו כל התורה כולה, שנאמר וישמור משמרתי מצותי, חקותי, ותורתי, מיינע תורות, דאָס הייסט ביידע תורות. בחובת הלבבות, ביידע תורות זיינען געקניפט און געבונדען צוזאַמען, און ס'איז אוממעגליך צו האַלטען איינע אָהן דער צווייטער. (צב"ש, ווען ער וויל מקיים זיין אַ מצוה פון דער תורה שבכתב, ווי תפילין, ציצית, סוכה, מצה, שטעהט דען אין דער תורה ווי אַזוי די תפילין אָדער ציצית אָדער סוכה דאַרפען זיין, מוז ער דאָך אָנקומען צו דער תורה שבע"פ, דאָס איז די גמרא און די פוסקים ער זאָל וויסען וואָס איז אַזוינס ציצית, תפילין, אתרוג, לולב, חמץ, מצה, א. ד. ג. איז דאָך ריכטיג אַז ס'קאָן נישט זיין תורה שבכתב

אָהן תורה שבע״פ. און אפשר דענקט דער אפּיקורס אַז ער קאָן מקיים זיין די מצות אָהן דער גמרא, איז דאָס אַ ליגען. אַ סימן האָט איהר, אַז זיי זיינען גאָר נישט מקיים, אפילו וואָס ס׳איז געשריבען אין דער תורה, ווייל אין דער תורה שטעהט נאָר אַז מ׳טאָר נישט עסען קיין טריפות, קיין נבלה, קיין בשר בחלב, אָבער ס׳שטעהט דאָך נישט, וואָס הייסט טריפות, און נבילה, און שחיטה, און טבילת נשים, מוז ער דאָך פרעגען וואָס זאָגט די גמרא, דער רמב״ם, רא״ש, אלפס, טור, שלחן ערוך, און אַנדערע פוסקים, און ווען ער וויל פערקוקען די אַלע ספרים, נאָר טהון וואָס ס׳שטעהט אין דער בלויזער תורה שבכתב, בלייבט ער, קרח מכאן וקרח מכאן, אָהן תורה און אָהן מצות. פּשוט אַ קל שבקלים, ערגער פון די צדוקים ובייתוסים, וואָס זיי האָבען דאָך געהאַט דרך ארץ פאַר תורה שבכתב, אָבער די פרייע פון היינטיגע צייטען, זיי זיינען אויסגעשלאָסען פון אַלעמען).

ברמב״ם וביו״ד הלכות ת״ת. אַ יעדער איד דאַרף לערנען תורה, סאַי אָרעם סאַי רייך, סאַי יונג סאַי אַלט, אחד המרבה ואחד הממעיט, און אפילו ער קאָן נישט, אָדער האָט קיין צייט נישט, דאַרף ער עפּעס לערנען, אָדער ער זאָל הערען פון אַנדערע, אויך דאַרף ער שטיצען אַ תלמיד חכם, אפילו אַ אשה דאַרף לערנען די דינים וואָס געהערען צו נשים. ת״ת איז גרעסער פון אַנדערע מצות. אויך שטעהט דאָרט פיעל דינים וועגען דעם, ווי מ׳דאַרף זיך נוהג זיין ביים לערנען. און מ׳זאָל נישט לערנען פון אַ מלמד אָדער אַ רב וואָס איז נישט קיין עהרליכער, אויך נישט צו לערנען צו אַ תלמיד וואָס איז נישט הערליך. נאָר פון אַ עהרליכען און צו אַ עהרליכען. (נראה לי, אַז מ׳טאָר נישט הערען קיין דרשה פון אַ אפּיקורס אָדער אַ רעפאָרמער וואָס איז מפורסם פאַר אַ קל הדעת). אויך איז אַ חיוב מכבד צו זיין אַ תלמיד חכם, און מ׳טאָר איהם נישט מבזה זיין. נאָך דינים וועגען דעם ענין איז דאָרט פערצייכנט, נאָר אַז ער איז אַ מזלזל במצות, און איז נישט קיין ירא שמים, פאַלט אַוועק פון איהם דער יחוס פון ת״ח, נאָר ער איז גערעכענט גלייך מיט דעם קל שבצבור.

(ברמב"ם), בג' כתרים נכתרו ישראל. די אידען בעזיצען דריי קרוינען. כתר תורה, כתר כהונה. וכתר מלכות. כתר כהונה, איז געגעבען געוואָרען צו אהרן הכהן, און צו זיינע קינדער אויף אייביג. כתר מלכות, איז געגעבען געוואָרען צו דוד המלך און זיינע קינדער אויך אויף דור דורות, (און אַז משיח וועט קומען וואָס ער הייסט משיח בן דוד, און מלך המשיח, מוז ער זיין פון זרע דוד, ס'טאָר נישט זיין קיין אַנדערער, נאָר מלכות בית דוד, ווי ס'שטעהט: על כסאו לא ישב זר, און אויב ס'געפינען זיך אַזעלכע מענשען וואָס ווילען היינט אַ אידישע מלוכה, און וואַרטען נישט אויף משיח'ן, איז דאָס נישט עפ"י התורה. איבערהויפט ווען אַ קל שבקלים האָט חשק צו דער מלוכה איז דאָס אַ אומזין, און ס'איז שלא כדת. דען דער רמב"ם שרייבט אַז ער דאַרף זיין אַ גרויסער חכם בתורה ויראה. ויחזיר כל ישראל לתשובה, נאָר לאָמיר האָפען אַז בקרוב וועלען מיר זוכה זיין צו דער גאולה און צו ביאת המשיח).

אויך ברמב"ם, אָבער דער „כתר תורה" עומד מוכן לכל ישראל. די תורה איז געגעבען צו אַלע אידען, און אַ יעדער וואָס איז עוסק בתורה ובמצות כראוי איז ווירדיג צום כתר תורה. די תורה איז מורשה לכל ישראל. אויך צו דעם וואָס וויל זיך מגייר זיין מיט דעם גאַנצען האַרץ און מיט דעם גוטען ווילען. און מיר טאָרען נישט נייטהען קיין שום נישט איד ער זאָל זיך מגייר זיין. אדרבה ווען איינער קומט מיט דעם בעגעהר וואָס וויל זיך מגייר זיין, דאַרף דאָס בית דין איהם בעפאָר גוט בודק זיין, צו איז דאָס באמת, צו איז דאָס דורך אַן אַנדערע אורזאַכע. און מ'דאַרף איהם מודיע זיין אַז די אידען זיינען דוויים, דחופים, ובעלי יסורים וכו', דאָס הייסט, זיי זיינען אונטערוואָרפען אונטער פערשידענע גזירות און שנאה. און אויב ער וויל אַלץ זיך מגייר זיין און מיינט דאָס ערנסט, דאַמאָלס ערשט נעמט מען איהם אָן מגייר צו זיין, און מ'דאַרף איהם מודיע זיין אייניגע מצות און די הויפט עיקרי הדת ואמונה, ואיסור ע"ז. ומשכר ועונש לעוה"ב, א. ד. ג. דאָס איז אויך פאַר אַ נקבה וואָס וויל זיך מגייר זיין. זעה אין רמב"ם און אין יו"ד ה' גרים. (ס'וואָלט גע־ווען אַ וויכטיגע זאַך אַז די אומות העולם און די רעגירונג מיט

זייערע גלחים זאָלען מאַכען אַ געזעץ אַז מ׳זאָל נישט אָננעמען אַ משומד ישראל ביז מ׳איז איהם בודק צו מיינט ער נישט עפּעס אַן אַנדערע זאַך, וואָס וויל זיך אַריינשמוגלען צו די גוים. זיי דאַרפען וויסען, אַז יעדער איד איז צוגעבונדען צום אידישען דת, צו דער אידישער רעליגיע, צו דער אידישער תורה, מיט אַ שבועה, וואָס ער קאָן די שבועה קיינמאָל נישט מבטל זיין, איבערהויפּט האָט נישט קיינער קיין רעכט צו צווינגען צו דעם, אָדער נאָר אַיינצורעדען אַז ער זאָל זיך ח״ו כופר זיין. ווייל עקסטער וואָס דאָס איז נישט לאַגיש, און נישט מענשליך, זאַ וואָס צו טהון, איז דאָס אַ געגען געזעץ פון נישט טאָרען עובר זיין אויף אַ שבועה, און ווי אַזוי קאָנען די גלחים איבערהויפּט זייער גרויסער אבי אבות... פון דער גרויסער עובר ובטל׳דיגע שטאַט, ערלויבען אַזאַ גראָבע עבירה. ע״כ וואָלט דער שטאַט געדאַרפט מאַכען אַ געזעץ אַז ס׳זאָל אונטער געהן די מסיתים ומדיחים פון דער דאָזיגער חברה, און לאָזען די אידען אָפּהיטען זייער גלויבען).

בשל״ה. תורת אמת נתן לעמו. תורה מן השמים, שכולה מן השמים, פון דער ב פון בראשית ביז דער ל פון לעיני כל ישראל. אויך שטעהט אויף די ווערטער אשר יצר את האדם בחכמ״ה, די אותיות חכמ״ה במילוי בגימטריא תרי״ג, ווייל דאָס היטען די תרי״ג מצות איז די גרעסטע חכמה.

איזה פסוקים. ושמרתם ועשיתם. שמור את כל המצוה. יהושע. והגית בו יומם ולילה. לשמור ולעשות את כל התורה והמצוה אשר צוה ה׳ את משה. מלכים. וחזקת ושמרת משמרת ה׳ ללכת בדרכיו לשמור חקותיו ומשפטיו ועדותיו ככתוב בספר תורת משה עבד ה׳. דניאל. ללכת בתורת משה אשר נתן ביד עבדיו הנביאים ככתוב בתורת משה. עזרא הסופר מהיר בתורת משה אשר נתן ה׳ אלהי ישראל. נחמיה. ובני ישראל באו באלה ובשבועה ללכת בתורת אלהים אשר נתנה ביד משה עבד ה׳. דברי הימים. לשמור התורה והמצוה אשר צוה ה׳ את משה על ישראל. מלאכי. זכרו תורת משה עבדי אשר צויתי אותו בחורב אל כל ישראל חקים ומשפטים. וכן עוד הרבה.

עיקר ט

אני מאמין באמונה שלמה שזאת התורה לא תהא מחלפת, ולא תהא תורה אחרת מאת הבורא ית"ש.

איך גלויב באמונה שלמה, אז די תורה וועט נישט פער־ביטען ווערען, און סיוועט נישט זיין קיין אנדערע תורה פון השי"ת.

(גמרא מגילה) ס'איז געווען 48 נביאים און זיבען נביאות ביי אידען, אבער זיי האבען נישט געמינערט און נישט געמעהרט אויף דער תורה, חוץ מקרא מגילה, ווייל זיי האבען געפונען א רמז אין דער תורה וועגען דעם.

(במדרש) לא בשמים היא, די תורה איז נישט אין הימעל, ס'וועט נישט קומען נאך איינער וואס וועט ברענגען אן אנדער תורה, ווייל די תורה איז נישט אין הימעל. (דאס הייסט, אז די גאנצע תורה האט משה רבינו אראפגעבראכט פונ'ם הימעל, און ס'איז דארט גאר נישט געבליבען).

הרמב"ם, היסוד התשיעי. שהתורה היא מעותקה מאת הבורא יתברך, ולא מזולתו, ועליה אין להוסיף, וממנה אין לגרוע, לא בתורה שבכתב ולא בתורה שבע"פ, כמ"ש לא תוסף עליו ולא תגרע ממנו.

דער 9טער יסוד איז, אז די תורה איז אין גאנצען געשריבען דורך משה רבינו וואס השי"ת האט איהם דיקטירט ווארט ביי ווארט, און מ'טאר נישט מוסיף זיין און נישט מינערען, סאי אויף תורה שבכתב און סאי אויף תורה שבע"פ (צו בעמערקען דאס שינוי לשון פון דעם רמב"ם און פון דעם „אני מאמין", דא שטעהט א לשון עבר, און דא א לשון עתיד. אבער דאס בעדייטונג איז גלייך). בפירוש

המחזור „ביגדל" לא יחליף, שום שינוי, ולא ימיר, שלא תהיה תורה אחרת אפילו לעתיד לבא, כמ"ש לעולמים. בשל"ה, שלא תתחלף תורת משה רבינו, ס'וועט נישט פערביטען ווערען די תורה אויף אייביג, און ס'וועט נישט ארויסקומען פון השי"ת קיין אנדערע תורה, און נישט מוסיף זיין און נישט מינערען, אויך ברענגט ער דעם פסוק פון ירמיה ל"א: הנה ימים באים נאם ה', וכרתי את בית ישראל ויהודה ברית חדשה, לא כברית אשר כרתי את אבותם וכו'. און וואס דער רד"ק שרייבט אויף דעם ווארט חדשה מיינט חדושה, דאס הייסט אז דער ברית וועט האבען א קיום און נישט פערשטעהרט ווערען ווי בעפאר.

(לדעתי העניה דארף מען גאר נישט קיין שנוי' דחוקא. דען ער זאגט נישט אז ער וועט געבען א נייע תורה, ניין, דאס נישט, ס'איז נישט געוועזען און ס'וועט נישט זיין. נאר ער זאגט: אז די זעלבע תורה וואס מיר האבען פון השי"ת מסיני, און מאנכע מענשען האבען מאנכע מאל נישט מקיים געוועזען די תורה ווי ס'דארף צו זיין, דורך פערשידענע אומשטענדען. און פערשידענע צייטען, און דער כריתת ברית איז נישט תמיד אפגעהיט געווארען. אבער זאגט ירמיה אין נאמען פון השי"ת אז לעתיד לבא, אין דער צוקונפט וועל איך פריש כורת ברית זיין אויף דער אלטער תורה, א פרישען טראקטאט אויף דעם אלטען געזעץ, און וועט די אלטע תורה פערשטארקען מיט פרישען כח, אז איהר זאלט קאנען מקיים זיין די תורה ומצות כדת וכדין, און נישט זיין געשטערט פון פערשידענע אומשטענדען. און פיהרט אוים מיט דעם אויסרוף „נתתי תורתי בקרבו", „והייתי לכם לאלהים", „והמה לי לעם", איך וועל זיין צו אייך א גאט, און איהר צו מיר א פאלק. און ס'איז צו בעמערקען וואס ער זאגט נתתי „תורתי" מיין תורה, וואס איז אייך גוט בעקאנט. אויך וואס ער זאגט „איך וועל זיין צו אייך א גאט", איך אליין אהן שום שותפים. „והמה יהיו לי לעם", און זיי וועלען זיין מיין פאלק. איז דאך אויך גוט בעקאנט, אז די גאנצע תורה און נביאים רעדען דאך צו די אידען וואס זיינען תמיד זיין פאלק, און ער איז תמיד זייער גאט, אפילו אין

דער שלעכטער צייט האָט ער זיך נישט אָפּגעשיידט פון זיי. און זיי פון איהם. און אויב ס'געפינען זיך פרעמדע וואָס טייטשען דעם פּסוק אויף אַ פרעמד גלויבען, איז דאָס פאַלש, און לעכערליך, דען ווער ס'האָט אויגען זעהט אַז דאָ רעדט מען נישט צו ישמעאל און נישט צו עשו'ן און נישט צו קיין שום אומה ולשון, און דאָ רעדט מען נישט פון אַ נייע תורה, נאָר פון אַ ניי „כריתת ברית", אַ נייעם אָפּמאַך וואָס ער זאָל זיין פריש און קרעפטיג וועגען צו היטען די שוין בעקאַנטע תורה וואָס ס'איז געוועזען געשטערט, אָבער שפּעטער נאָך דעם פרישען כריתת ברית וועט מען שוין נישט זיין געשטערט נאָר אַלעם מקיים זיין. איז דען ניטאָ אין דער תורה עטליכע מאָל אַ נייער כריתת ברית? איין מאָל מיט אברהם, און מיט יצחק ויעקב, ווי ס'שטעהט וזכרתי את בריתי יעקב ואף בריתי יצחק, ואברהם, און בשעת מתן תורה, ושמרתם את בריתי, און בפ' תשא, און בפ' בחקותי, „והקימותי את בריתי אתכם", וברש"י „ברית חדשה", לא כברית הראשונה שהפרתם אותה, אלא ברית חדשה שלא תופר וכו'. איך וועל מיט אייך פריש כורת ברית זיין, אַז איהר זאָלט איהם קיין מאָל ניט פאַרשטערן. א.ז.וו. אויך בפ' ואתחנן ה' אלהינו כרת עמנו ברית בחורב. לא את אבותינו כרת ה' את הברית הזאת כי אתנו אנחנו אלה פה היום כלנו חיים. אויך בפ' נצבים און נאָך. אַלזאָ, דאָס איז דאָך בפירוש געשריבען אַז דאָס געהט אויף דער אַלטער תורה, און צווישען השי"ת מיט די אידען, אָבער נישט אויף קיין אַנדערע אומות, פאַזאַטיוו. אם כן, מה קול רעש? וואָס פילדערען פרעמדע מיט פאַלשע טייטשען און פאַלשע מיינונג. און מיר דאַרפען זיך נישט שרעקען פאַר דעם פּסוק, ווייל ער מיינט נישט קיין פוסטע פאַנטאַזיע. נאָר פּשוט, השי"ת, און די תורה, און די אידען, אורייתא, וקוב"ה, וישראל, חד נינהו. ותורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב. אָבער ער האָט נישט כורת ברית געוועזען מיט עשו'ן און ישמעאל, אָדער וועלכעס אַנדערע פאָלק. נאָר אַז די צייט וועט קומען, וידעו תועי רוח בינה, ויהפוך אל עמים שפה ברורה לקרא כלם בשם ה' ולעבדו שכם אחד. וואָס ס'איז נאָך נישט מקויים געוואָרען. אָבער

אויך דאמאלס וועט נישט זיין קיין נייע תורה נאר די זעלבע תורה. און דאס זעלבע פאלק ישראל וועט דאמאלס זיין אנערקענט פאר דאס אמת'ע פאלק ישראל און אנדערע פעלקער וועלען נאכקומען מקיים צו זיין די רייד פון די נביאים פון והיה באחרית הימים, און אזוי ווייטער, אלע נבואות און יעודים טובים, וואס ס'איז אויסגע־רעכענט פון ישעי' ירמי' און אנדערע וואס ס'וועט בעזה"ש בקרוב מקויים ווערען).

הרמב"ם. רעכענט אוים וועלכע זיי ווערען אנגערופען כופרים, און איינער פון די איז דער וואס זאגט אז די תורה איז נישט פון השי"ת, אדער אפילו איין פסוק אדער אייןווארט איז נישט פון השי"ת, אדער ווער ס'זאגט אז השי"ת האט איבערגעביטען איין מצוה פאר אן אנדערע, און די ערשטע מצוה איז בטל, דער הייסט א כופר בעיקר ובתורה.

ברמב"ם. משה האט מקבל געווען די תורה פון השי"ת, פון דער ב פון בראשית ביז דער ל פון לעיני כל ישראל, און משה רבינו לא מת, ועדיין עומד ומשמש במרום, משה לעבט אין הימעל, און נאך איהם אז ס'וועט קומען וועלכער מענש אדער נביא און וועט וועלען מוסיף זיין אדער גורע זיין (מינערען) אדער משנה זיין די תורה אדער א טהייל פון איהר, דאס זעלבע אויף דעם פירדש התורה, דאס הייסט תורה שבע"פ. צב"ש, ער וועט וועלען איינטייטשען דעם פסוק „וקצותה את כפה" כפשוטו. אפהאקען די האנט, אדער „עין תחת עין" כפשוטו, הייסט ער א כופר, און זיין משפט שטעהט אין דער תורה, און קיינער האט נישט קיין רעכט און קיין כח, איינצו־טייטשען די פסוקים פון דער תורה וואס זיי רעדען פון דינים והלכות, אנדערש ווי די חכמי התלמוד האבען דאס איינגעטייטשט ביז די לעצטע אמוראים רבינא ורב אשי. אויך ווען ס'קומט א פאלשער נביא און רעדט אין נאמען פון א עבודה זרה, צו טהון אזוי און אזוי, אדער נישט צו טהון די מצוה וואס מ'דארף טהון, אדער מ'זאל משנה זיין עפעס פון דער תורה און מצוה, איז אויך זיין משפט מפורש בתורה. (א"כ למה רגשו על המשפט של אותו פלוני, הלא כדין עשו).

אמונה　עיקר ט.　שלימה

רמב"ם. דבר ברור ומפורש בתורה, ס'איז בעוואוסט פון דער תורה, און ס'איז א מצוה אויף אייביג, אז אונזער תורה איז אזוי ווי זי איז, אזוי וועט זי זיין אויף אייביג. אהן שום ענדערונג, נישט מוסיף צו זיין און נישט מינערן. ווי ס'שטעהט אין דער תורה: „את כל הדבר אשר אנכי מצוה אותו תשמור לעשות, לא תוסף עליו ולא תגרע ממנו". אויך שטעהט: „הנגלות לנו ולבנינו עד עולם, חקת עולם לדורותם", קיין נביא טאר נישט מחדש זיין קיין זאך, קיין ווארט, און ווען ס'קומט א מענש און ער בעווייזט אותות ומופתים, און זאגט אז ער איז געשיקט פון השי"ת מוסיף צו זיין אדער צו מינערען אדער צו ענדערען עפעס פון דער תורה, אדער מפורש זיין אזאך פון דער תורה וואס ס'איז נישט מקובל פון משה רבינו, אדער ער וועט זאגען אז די מצות אדער איין מצוה איז נישט אויף אייביג. (דאס הייסט, די אלטע דורות האבען געדארפט מקיים זיין די מצוה אבער נישט יעצט ווען די וועלט איז אזוי שטארק ציוויליזירט, א סימן, אז די ציוויליזאציע האט בעוויזען אז מ'קאן פערברענען פינף מיליאן אידען אין דריי יאהר, נאך א סימן אז דאמאלס צוריק מיט יאהרען האט זיך נישט געפונען ביי אידען א מנהיג וואס זאל אמאל עובר זיין אויף א איסור דרבנן, און ווען יא, האט מען איהם אפגעזאגט, און היינט געפינען זיך אידישע מנהיגים וואס האבען פערציג יאהר נישט געדאווענט, נישט געלעגט קיין תפילין, ציצית, שבת, כשר טריפות, ואין פוצה פה ומצפצף, דאס הייסט ציוויליזאציע). איז דער דאזיגער פארשוין א פאלשער נביא, ווייל ער קומט אפ־לייקענען די נבואה פון משה רבינו, און זיין משפט שטעהט אין דער תורה, ווייל ער האט דאס עזות די חוצפה צו רעדען אין נאמען פון גאט וואס ער האט איהם גאר נישט געשיקט, ווייל גאט האט דאך געזאגט צו משה'ן, אז די תורה ומצות זיינען אויף אייביג, לדור דורות „לנו ולבנינו עד עולם". און דאס וואס השי"ת האט געזאגט „נביא אקים להם", איך וועל אויפשטעלען א נביא, דאס איז נישט וועגען צו מאכען א נייע מצוה א נייע תורה, אדער צו פערבייטען א מצוה פאר אנאנדערע. נאר ער זאל מזהיר זיין די

אידען זיי זאָלען אָפּהיטען די תורה ומצות און זאָגען מוסר אָדער אַנאַנדער שליחות. אזוי ווי דער לעצטער נביא „מלאכי" האָט געזאָגט „זכרו תורת משה עבדי אשר צויתי אותו". איהר זאָלט געדענקען די תורה פון משה א. ז. וו. אָבער נישט צו ענדערען אַ זאַך פון תורה שבכתב און תורה שבע"פ. איבערהויפּט ווען איינער רופט זיך נביא אָדער נאָך גרעסער, און רעדט אָן צו דינען די עבודה זרה דורך פערשידענע שמד שטיק, איז ער דאָך דער ריכטיגער פאַלשער נביא „כי דבר סרה על ה'". און ער קומט אָפּלייקענען די תורת משה, איז דאָך אַלץ דאָס זעלבע „אחת דתו", ומשפטו מפורש בתורה ובגמרא וברמב"ם, ולמה רגשו? ובמהרה יכירו הכל אחדות אלהות ואין זולתו ויקבלו כולם עול מלכות שמים ביחוד, ולא יזכר עוד איזה שותפות של בני עשו. (בספרי אמונה שלימה הבאתי מ"ש החתם סופר בספר תורת משה בשם הכוזרי הישן, כי בחדשים נשמט זה אודות אותו האיש ואכ"מ).

(בשל"ה בשם הסמ"ג) מ"ש בקבלת התורה בקולות וברקים ע"י משה רבינו נביאו נאמן ביתו „הנה אנכי בא אליך בעב הענן, בעבור ישמע העם בדברי עמך, וגם בך יאמינו לעולם", דאָס הייסט, אַז השי"ת האָט געזאָגט צו משה'ן, „איך קום צו דיר אין אַ וואָלקען, אום דאָס פאָלק זאָל הערען ווען איך וועל רעדען מיט דיר, און זיי זאָלען גלויבען אין דיר אויף אייביג", וועגען וואָס איז דאָס? זיי האָבען דאָך שוין געזעהן די אותות ומופתים? נאָר דאָס מיינט, אַז השי"ת האָט איהם אַזוי געזאָגט, איך וויל אַז די אידען זאָלען דיר גלויבען אַז דו ביזט אַ אמת'ר נביא אויף אייביג, אָבער די תורה וואָס איך גיב צו זיי, וויל איך נישט אַז זיי זאָלען דיר גלויבען, נאָר זיי זאָלען אַליין הערען פון מיר די רייד, ווייל ס'וועט אַמאָל זיין אַ צייט וואָס זיי וועלען זיין אין גלות צווישען פערשידענע פעלקער, און די פעלקער וועלען זיי איינרעדען אַז זיי זאָלען זיך אָפּלאָזען פון דער תורה, פון זייער רעליגיע, און זאָלען זיך בעסער אַסימילירען און אָננעמען זייער גלויבען, והיינו לעם אחד. אַזוי ווי ס'שטעהט אין אקדמות, מנן ומאן הוא רחימך, ווער איז דיין גאָט וואָס דו

ווערסט דורך איהם אַזוי געשלאָגען, טייער און גוט וואָלט דיר גע־וועזען ווען דו זאָלסט דיך אויסמישען מיט אונז און אַסימילירען. מיר וואָלטען דיר געטהון דאָס בעסטע וואָס דו פערלאַנגסט. דאפיר זאָגט השי"ת, אַז ווען זיי וועלען אפילו צייגען אותות ומופתים, אום זיי אַריינצונאַרען צו זייער גלויבען, זאָלען זיי נישט צו הערען צו זייערע רייד, ווען אפילו דער מסית ומדיח זאָל זיין ביי זיי אַזוי גרוים ווי משה רבינו. (חאָטש, ס'איז נישט געוועזען אַזאַ גרויסער ווי משה און ס'וועט נישט זיין. אָבער זיי דענקען דאָך אַז ס'איז יאָ דאָ אַזאַ גרויסער). און וועלען אַיינרעדען די אידען ווי גרויס דער מענש איז, אַז ער קאָן בעווייזען גרויסע וואונדער, ע"כ זאָלען זיי אָננעמען זייער גלויבען. זאָלען זיי נישט הערען, אויסער ווען זיי וועלען אַליין הערען די ווערטער פון השי"ת אַליין, פונקט אַזוי ווי זיי האָבען געהערט פון השי"ת אַליין פון זיין מויל די עשרת הדברות, אַזוי ווילען זיי אויך יעצט הערען פון זיין מויל, אָבער נישט פון אַ שליח. ווייל אין דער צייט פון משה רבינו, האָבען זיי נישט מקבל געוועזען די תורה דורך אותות ומופתים, נאָר זיי האָבען אַליין געהערט פון השי"ת. און דאָס מיינט דער פסוק, „בעבור ישמע העם בדברי עמך", און אויך דער פסוק פון נאָך מתן תורה „אתם ראיתם כי מן השמים דברתי עמכם", איהר האָט אַליין געזעהן אַז איך האָב צו אייך גערעדט פונ'ם הימעל, און דאָס מיינט, אַז איהר זאָלט נישט גלויבען צו קיין שום מענש, ער מעג זיין ווי גרויס, ווען ער וועט אייך וועלען אַיינרעדען אַז איך האָב וועלכע מצוה פון דער תורה איבערגעביטען פאַר אַן אַנדערע, איבערהויפט די גאַנצע תורה איבערגעביטען פאַר אַן אנדערע, זאָלט איהר נישט גלויבען, סיידען אַז איהר וועט הערען פון מיין מויל די רייד פונ'ם הימעל, אַזוי ווי ס'איז געוועזען בשעת מתן תורה האָט איהר אַליין געהערט און געזעהן ווען איך האָב צו אייך גערעדט. (דער רמב"ם זאָגט אַז מיר ווערען נישט איבערראַשט פאַר זייערע אותות ומופתים ווייל ס'קאָן זיין אַ מין כישוף). און נאָך משה רבינו זיינען געוועזען אייניגע נביאים וואָס זייערע ווער־

אמונה עיקר ט. שלימה

טער זיינען נישט קלאָהר פערשטאַנען, און אייניגע מענשען פון די אומות העולם, האָבען דאָס איינגעטייטשט לויט זייער מיינונג, אַז ס'מיינט נאָר זייער גלויבען, חאָטש, ס'איז נישט ריכטיג, (דען דער נביא האָט אפילו נישט אין זין געהאַט אַזעלכע זאַכען), און דאפיר קומט דער נביא „מלאכי" און זאָגט צו ענדע פון אַלע נבואות: „זכרו תורת משה עבדי אשר צויתי אותו חקים ומשפטים". איהר זאָלט געדענקען די תורת משה און די חקים ומשפטים פון דער תורה. דאָס מיינט אַז ס'וועט מעהר קיין נייע תורה נישט זיין ביז אייביג. און דאַן זאָגט ער: הנה אנכי שולח לכם את אליהו הנביא. און ביז צו איהם וועט מעהר קיין נביא נישט קומען. דאפיר זאָלט איהר געדענקען און אָפּהיטען די אמת'ע תורת משה מיט אַלע מצות. און די אַלע נביאים וואָס זיי זיינען געוועזען פון משה'ס צייט ביז מלאכי'ס צייט האָבען נישט געבאָטען קיין נייע מצוה און נישט געביטען איין געזעץ אָדער איין וואָרט פון תורת משה, נאָר זיי האָבען געזאָגט מוסר און מחזק געווען די תורת משה, און מזהיר געוועזען די אידען ווי מ'דאַרף אָפּהיטען די אַלע מצות פון דער תורה.

אויך שרייבט ער, אַז אַלע האָבען געהערט די רייד פון השי"ת אַליין, און אַז ס'וועט אַמאָל קומען וועלכער פאַלשער נביא, ער זאָל אָפּריידען די אידען פון דער תורה און זייער גלויבען, זאָלען זיי ענטפערען, אַז אַזוי ווי זיי האָבען געהערט די רייד פון די עשרת הדברות פון גאָט'ס מויל אַליין, ווילען זיי אויך יעצט הערען פון זיין מויל, און אויב ער קאָן דאָס נישט בעווייזען איז אַלעס וואָס ער רעדט נישט אמת, נאָר תורת משה איז אמת.

עיקר י

אני מאמין באמונה שלמה שהבורא יתברך שמו יודע כל מעשה בני אדם וכל מחשבותם, שנאמר היוצר יחד לבם המבין אל כל מעשיהם.

איך גלויב באמונה שלמה אז השי״ת ווייסט אלעס וואָס די מענשען טוהען, אויך זייערע מחשבות, ווי ס׳שטעהט ער האָט בעשאפען זייערע הערצער, און פערשטעהט אלע זייערע מעשים.

(בזוהר) כל מה שאדם עושה. אַלעס וואָס דער מענש טהוט ווערד אַריינגעשריבען אין אַ ספר, אפילו די מחשבות. פרק אבות. עין רואה ואוזן שומעת. דאָס אויג פון השי״ת זעהט און דאָס אויער הערט און אַלע דיינע מעשים ווערען אַריינגעשריבען אין אַ ספר. הכל צפוי והיד כותבת. אַלעס ווערד געקוקט, און די האַנט שרייבט. גמרא. מגיד לאדם מה שיחו, אפילו שיחה קלה וכו׳. גמרא. מחשבה טובה הקב״ה מצרפה למעשה. השי״ת איז מצרף אַ גוטע מחשבה צו דער טהאַט. אפילו חשב לעשות מצוה וכו׳. אם יסתר איש. ווען אַ מענש זאָל זיך באהאַלטען אין פערבאָרגעניש, זעהט איהם אויך השי״ת. מדרש. שנסו ישראל להקב״ה, די אידען האָבען געוואָלט פריוועז השי״ת צו ער ווייסט אונזערע מחשבות, און אויב נישט, וועלען זיי מורד זיין, ווידערשפעניגען געגען איהם. האָט השי״ת געזאָגט איהר ווילט מיך בודק זיין? באַלד וועט קומען דער רשע עמלק און וועט אייך בודק זיין. מיד ויבא עמלק. ער זאָגט צו זיי. איך האָב אייך געטראָגען אויף די ענני כבוד, די וואָלקענס, און איהר זאָגט „היש ה׳ בקרבנו״, וועט קומען דער שונא און וועט איבער אייך געוועלטיגען. מדרש. הקב״ה יודע מה שהיה ומה שעתיד להיות. השי״ת ווייסט וואָס ס׳איז געוועזען, און וואָס ס׳וועט זיין. אַזוי ווי ס׳שטעהט מגיד מראשית אחרית.

אמונה עיקר י. שלימה

הרמב"ם, היסוד העשירי. שהשי"ת יודע מעשיהם של בני אדם, ואינו מעלים עינו מהם. לא כדעת מי שאמר עזב ה' את הארץ. אלא כמ"ש: „אשר עיניך פקוחות על כל דרכי בני אדם לתת לאיש כדרכיו וכפרי מעלליו". דער צעהנטער יסוד איז, אז השי"ת ווייסט אַלעס וואָס דער מענש טהוט, אָבער נישט ווי איינער האָט געזאָגט אַז השי"ת האָט פאַרלאָזט די ערד, נאָר ווי ס'שטעהט, אַז דיינע אויגען זיינען אָפען אויף אַלע וועגען פון דעם מענש, און וועט בעצאָהלען יעדען לויט זיין אויפפיהרעכטס. אויך ווי ס'שטעהט: „וירא ה' כי רבה רעת האדם בארץ". השי"ת האָט געזעהן דאָס שלעכטע פיהרונג פון די מענשען אויף דער ערד.

(צו בעמערקען דעם חילוק פון לשון הרמב"ם ביז דעם לשון פון „אני מאמין". דער רמב"ם שרייבט נאָר פון „מעשים" טהאָט-זאַכען. אָבער נישט פון „מחשבות", ווי ס'שטעהט אין אני מאמין „יודע כל מעשה בני אדם וכל מחשבותם", אויך שרייבט דער רמב"ם (בפרק ג' מהל' תשובה) די וועלכע ווערען אָנגערופען אַפיקורסים. ווער ס'גלויבט נישט אין נבואה (שוין אָפגערעדט ווער ס'גלויבט נישט אין השי"ת). און ווער ס'לייקענט אין נבואת משה רבינו. (דאָס מיינט אויך אין דער תורה). און דער וואָס זאָגט אַז השי"ת ווייסט נישט די מעשה בני אדם. ד"ה, וואָס מענשען טוהען. דאָרט ווערד אויך ניט דערמאָנט פון מחשבה, אָבער באמת איז דאָס נאָר אַ קיצור לשון ווייל ס'איז קיין ספק נישט אַז דער רמב"ם האַלט די מחשבה גלייך ווי די מעשה. דען ער שרייבט דאָרט, אַז מ'דאַרף תשובה טוהן נישט נאָר אויף שלעכטע מעשים, נאָר אויך אויף שלעכטע מחשבות, איז דאָך אַ בעוויוז אַז השי"ת איז אַ יודע מחשבות אויך. וואָרין ווען נישט צו וואָס דאַרף ער תשובה טהון אויף אַ מחשבה? ווען קיינער קאָנטראָלירט נישט זיינע מחשבות, עקסטער דעם וואָס ס'שטעהן פיעל פסוקים אויף מחשבה, און דער רמב"ם האָט זיי אַלע גוט געזעהן בעסער פון אונז. אויך שרייבט ער אויסדריקליך אין זיינע שמונה פרקים, אַז השי"ת איז אַ יודע מקודם מה שעתיד להיות. ער זעהט בעפאָר וואָס ס'וועט זיין שפעטער. וואָס דאָס איז נאָך

שטאַרקער ווי צו וויסען בשעת מעשה. ע"כ דאַרף מען מוסיף זיין אין לשון הרמב"ם: שיודע המעשה והמחשבה, אַז ער ווייסט די מעשים און די מחשבות, און ווייסט בעפאַר וואָס ס'וועט זיין שפּעטער. אויך בזוהר שטעהט, שהשי"ת יודע מקודם מה שעתיד להיות, ויודע מה שבלב האדם. אַזוי ווי ס'שטעהט: כי כל לבבות דורש.

ס'איז דאָ פיעל פּסוקים וועגען דעם בתנ"ך, בתורה. וכל יצר מחשבות לבו רק רע כל היום. גם אנכי ידעתי כי בתם לבבך עשית זאת. אתם חשבתם עלי רעה. ואלהים חשבה לטובה. כבד לב פרעה. בלב כל חכם לב נתתי חכמה. בנביאים ובכתובים. כי כל לבבות דורש ה'. וכל מחשבות מבין. כי האדם יראה לעינים וה' יראה ללבב. כי אתה ידעת את לבב כל בני אדם. ירמיה. וה' שופט צדק ובוחן כליות ולב. ואתה ידעתני תראני ובחנת לבי. כי עיני על כל דרכיהם ולא יסתרו מלפני. אני ה' חוקר לב ובוחן כליות. יחזקאל. הראית בן אדם אשר עושים במחשך כי אומרים אין ה' רואה אותנו.

תהלים. ה' משמים השקיף. משמים הביט ה' ראה את כל בני אדם. כי הוא יודע תעלומות לב. ואמרו איכה ידע אל ויש דעה בעליון. ויאמרו לא יראה יה ולא יבין אלהי יעקב. הנוטע אוזן הלא ישמע אם יוצר עין הלא יביט. ה' יודע מחשבות אדם. כי הוא ידע יצרנו. חקרני אל ודע לבבי, בחנני ודע שרעפי. משלי. נוכח עיני ה' דרכי איש, בכל מקום עיני ה' צופות. שאול ואבדון נגד ה' אף כי לבות בני אדם. איוב. כי הוא לקצות הארץ יביט, תחת כל השמים יראה. עיניו על דרכי. וכל מצעדי יספור. אין חשך וצלמות להסתר שם. תפלה. אתה זוכר. הכל גלוי וידוע לפניך. צופה מביט עד סוף כל הדורות. מחשבות אדם ויצרי מעללי איש. אתה יודע רזי עולם. חופש כל חדרי בטן.

דאָס הייסט, אין דער תורה שטעהט: גאָט האָט געזעהן ווי די מענשען זיינען שלעכטע און די אַלע מחשבות פון זיין הארץ זיינען נאָר שלעכטע אַ גאַנצען טאָג. גאָט האָט געזאָגט צו אַבימלך. איך ווייס אַז דו האָסט מיט'ן גאַנצען האַרץ געטהון דאָס (די מעשה מיט

שרה). יוסף האָט געזאָגט צו די ברידער. איהר האָט געטראַכט שלעכטס אויף מיר. אָבער השי"ת האָט געטראַכט צו גוטען. גאָט זאָגט. אין הארץ פון יעדען חכם גיב איך נאָך חכמה. בנביאים, ובכתובים. אַלע הערצער פאַרשט השי"ת. און אַלע מחשבות פון די מענשען פערשטעהט ער. דער מענש זעהט מיט די אויגען. אָבער השי"ת זעהט דאָס הארץ מיט זיין געדאַנק. דו ווייסט דאָס האַרץ פון אַלע מענשען. ירמיה. גאָט איז אַ שופט מיט גערעכטיגקייט. און פרואווט די נירען מיט דעם הארץ. דו האָסט געפרובט מיין האַרץ. גאָט זאָגט מיינע אויגען זיינען אויף אַלע זייערע וועגען. זיי קאָנען זיך נישט אויסבעהאַלטען פון מיר. גאָט האָט געזאָגט צו יחזקאל, דו זעהסט ווי מענשען טוהען זייערע מעשים אין דער פינסטערניש. און זאָגען ווער זעהט מיך און ווער ווייסט מיך? תהלים. גאָט קוקט פונ'ם הימעל און זעהט אַלע מענשען. ער ווייסט אַלע געדאַנקען פונ'ם האַרץ. די שלעכטע מענשען זאָגען, ווי אַזוי ווייסט גאָט? און זאָגען אויף זייערע שלעכטע מעשים. אַז גאָט זעהט נישט וואָס זיי טוהען. אָבער ס'איז נישט אַזוי, דען אַז ער האָט געמאַכט דעם אויער, הערט ער אויך. ער האָט בעשאַפען דאָס אויג זעהט ער אויך. השי"ת ווייסט די מחשבות פונ'ם מענש. ער ווייסט אונזער געדאַנק. משלי. די וועגען פונ'ם מענש זיינען אַקעגען גאָט, ער קוקט איבעראַל, און נאָך אַזעלכע פסוקים.

כוזרי. השי"ת ווייסט און זעהט אַלע מעשים ומחשבות, און די רייד פון די מענשען, א.ז.וו. חובת הלבבות. השי"ת איז משגיח אויף אַלע מענשען און ווייסט און קוקט אויף זיי בנגלה ובנסתר. אבן עזרא. נוכח עיני ה' דרכי איש. די וועגען פון דעם מענש זיינען אַקעגען די אויגען פון השי"ת, און אַ מלאך איז געשטעלט אויף צו שרייבען אַלעם וואָס דער מענש טהוט. (דאָס קאָן זאָגען אַ פערצייטיגער חוקר ומשכיל, אָבער די היינטיגע משכילים וואָס זאָגען? מינישטיינס געזאָגט וואָס זיי זאָגען און וואָס זיי שרייבען בלשון עברית. און עברית בעברית, בלשון צח ומצוחצח, אָבער דאָך וואָס זאָגען זיי, און וואָס פלאַפּלען זיי? דער עיקר איז כפירה און

אפיקורסית. קיין אמונה קיין תורה קיין גמרא קיין שלחן ערוך, אבי דאָס לשון זאָל זיין בלשון ביאַליק. און דער תמצית זאָל זיין גע־ ווידמעט אויף דעם דרך פון זייערע משכילים הישנים, אָבער נישט זיי און נישט זייערע אַלטע משכילים האָבען געשטרעבט וועגען תורה ומצות וועגען אהבה ויראה, וועגען אמונה וועגען אידישקייט, נאָר צו בערייכען דאָס אידישע „נאַציאָנאַל" פאָלק מיט נייע ווערטער בלשון העברעאיש, ותו לא. והמקום יכפר).

בספר חסידים. השי"ת יודע דרכיו של אדם ושבתו וקומו. וכל דרכיו יספור. בספר הישר. שאין תנועה בלתי רשותו. השי"ת משגיח וסופר כל צעדיו ומוצא שפתיו ומחשבותיו של אדם. ד"ה, השי"ת ווייסט אַלעס וואָס דער מענש טהוט, און ס'איז נישטאָ קיין בעוועגונג אָהן זיין רשות. ער איז משגיח אויף אַלעס און דעם מענשען'ס טריט, און געהן, און שטעהן, און זיצען, און ריידען, און טראַכטען, אַלעס ווערד קאָנטראָלירט און געפיהרט דורך השגחת השי"ת.

(רמ"א בש"ע או"ח) שוין אויבען דערמאָנט דאָס וואָרט פון'ם מורה נבוכים און רמ"א, שויתי ה' לנגדי תמיד הוא כלל גדול בתורה וכו'. כי אין ישיבת האדם ותנועותיו ועסקיו והוא לבדו בביתו, כישיבתו ותנועותיו ועסקיו והוא לפני מלך גדול, ובפרט לפני מלך מלכי המלכים הקב"ה, שעומד עליו ורואה במעשיו, כמו שכתוב אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו. מיד יגיע עליו היראה והכנעה. ד"ה, אַז דער פסוק שויתי ה' לנגדי תמיד איז אַ וויכטיגער כלל צום אידען ער זאָל נישט זינדיגען ווען ער שטעלט זיך פאָר אַז השי"ת שטעהט איבער איהם און זעהט זיינע מעשים און זיין פיהרעכטס. ווערד ער שטאַרק בעגייסטערט און בעקומט דורך דעם די מדות טובות פון יראה והכנעה. (דאָס קאָן זאָגען אַ רמב"ם דער גרעסטער שר התורה און פילוסוף. אָבער וואָס זאָגען אייניגע פון די היינטיגע רעפאָרמער? ווי אַזוי זעהט אויס זייער יראת השם ווען זיי שטעלען זיך מיט דער פלייצע צום ארון הקודש און בגילוי ראש און זאָגען עפּעס אַ מין וואָס הייסט סוירמענם און ס'איז במקום דאַווענען, ווייל פון דאַווענען

האלטען זיי נישט, ובפרט אז זיי זאָגען דאָך פון אַ גראָבען טעלעפון בוך אויף לשון לע"ז, און דער פרצוף מיט דעם בלויזען קאָפּ זאָגט עדות אויף זייער יראת שמים ווי די גמרא זאָגט „כסי רישך כי היכי דתהוי עלך אימתא דמארך". און מיט זייער חזן וקהל איז דאָך שוין אָפּגערעדט, און ס'איז מקויים בעקבות משיחא חוצפא יסגא. זיי זיינען נישט אַזוי פיעל שולדיג וויפיעל די אמת'ע רבנים וואָס זיי האָבען צוגעלאָזט צוריק מיט פופציג יאָהר אויסוואַקסען אַזאַ דור-שוא אַזעלכע פורקי עול אַזאַ דור עקש ופתלתול. און זיי זיינען זיך נאָך פרים ורבים מיט זייערע תלמידים וואָס זיי ווייסען נישט פון כיסוי ראש און אַנדערע זאַכען. די אמת'ע רבנים וואָלטען נאָך געקענט מציל זיין די קהלות הקודש זיי זאָלען נישט פערפלייצט ווערען פון די פיהרערס, און זעהן זיי זאָלען זיך אומקערען צום דרך הטוב והישר).

בחרדים. השקפת ה' על האדם תמיד. השי"ת קוקט אויף דעם מענש תמיד אַזוי ווי די זון שיינט אַרויף אויף דער לבנה. עקידה. ידיעת ה'. דאָס וואָס השי"ת ווייסט און איז משגיח, איז נישט נאָר השגחה וידיעה כללית, נאָר השגחה פרטי פרטיות עד חלק קטן. אויך בעקרים. ובשל"ה. וראשית חכמה, ושאר ספרים בענין זה. ברמב"ם באריכות בענין ידיעה ובחירה ובשאר ספרים. ובספרי הארכתי בעזה"ש.

מאנכע מענשען פרעגען: אויב די השגחת הבורא איז אַזוי גרויס בכלליות און פרטיות, היתכן, וואָס די השגחה האָט כביכול נישט געוואָרפען אַ שיין אַ קוק אויף די צרות רבות ורעות וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט געליטען די לעצטע פינף יאָהר מיט די מיליאָנען מיתות משונות ל"ע און עינוים קשים וואָס ס'איז לא יאומן כי יסופר אַזוי אָהן רחמנות'דיג. איך בין נישט אומשטאַנד צו פערענטפערען די גרויסע קשיא, נאָר פטור בלא כלום אי אפשר, איבערצולאָזען גאָר אָהן אַ תירוץ בלייבט דאָך די קשי' נאָך שטאַרקער, און ס'קאָן נאָך ח"ו האָבען אַ שלעכט ווירקונג צו דער אמונה. וויל איך זאָגען אַ

ווארט בקיצור, ואם חטאתי המקום יכפר. אויב דאס איז א שלעכט מיינונג און א בעשולדיגונג געגען דער השגחה כביכול, בין איך נישט קיין שותף צו דער קשי׳. דען מיר דארפען נאר זאגען די ווערטער פון משה רבינו: הצור תמים פעלו כי כל דרכיו משפט. צדיק וישר הוא. צדיק ה׳ בכל דרכיו א. ז. וו. און דאס איז מן התורה, און מען מוז דאס אננעמען פאר ריכטיג. און צו זאגען אן אנדער מיינונג אז השי״ת איז אין גאנצען גערעכט נאר די אידען זיינען שולדיג, דורך חטאים ועונות ופשעים, וויל איך אויך נישט זיין קיין שותף צו בעשולדיגען דאס אידישע פאלק דאס הייליגע עם קדוש, זרע אברהם יצחק ויעקב. ווייל מ׳דארף מלמד זכות זיין אויף זיי, נישט מלמד חובה צו זיין. אזוי ווי ס׳איז בעקאנט דאס התנהגות פון דעם איש אלהים גאון וקדוש, שר וגדול ליהודים דער בערדיטשובער זצ״ל. און מזכה זיין שטרי לבי תרי, קאן איך אויך נישט, און מחייב זיין טאר מען נישט. נאר דאס קאן טהון א גרויסער מענש אבער נישט א בריה קטנה ושפלה כמוני. נאר אזא מין קשי׳ האט שוין געפרעגט משה רבינו פון „צדיק ורע לו״, און ירמיה הנביא „מדוע דרך רשעים צלחה״. אבער די גמרא ענטפערט תירוצים וואס זיינען אויך נישט אזוי שטארק צופרידענשטעלענד. איבערהויפט ס׳איז נישט פאר־געקומען אזא גרויסע קשי׳ ווי יעצט. דא דארפען האבען א גרויסען תירוץ וואס ס׳קאן קיינער נישט פערענטפערען נאר השי״ת אליין. נאר עפעס א קליינעם תירוץ וויל איך דערוויל שרייבען. השי״ת זאגט אין דער תורה „ואנכי הסתר אסתיר פני״ ביום ההוא. אויך והסתרתי פני וכו׳. איך וועל פערבארגען מיין פנים, ווען ער כביכול ווערד אין כעס אויף דער וועלט באהאלט ער זיין הנהגה, און ס׳הייסט, איך וויל נישט קוקען און זיך מישען צו אייך, טהוט אייך וואס איהר ווילט. און דאס איז נישט אויף תמיד נאר אויף א קורצער צייט, ער יעבור זעם. ברגע קטן עזבתיך. ומי יאמר לו מה תעשה. פונקט ווי ער האט רעכט צו זיין א משגיח און מנהיג, האט ער א רעכט צו פערבארגען זיין פנים, וואס מיר ווייסען נישט ווי אזוי דאס איז, און דאס איז פאר דער וועלט דאס ארגסטע וואס ס׳קאן נאר זיין. און

אמונה עיקר י. שלימה

ס'ברענגט דאצו פון „כיון שניתן רשות למשחית" וכו'. און דארוף האט דוד המלך געבעטען „למה פניך תסתיר", און דער נביא זאגט: ותאמר ציון עזבני ה'. און השי"ת זאגט צו זיי אז ער וועט זיי נישט פערגעסען און נישט מסתיר פנים זיין פון זיי, א. ד. ג. חאטש מיר זיינען נישט שטארק צופרידען מיט דעם הסתרת פנים און מיט דעם תירוץ, איז דאס דאך עפעס א שטיקעל נחמה. און השי"ת זאל העלפען, אז פון דער עת צרה היא ליעקב זאל זיין ממנה יושע. און דאס בעסטע פאר אונז איז תשובה ותפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזרה, און אנשטאט הסתרת פנים זאל מקויים ווערען „יאר ה' פניו אליך ויחנך, און ישא ה' פניו אליך וישם לך שלום".

זקני הרה"ק דער בעל שם טוב זצ"ל האט געזאגט צום גאון בעל נודע ביהודה זצ"ל נאך דעם דאוונען. מילא דער תירוץ וואס איהר האט פערענטפערט א שווערען תוספות איז טאקע זעהר ריכטיג. אבער פאר וואס האט איהר דאס פערענטפערט אין מיטען דער שמונה עשרה, בעסער וואלט געווענען ווען איהרווארט א פאר מינוט ביז נאך שמ"ע.

א תלמיד א חסיד פון דעם גרויסען צדיק ר' פינחס קאריצער זצ"ל איז אמאל אריין געפאלען אין שלעכטע געדאנקען, ווי איז מעגליך אז השי"ת איז א יודע מחשבות? און איז מיט דעם שלעכטען געדאנק געפאהרען צום רבי'ן ר"פ ער זאל איהם דאס גלאט מאכען, און לפשט עקמימיות שבלב. און אזוי ווי ער איז נאר וואס צוגעקומען צום רבין'ס הויז האט דער רבי איהם מקדים בשלום געווען דורך דעם פענסטער, און געזאגט ווי אזוי ווייסט כביכול השי"ת נישט קיין מחשבות אז אפילו איך וויים אויך דיינע מחשבות. און מיט דעם איז איהם גרינגער געווארען אויף דעם הארץ.

עיקר יא

אני מאמין באמונה שלמה שהבורא יתברך שמו גומל טוב לשומרי מצותיו, ומעניש לעוברי מצותיו.

איך גלויב באמונה שלמה אז השי״ת בעלוינט גוטס צו די וואָס היטען אָפּ זיינע מצות, און ער שטראָפט די וואָס זיינען עובר אויף זיינע מצות.

(אממייסטען שכר ועונש איז בעולם הבא, נאָר איניגע זאַכען ווערד איך געצאָהלט אויף דער וועלט, אזוי ווי ס׳שטעהט ווייטער).

(במשנה פאה) „אלו דברים שאדם אוכל פירותיהן בעולם הזה, והקרן קיימת לעולם הבא״. די זאַכען, די מצות, וואָס אַ מענש געניסט פון די פירות אויף דער וועלט, אָבער דאָס קרן בלייבט צו יענער וועלט (עוה״ב). „כיבוד אב ואם״, „גמילת חסדים״, „והבאת שלום״, „ותלמוד תורה כנגד כולם״. עהרליך האַלטען די עלטערן, גמילות חסדים, מאַכען שלום צווישען מענשען, און לערנען תורה איז דאָס גרעסטע, ס׳געהט איבער אַלעס. (דאָס הייסט, אַז וואָס זיינע עלטערן פערלאַנגען דאַרף ער פאָלגען, אָבער אַז ער וויל אין דער צייט לערנען תורה, איז דאָס נאָך גרעסער, און אַז זיי זאָגען איהם ער זאָל זיין אַ מחלל שבת, אָדער עסען טריפות, אָדער צו טהון אַן אַנדערע עבירה, דאַרף ער נישט פאָלגען זיי, נאָר פאָלגען די תורה, דאָס זעלבע איז מיט אַנדערע מצות און עבירות). — בגמרא שבת, איז אויסגערעכענט זעקס זאַכען שאדם אוכל פירותיהן בעולם הזה.— און אין „ברכת התורה״ זיינען גערעכענט נאָך איניגע זאַכען.

בפ׳ אבות. גדולה תורה שנותנת חיים לעושיה בעולם הזה ובעולם הבא. די תורה גיט לעבען צו די וואָס לערנען זי, און וואָס זיינען מקיים די מצות, אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט,

אמונה עיקר יא. שלימה

ווי ס'שטעהט „כי חיים הם למוצאיהם" און „עץ חיים היא למחזיקים בה", זי איז אַ בוים פון לעבן. (ד"ה, אַזוי ווי אַ בוים גיט פרוכטען, און דער בוים בלייבט גאַנץ, אַזוי איז די תורה, זי גיט לעבען אויף דער וועלט דאָס זיינען די פירות, און דאָס קרן בלייבט לעוה"ב). אויך „אורך ימים ושנות חיים ושלום", „ונאמן בעל מלאכתך שישלם לך שכר פעולתך". השי"ת איז בעגלויבט צו באַצאָהלען שכר טוב צו די וואָס זיינען מקיים די תורה.

„ודע שמתן שכרן של צדיקים לעתיד לבא". דער שכר איז אין דער צוקונפט, לעולם הבא. „ודע לפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון", דאַרפסט וויסען אַז וועסט דאַרפען אָפּגעבען דין וחשבון פאַר אַלע מעשים, לפני מלך מלכי המלכים הקב"ה. „התקן עצמך בפרוזדר כדי שתכנס לטרקלין", זאָלסט דיך פאַרברייטען אין פאָר־הויז (בעולם הזה) אום דו זאָלסט קענען אַריין קומען אין סאלאָן, (עולם הבא).

גמרא. ו"יצר., גאָט האָט בעשאַפען דעם מענש, מיט צוויי יודי"ן, איינם אויף דער וועלט, און איינם בעולם הבא. אליהו רבה, „ברוך המקום שמשלם שכר טוב ליראיו", געלויבט איז השי"ת וואָס בעצאָהלט אַ שכר טוב צו די עהרליכע אויף דער וועלט, און אויף יענער וועלט. בזוהר, דער גרויסער שכר פון דעם וואָס היט די תורה און מצות, איז בעוה"ז, אָבער דער עיקר איז לעוה"ב. בגמרא ומדרשים ובשאר ספרים ווערד פיעל גערעדט וועגען דעם.

(בתרגום אונקלוס, ויונתן). אויף דעם פסוק: „הלא אם תטיב שאת", אם תטיב עובדך בעלמא הדין, ישתבק לך חובין. אַז דו וועסט טהון גוטס אויף דער וועלט, און וועסט תשובה טהון, וועט פאַרגעבען ווערען דיינע זינד. „ואם לא תטיב" בעוה"ז. ליום דינא רבא חטאך נטיר. און אַז וועסט נישט טהון מעשים טובים אויף דער וועלט, וועלען דיינע זינד און משפט געהאַלטען ווערען צום יום הדין לעוה"ב.

בתרגום יונתן. ווען קין האָט גע׳הרג׳ט זיין ברודער הבל, און בעפאָר האָט ער געזאָגט אַז ס׳איז נישטאָ קיין דין און קיין דיין, און ער האָט נישט געגלויבט אין שכר ועונש בעוה״ב. אָבער זיין ברודער הבל האָט איהם גע׳מוסר׳ט און געזאָגט אַז ס׳איז יאָ דאָ אַ דין ודיין לעוה״ב. וכן במדרש רבה.

הרמב״ם, היסוד האחד עשר. שהשי״ת נותן שכר למי שעושה מצות התורה. ויעניש למי שעובר על אזהרותיה. ד״ה, דער 11טער יסוד איז, אַז השי״ת גיט שכר צו דעם וואָס היט אָפּ זיינע מצות, און ער וועט שטראָפען דעם וואָס איז עובר אויף זיינע געזעץ. (צו באַמערקען, אַז ביים שכר זאָגט ער בלשון „הוה״, און ביים עונש בלשון „עתיד״. און אין „אני מאמין״ שטעהעןביידע בלשון הוה, און לויט ווי ס׳שטעהט ווייטער אַז דער עיקר שכר ועונש איז בעוה״ב. דארפען דאָך ביידע זיין בלשון עתיד, אַז ס׳וועט ערשט זיין שפּעטער, וצ״ע ויש ליישב). און ער ברענגט אַ ראיה אויף דעם פון דעם פּסוק: „ועתה אם תשא חטאתם, ואם אין מחני נא מספרך״, און השי״ת האָט איהם געענטפערט „מי אשר חטא לי אמחנו מספרי״. אַז ווער ס׳האָט געזינדיגט וועל איך איהם אָפּמעקען פון מיין ספר. דאָס איז אַ ראיה אויף שכר ועונש. (דאָ איז אויך קשה, וואָס ער וויל ברענגען אַ ראיה אויף ביידע, אי אויף שכר, אי אויף עונש, צום סוף ברענגט ער נאָר אַ ראיה אויף עונש, אָבער נישט אויף שכר? ובספרי הארכתי).

ברמב״ם, איז פיעל געשריבען איבער דעם ענין פון שכר ועונש. און ברענגט די משנה „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא״. אַ יעדער איד האָט אַ חלק לעולם הבא, אויסער די וואָס ער רעכענט אויס וואָס האָבען נישט קיין חלק לעולה״ב. נאָר זיי ווערען גע־שטראָפט און פערלוירען אויף אייביג. די וואָס ווערען אָנגערופען מינים, והאפיקורסים, והכופרים בתורה. די אַפּיקורסים וואָס לייקענען אין דער תורה, אָדער אין תחיית המתים, אָדער אין משיח׳ן און ד.ג. ווער הייסט מין? דער וואָס גלויבט נישט אין

השי״ת, און אפילו ער גלויבט יאָ, נאָר ער זאָגט אַז השי״ת איז נישט דער פיהרער פון דער וועלט. אָדער ער זאָגט אַז השי״ת איז נישט איינער נאָר מעהר פון איינעם. (אַזוי ווי ס׳איז דאָ אייניגע גלויבענס וואָס שטיקעווען צו צו השי״ת נאָך עפּעס אַ בעשעפעניש, נאָר זיי זיינען נישט פערבאָטען פון שותפות-דיגע גלויבענס, אָבער מיר זיינען יאָ פערבאָטען. (כמ״ש בפמ״ג יורה דעה סי׳ ס״ה. וברמ״א או״ח סי׳ קנ״א). אָדער ער זאָגט אַז השי״ת איז אַ בעל גוף אַ קערפּער, אָדער ער גלויבט אין אַ פרעמד גלויבען און דינט די עבודה זרה, און דאָס גלייכען.

אַן אַפּיקורס הייסט, ווער ס׳גלויבט נישט אין דער נבואה, אָדער ער לייקענט די נבואה פון משה רבינו. אָדער ער זאָגט אַז השי״ת ווייסט נישט וואָס דער מענש טהוט א. ד. ג. אַ כופר הייסט, אַז ער לייקענט אין דער תורה, אַז די תורה איז נישט פון השי״ת, אפילו איין פּסוק, אָדער ער לייקענט אין דער תורה שבע״פ, ווי צדוק ובייתוס, אָדער ער זאָגט אַז השי״ת האָט איבערגעביטען די מצוה פאַר אַן אַנדערע, א. ד. ג. און נאָך אַזעלכע זאַכען, ווי מומר, מחטיאי הרבים, והעובר עבירות ביד רמה, אָדער ער צווינגט אידישע קינדער צו זינדיגען און געהן אויף אַ שלעכטען וועג, אָהן תורה, אָהן מצות. און המגלה פּנים בתורה שלא כהלכה, א.ד.ג. די אַלע האָבען נישט קיין חלק לעוה״ב. אויסער ווען ער טהוט תשובה, תשובה העלפט אויף אַלע עבירות ווי ס׳שטעהט אין רמב״ם און נאָך אַנדערע ספרים, ווי ס׳שטעהט „שלום שלום לרחוק ולקרוב״, השי״ת גיט שלום צו דעם יעניגען וואָס איז געוועזען ווייט פון אידישקייט, און איז געוואָרען נאָהנט.

בגמרא ובזוהר, באריכות מגיהנם וגן עדן ועולמות עליונים. מ׳קאָן נישט אַלעס אָרויסשרייבען, נאָר אַזוי פיעל, ווי דורך תורה ומצות ומעשים טובים וועט מען זוכה זיין צו אַ שכר טוב און גן עדן, אָבער דורך שלעכטע מעשים דאַרף מען ליידען אַן עונש בגיהנם. וואָס ס׳איז נישט מעגליך דאָס אַלעס צו ערקלערען. אויך איז פער-

אמונה עיקר יא. שלימה

אנען שכר ועונש אויף דער וועלט און דער שכר הייסט די פּרוכטען פון דעם בוים, וואָס מ'געניסט אויף דער וועלט, אָבער דער עיקר בלייבט לעולם הבא.

בפ' אבות. די תלמידים פון „אברהם אבינו" עסען די פּירות בעוה"ז און האָבען אַ גרויסען טהייל בעוה"ב. אָבער די תלמידים פון „בלעם הרשע" וואָס געהען אויף די שלעכטע וועגען וועלען ירש'ענען דאָס גיהנם. באליהו רבה. אפילו אַ קינד וואָס לערענט תורה איז זיין שכר אָנגעגרייט צו יענער וועלט.

מד"ר. „הסייף והספר", די תורה מיט דער שווערד, אָדער דאָס ברויד מיט דעם שטעקען זיינען צוזאַמען געגעבען געוואָרען מן השמים, אויב מ'היט אָפּ די תורה ווערד מען ניצול פון דער שווערד, און מ'האָט ברויט, אפילו דער אָרימאַן, און פערקערט, ווען מ'היט נישט די תורה, איז דאָ אַ שווערד אָדער אַ שטעקען אויף די שונאי ישראל. (און דאָס מיינט נישט אַז די צוויי שלעכטע זאַכען ווערען תמיד בענוצט. נאָר זיי ליגען און וואַרטען אויף דער שלעכטער צייט און אויף דעם שלעכטען שליח. אַזוי ווי ס'איז געוועזען אין דער לעצטער בייט. און אַז מ'וויל זיך אויסהיטען פון די צרות איז דאָ די רפואה. דאָס איז די תורה און מצות ומעשים טובים, און דאַרויף האָט געזאָגט דער נביא „על מה אבדה הארץ", וואָרום איז דאָס לאַנד ארץ ישראל געגאַנגען צו גרונד? „על עזבם את תורתי". ווייל זיי האָבען פערלאָזט די תורה אן מצות, איז דאָך זעלבסט פערשטענדליך אַז מ'וויל צוריק קומען קיין ארץ ישראל, זאָל מען זיך בעפאָר צוריק קערען צו דער תורה און מצוות. און דאָס וואָס אייניגע גרינגע מענשען ווילען אַריין שמוגלען דאָס הפקרות קיין ארץ ישראל, אָהן תורה, אָהן אידישקייט, דאָס האָט נישט קיין קיום. אם ה' לא יבנה בית, אויב השי"ת וועט נישט בויען דאָס לאַנד ארץ ישראל, אָדער די מענשען וואָס געהען אין גאָט'ס וועגען, איז „שוא עמלו בוניו בו", איז אומזיסט זייער בעמיהונג, ווייל זייט ארץ ישראל עקזיסטירט, קאָן זי נישט דולדין קיינע שלעכטע אויפפיהרעכטס,

אמונה   עיקר יא.   שלימה

נישט נאָר אין דער צייט וואָס אידען זיינען דאָרט בעלי־בתים, נישט נאָר נאָך מתן תורה, נאָר אפילו פאַר מתן תורה און בעפאָר ארץ ישראל האָט בעלאַנגט צו די אידען, נאָר צו די זיבען פעלקער, האָט דאָס הייליגע לאַנד נישט געקאָנט פאַרטראָגען שלעכטע מעשים, ווי ס'שטעהט, אַז השי"ת זאָגט צו די אידען: איהר זאָלט זיין פאָרזיכטיג אַז די ערד זאָל אייך ניטש אַרויסשפייען, אַזוי ווי זי האָט אַרויס־געשפּיגען די פעלקער וואָס זיינען געוועזען בעפאָר אייך. ד"ה, אַזוי ווי איינער עסט אַ שלעכט מאַכל דאַרף ער דאָס אויסברעכען, ווען נישט שאַדעט דאָס צום גאַנצען קערפּער. אַזוי האָט דאָס הייליגע לאַנד אין זיך אַזאַ כח, אַז זי ברעכט אויס די שלעכטע מעשים אָדער די שלעכטע מענשען.

און דאָס איז געווען דאָס שליחות פון די נביאים צו די אידען, זיי זאָלען זיך אומקערען צום דרך התורה, און אויב ס'איז געוועזען וואוילע יונגען וואָס האָבען זיך נישט צוגעהערט צו די נביאים, וואָס האָבען זיי אויפגעטהון? זיי האָבען זיך מיט די קינדער פעראומגליקט. ווען אַ קאָנדוקטער פיהרט שלעכט דעם צוג, איז נישט נאָר ער איז אין אַ סכנה, נאָר אַלע פּאַסאַזשירען זיינען איינגעשטעלט מיט'ן לעבען. ווען איינער בויערט אַ לאָך אין דער שיף, איז נישט נאָר זיין פּלאַץ וואו'ער זיצט אין אַ סכנה, נאָר די גאַנצע שיף איז אין געפאַר, זי זאָל ח"ו דערטרונקען ווערען. נאָר „לו חכמו ישיכלו זאת", אויב די פיהרערס האָבען עפּעס אַביסעל ערענסטקייט און מענשליכקייט קאָנען זיי דאָס פאַרריכטען, נאָר דורך תורה ומצות, און נישט דורך כחי ועוצם ידי.

מדרש, ורש"י. „אני ה'" נאמן לשלם שכר. „אלהיכם" נאמן ליפרע. ד"ה, השי"ת איז בעגלויבט אי צו בעלאוינען גוטס פאַר גוטע מעשים. אי שלעכטס פאַר שלעכטע מעשים. זאָל זיך דער מענש נישט אַריינריידען, און זאָל נישט זאָגען: איך בין מוחל דעם שכר פון עולם הבא, און וויל נישט מקיים זיין די מצות, און פּטור. דאַרויף זאָגט השי"ת: „אם לא ביד חזקה אמלוך עליכם", איהר מוזט זיין אידען,

אמונה עיקר יא. שלימה

איהר מוזט אָפּהיטען די מצות, ווייל איך בין אייער מלך. און מיט שטאַרקע מאַכט בעפעהל איך אייך, און מיט געוואַלד בין איך אייער מלך. דאָס וואָס איהר זאָגט זיך אָפּ פון אַלע מצות, איז נאָך גאָר נישט, פונקט ווי אַ כהן וויל חתונה האָבען מיט אַ גרושה, טאָר מען דאָך נישט. זאָגט ער זיך אָפּ פון דער כהונה, אָבער ער מאַכט אַ טעות, ער קאָן נישט אויפגעבען די כהונה, פונקט ווי אַ איד קאָן נישט אויפגעבען זיין אידישען שטאַם און ווערען אַ גוי. „כי לא דבר רק הוא", די תורה איז נישט פוסטע, אויב איהר בעמיהט אייך צו זיין אַ איד, צו האַלטען כשרות, שבת, דאַוונען, א.ד.ג. איז דאָס נישט אומזיסט, ווייל ס'איז דאָ פאַר אייך פיעל שכר. אמת, דער אמת'ר עהרליכער איד דינט נישט „על מנת לקבל פרס", ווייל דער שכר וועט במילא קומען, נאָר די וואָס ווילען נישט טהון אַ מצוה אומזיסט, נאָר פאַר שכר, זיי זאָגט צו השי"ת דעם ריכטיגען שכר לויט זייער ווערד, צי בעוה"ז צי בעוה"ב.

בפרק אבות, רעכענט ער אוים פיעלע זאַכען וואָס ס'ווערד בעצאַהלט אויף דער וועלט, ז' מיני פורעניות (אויף היטלערס יורשים געזאָגט). אויף ז' מיני עבירות. דאָס זעלבע דער שכר בעוה"ז. בגמרא שבת, „עשירים שבארץ ישראל במה הן זוכין, בשביל שמעשרין", „ושל בבל משום שמכבדין התורה", „ושל שאר ארצות משום שמכבדין השבת". דאָס רייכקייט פון אייניגע אידען איז דורך געבען מעשר. און מכבד זיין די תורה, און האַלטען שבת בכבוד. דאָס גלייכען אין דער גמרא און מדרש פיעל שכר אויף דער וועלט, און פיעל עונש, אויף די שונאי ישראל בעוה"ז.

אויך בתורה ובנביאים, שטעהט אויך פיעל שכר ועונש בעוה"ז. ווי די ברכות האבות „עקב אשר שמע אברהם בקולי", „וישמור משמרתי", „ועבדתם את ה' וברך את לחמך", אַז איהר וועט דינען צו השי"ת וועט ער בענשען אייער ברויט און אייך אָפּהיטען פון קרענק. „אם בחקותי תלכו", אַז איהר וועט געהן אין די וועגען פון דער תורה, וועל איך געבען רעגען און ברכה און אַנדערע זאַכען.

און ווען נישט, וועט זיין פאַרקעהרט. „ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה". איך גיב פאַר אייך די ברכה אויב איהר וועט זיך צוהערען צו די תורה, און ווען נישט, א.ז.וו. (הכלל די ברכות זיינען זעהר גוט, אָבער די קללות זיינען שוין געווען צו פיעל, ס'מעג שוין זיין נאָר ברכות). ווי ס'שטעהט „ברוך אתה בעיר ובשדה", זאָלסט זיין געבענשט אין שטאָט און אין פעלד, און ביים קומען און ביים אַוועקגעהן, א.ד.ג. אויך זאָגט דער נביא „מי נתן למשיסה יעקב", וועלכעס האָט געבראַכט דאַצו אַז די אידען זאָלען ווערען גערויבט און געפּלינדערט? ווייל מיר האָבען געזינדיגט. און נישט אָפּגעהיט די תורה און מצות. הושע. „ותשכח תורת אלהיך אשכח בניך", ווייל איהר האָט פאַרגעסען די תורה פון גאָט, טהוט ער פאַרגעסען דיינע קינדער. מלאכי. „אתם סרתם מן הדרך", איהר האָט זיך אָפּגעטהון פון דעם גלייכען וועג, וועל איך אייך מאַכען „נבזים ושפלים, כפי אשר אינכם שומרים דברי", פאַר'מיאוס'ט און נידעריג ביי די אומות העולם, לויט אייער אָפּטהון און נישט אָפּ-היטען מיינע רייד. (דאָס איז דער היפך פון די אַסימילירטע, זיי דענקען אַז מיט דעם וואָס זיי דערווייטערען זיך פון אידישקייט, און דערנענטערען זיך צום גוישען וועג, וועלען זיי זיך פאַרבעסערען די לאַגע. אָבער ס'איז פונקט פאַרקעהרט, וואָס מעהר זיי ווילען זיך צו-שמייכלען צו די אומות העולם, און אָראָפּוואַרפען פון זיך דאָס אידישקייט, מעהר ווערען זיי דערנידעריגט ביי זיי. אָט האָט איהר אַ ראיה פון די משומדים השם יצילנו וואָס מ'האָט זיך מיט זיי גע-רעכענט גלייך ווי מיט פשוט'ע אידען, און זיי זיינען געבליבען „קרח מכאן וקרח מכאן", אויסגעשלאָסען אי פון אידען אי פון גוים, אי פון מענשען, אי פון גאָט). און אַזעלכע פסוקים זיינען פאַראַנען פיעל אין די נביאים. און אויך דאָס גוטע בעלוינונג פאַר מעשים טובים, אי בעולם הזה, אי בעולם הבא.

דער רמב"ם שרייבט פיעל וועגען דעם שכר גשמיות וואָס די תורה זאָגט. און ער גיט צו פאַרשטעהן, אַז דער עיקר שכר איז ערשט לעולם הבא. נאָר דער שכר פון דער וועלט, איז נאָר אַ צוהילף צום

שכר לעולם הבא. דען ווען ער וועט זיין געפלאָגט מאטעריאליש, און ער וועט נישט קאָנען מקיים זיין די תורה, וועט ער דאָך נישט קאָנען זוכה זיין צום תכלית, צו עולם הבא. דערפאַר גיט איהם השי"ת די ברכות גשמיות, כדי ס'זאָל איהם זיין גרינג מקיים זיין די מצות אָהן אַ שטערונג. און דורך דעם וועט ער זוכה זיין צום חלק עוה"ב. (אָבער נישט ווי איינינע נגידים טוהען קאַפּויר, אַז וואָס מעהר רייכקייט ער באַזיצט אַלץ מעהר דערווייטערט ער זיך פון דער תורה און מצות, און אידישקייט. ווי ס'שטעהט אין דער תורה „שמנת עבית כשית ויטוש אלק עשהו", אָבער זיי מאַכען דעם גרעסטען טעות, זאָלען זיי זיך גוט צוקוקען וואָס ס'איז געוואָרען פון די יוראָפּעאישע אַסימילאַנטען מיט זייער רייכקייט, נאָר מיר האָפען אַז פון יעצט אָן, וועט זיך נישט מעהר איבער'חזר'ן אַזאַ באַרבאַרישע געשיכטע און אידען וועלען בלייבען אידען, און וועלכע זיי בעזיצען גרויס פאַרמעגען וועלען וויסען ווי אַזוי זיך צו פיהרען מיט דעם, און עפּעס אָפּשפּאָרען פאַר זיך זעלבסט).

כוזרי. מקאָן נישט פאַרשטעלען ווי אַזוי דער שכר פון עולם הבא וועט זיין, אָבער דער שכר איז בעשטימט און וועט אַלענפאַלס זיין, סאַי דער שכר סאַי דער עונש. (בעקידה) האָטש, אין דער תורה שטעהט נישט קיין שכר ועונש פון עוה"ב נאָר פון עוה"ז. דאָך איז דער עיקר בעוה"ב. און ס'שטעהט נישט, אום מ'זאָל נישט דינען צו השי"ת על מנת לקבל פרס. עקסטער דעם איז אוממעגליך אַריין צושטעלען אין דער תורה דאָס מין עולם הבא. ווייל דאָס איז דאָך אַזוי גרויס אַז ס'איז פשוט אוממעגליך אַלעם פאַרצושטעלען. —

ווען צום ביישפּיעל די תורה זאָל וועלען אַריין שטעלען איין פרשה און בעשרייבען וואָס טהוט זיך אויף די טויזענטער אָדער מיליאָנען שטערען קאָמעט'ן און פּלאַנעטען וועלכע די אַסטראָנאָמען ווילען וויסען און דאַרען די קעפּ עפּעס צו דערגרונטעווען און זיינען נישט אומשטאַנד צו דערגעהן אפילו וואָס טהוט זיך אויף דער לבנה. האָטש זי איז די נאָהנסטע פון אונז. מאָהלט אייך אוים ווען די תורה

שטעלט אַריין אַלעם וואָס ס׳טוט זיך אויף זיי. ווי גרוים וואָלט געדאַרפט זיין די פרשה? אזוי גרוים ווי פון אַמעריקא ביז יוראָפּ, וואָס דאָס איז קערפּערליכע בעשעפעניש וואָס זיי האָבען אַ גבול און אַ ענדע. ובפרט ווען די תורה וואָלט געוועזן אַריין שטעלען אַ פּרשה פון עולם הבא, וואָס דאָס איז נישט קיין קערפּערליכע זאַכען נאָר גייסטיגע זאַכען, און ס׳האָט קיין גבול און קיין סוף. איז דאָך אודאי נישט מעגליך אַריין צו שטעלען אין דער תורה.

(בעקרים) דער עיקר שלימות פון דעם מענש, איז נאָר דורך תורה ומצות. וואָרין דורך דעם וועט ער זוכה זיין צום בעסטען שכר לעולם הבא. אָבער אָהן דעם, וועט ער נאָר האָבען אַ קליין חלק. (אברבנאל) ברענגט איינִיגע חכמים פון די אומות העולם וואָס האָבען אויך מודה געוועזען אין השארת הנפש. (דאָס הייסט, אַז דאָס נפש מיט דער נשמה בלייבען אויף אייביג, אָבער מיר אידען דאַרפען נישט זייער הסכמה, ווייל זיי זאָגען נאָר אַ מיינונג, און האָבען נישט קיין שום איבערצייגונג. אָבער מיר האָבען ב״ה אַ סך מקורות וואָס ס׳איז אַלעם איבערצייגט גרינדליך, און מיר האָבען געהאַט גרויסע נביאים און תנאים ואמוראים און בעלי רוח הקודש אויף וועמען מ׳קאָן זיך פערלאָזען).

דער רמב״ם שטעלט אַביסעל פאַר דאָס עולם הבא, אַביסעל גיהנם, אַביסעל גן עדן, און שכר ועונש. אָבער זעהר וועניג. זעהר שיטער. אָבער דאָס געדיכטע, שרייבט ער נישט, ווייל ער שרייבט פאַר אַלגעמיין, איז דאָס נישט מעגליך אַלעם אַרויסצושרייבען. אָבער אונזערע חז״ל האָבען פיעל גערעדט וועגען דעם, און ועל כולם דער זוהר הק׳ שרייבט און רעכענט אוים פיעל זאַכען פון דעם שכר ועונש, און גיהנם, און גן עדן, און פאַרשידענע היכלות, און אפּטהיילונג פאַר די גרויסע זאַכען, נאָר דאָ איז נישט דער פּלאַץ פאַר דעם, און אין מיין ספר „אמונה שלימה״ האָב איך מעהר געשריבען.

(באליהו זוטא). חבקוק הנביא האָט געפרעגט צו השי״ת, ווער ס׳האָט אַסאַך געלערענט און מקיים געוועזן די גאַנצע תורה,

אמונה עיקר יא. שלימה

און ווער ס'האָט נאָר געזאָגט „קריאת שמע" יעדען טאָג, זאָל זיין זייער שכר און דאָס בעלייכטען זייער פנים אין גן עדן גלייך? האָט איהם השי"ת געענטפערט: נישט אזוי! נאָר אַ יעדער וועט זוכה זיין לויט זיינע פערדינסטען. אויך שטעהט אין ספר עקידה, אויך אין תוספות יום טוב בשם הספרי פ' ברכה, אַז די אידען האָבען געפרעגט צו משה רבינו, וועגען שכר עוה"ב ווי אַזוי ס'וועט זיין. און ער האָט געענטפערט: אשריכם מה שמתוקן לכם, וואויל איז צו אייך וואָס ס'איז פאַר אייך אָנגעגרייט אויף יענער וועלט. אָבער ס'איז אוממעגליך דאָס אַלעס אויסצומאָהלען און פאָרשטעלען, ווייל דאָס איז „עין לא ראתה" קיין מענשליכעס אויג קאָן דאָס נישט זעהן בעפאָר, נאָר השי"ת אַליין.

עיקר יב

אני מאמין באמונה שלמה בביאת המשיח, ואף על פי שיתמהמה עם כל זה אחכה לו עד שיבוא.

איך גלויב באמונה שלמה, אז משיח וועט קומען, אפילו ער זאָל זיך פערזאמען, דאָך האָף איך אויף איהם, ביז ער וועט קומען.

מדרש. ר׳ יוסי פתח קרא בגליות. ר׳ יוסי טייטשט איין דעם פסוק וועגען גלות: „ויאמר להם יעקב אחי מאין אתם״, יעקב האָט געפרעגט די מענשען, ברידער פון וואַנעט זענט איהר? „ויאמרו מחרן אנחנו״, מיר זיינען פון חרן. ד״ה, מחרונו של הקב״ה אנו בורחים, מיר אַנטלויפען פון גאָט׳ס צאָרען. „ויאמר להם הידעתם את לבן בן נחור״, קאָנט איהר לבן בן נחר, מי שעתיד ללבן עונותיהם של ישראל, כשלג. ד״ה, אַז השי״ת וועט מאַכען ווייס די אידישע זינד אַזוי ווי שנעה? „ויאמרו ידענו״, מיר ווייסען. באיזה זכות? אין וועמעס זכות? בזכות „והנה רחל בתו באה עם הצאן״, אין זכות פון רחל. ווי ס׳שטעהט „קול ברמה נשמע״, ס׳הערט זיך אַ קול אין הימעל „רחל מבכה על בניה״, רחל וויינט אויף איהרע קינדער. און השי״ת ענטפערט: „מנעי קולך מבכי״, זאָלסט מעהר נישט וויינען. און די אויגען זאָלען מעהר נישט טרעהרען, „ויש תקוה לאחריתך״. ס׳איז דאָ אַ גוט האָפענונג אַז די קינדער וועלען זיך צוריק אומקערען צו זייער גרעניץ, ארץ ישראל. דאָס זעלבע אין פתיחת מדרש איכה. אַז השי״ת האָט מבטיח געווען צו רחל אַז אין איהר זכות וועלען איהרע קינדער, דאָס הייסט אַלע אידע זוכה זיין צו דער גאולה.

באליהו רבה, בזכות יראה ואמונה בהקב״ה זיינען זיי אויסגע־לייזט געוואָרען פון מצרים, אויך אַזוי וועלען זיי אויסגעלייזט ווערען פון דעם גלות, והקב״ה מצפה על משיח, השי״ת האָפט אויף משיח׳ן

מעהר ווי אַ פּאַטער אויף זיין זוהן. און אַ אשה קוקט אַרויס אויף איהר מאַן זיי זאָלען אהיים קומען. און ער האָפט אַז אידען זאָלען תשובה טהון און ער וועט זיי אויסלייזען פונ'ם גלות, און וועט אויפ־בויען דאָס בית המקדש, ס'זאָל מעהר נישט חרוב ווערען.

מדרש ואתחנן. די אידען זיינען אויסגעלייזט געוואָרען פון מצרים דורך פינף זאַכען. מתוך „צרה", מתוך „תשובה", מתוך „זכות אבות", מתוך „רחמים", ומתוך „הקץ". דאָס זעלבע פון דעם לעצטען גלות, וועלען זיי אויך אויסגעלייזט ווערען דורך די פינף זאַכען, פון „צרה", ווי ס'שטעהט „בצר לך" ומצאוך, אַז ס'וועט דיר זיין ענג אין די לעצטע טעג פונ'ם גלות. דורך „תשובה", „ושבת", דורך „רחמים", „אל רחום", דורך „זכות אבות", „ברית אבותיך", דורך „קץ", ווי ס'שטעהט „באחרית הימים". און דוד המלך האָט דאָס דערמאָנט אין תהלים. „וירא בצר להם", ד"ה, „צרה". „בשמעו את רנתם" ווען ער הערט זייער געבעט, דאָס איז „תשובה". „ויזכור להם בריתו" דאָס איז „זכות אבות", „ויתן אותם לרחמים", דאָס איז „רחמים", „הושיענו ה' וקבצנו" דאָ איז דער „קץ". בגמרא, כי תצא אש וכו'. אמר הקב"ה, השי"ת זאָגט, איך וועל בעצאָהלען דעם שאָדען פון דעם פייער וואָס האָב אָנגעצונדען אין ציון. און איך וועל צוריק אויפבויען ציון מיט דעם ביהמ"ק, און וועל זיין צו איהר אַ פייערדיגער מויער אַרום איהר זי צו פערהיטען פאַר וועלכען שונא.

הרמב"ם, היסוד השנים עשר. ימות המשיח. והוא להאמין ולאמת שיבא משיח, ולא ישים לו זמן וסברות במקראות על זמן ביאתו וכו'. דער 12טער יסוד איז משיח'ס צייטען, דאָס הייסט, צו גלויבען און אָננעמען פאַר אמת אַז משיח מוז קומען. און מ'זאָל נישט דענקען אַז ער וועט זיך פאַרשפּעטיגען, און אויב ער וועט זיך פער־זאַמען, זאָלסטו אַלץ האָפען אויף איהם. און נישט אויסטראַכטען אַ צייט דורך פסוקים אָדער מיינונגען אַז דאַמאָלס וועט ער קומען. אויך דאַרף מען גלויבען אַז משיח וועט האָבען אַלע גרעסטע מעלות און כבוד, מעהר פון אַלע מלכים וואָס זיי זיינען געוועזען פון תמיד.

אמונה שלימה
עיקר יב.

לויט די אַלע נביאים פון „משה רבינו" ביז „מלאכי" האָבען אויף איהם נבואות געזאָגט. און ווער ס'צווייפעלט אויף זיין קומען, אָדער ער דענקט אַז משיח וועט נישט זיין אַזוי גרויס, און בעזיצען די גרעסטע מעלות, איז ער אַ כופר בתורה, ווייל דאָס שטעהט דאָך אין דער תורה, בפרשה בלעם, און בפ' נצבים. אויך איז אין דעם עיקר איינגערעכענט אַז ס'וועט נישט זיין קיין מלך לישראל, נאָר פון משפחת דוד ושלמה. אויך דאַרף מען גלויבען אַז ס'וועט זיך צוריק קערען די מלוכה צו די אידען. און זיי וועלען זיך צוריק אומ־קערען קיין ארץ ישראל, און דער מלך וועט זיין זעהר גרויס, און די מלוכה וועט זיין אין ציון, און זיין נאָמען וועט זיך גרויסען איבער דער גאַנצער וועלט, נאָך גרעסער ווי שלמה המלך, און אַלע פעלקער וועלען מאַכען שלום מיט איהם. און זיך צוהערען צו זיין בעפעהל, צו זיין גרויסקייט, און צדקות, און וואונדער, וואָס ס'וועט זיין דורך איהם, און קיין פאָלק וועט זיך נישט אַקעגען שטעלען קעגען איהם. און אַלע פסוקים פון די נביאים איבערצייגען דאָס גרויסקייט און זיין הצלחה. און די הצלחה פון דעם אידישען פאָלק, וואָס ס'וועט זיין אין דער צייט, און נאָך אַזעלכע זאַכען ווערד דאָרט געשריבען.

ברמב"ם. „המלך המשיח" עתיד לעמוד ולהחזיר מלכות בית דוד ליושנה. לממשלה הראשונה, ובונה המקדש, ומקבץ נדחי ישראל, והוזרין כל המשפטים בימיו כמו שהיו. ד"ה, דער „מלך המשיח" וועט קומען און וועט צוריק קערען די מלכות בית דוד צו דער ערשטער ממשלה, און וועט בויען דאָס בית המקדש, און וועט צוריק ברענגען אַלע אידען, און אַלע משפטים וועלען זיך אומקערען אַזוי ווי זיי זיינען געוועזען, מ'וועט מקריב זיין קרבנות, און אָפּהיטען שמיטה און יובל ווי דער דין איז אין דער תורה, א.ד.ג. און ווער ס'גלויבט נישט, אָדער ער האָפט נישט אויף משיח'ן, איז ער אַ כופר, נישט נאָר אין די רייד פון די נביאים, נאָר אויך אין דער תורת משה, ווייל אין דער תורה שטעהט דאָך אַז השי"ת וועט אומקערען אַלע געפאַנגענע, די פערשטויסענע, פאַרטריבענע אידען, פון עק וועלט, און וועט דיך צוריקברענגען קיין ארץ ישראל דאָס לאַנד פון דיינע

עלטערען, א.ד.ג. און די ווערטער פון דער תורה זיינען נאָר כללים בקיצור, אָבער די הויפּט ווערטער זיינען אין נביאים, אויך בפ׳ בלק שטעהט וועגען די צוויי משיח׳ן איינער איז דוד און דער 2טער איז משיח בן דוד. דאָס איז דער לעצטער וואָס מיר האָפען אויף איהם, וואָס ער וועט זיין פון דער משפחת בית דוד. און ער ברענגט פיעל פסוקים וועגען דעם.

רמב״ם. ואם יעמוד מלך מבית דוד. און אַז ס׳וועט אויפשטעהן אַ מלך פון בית דוד און וועט עוסק זיין בתורה ובמצות אַזוי ווי דוד, סאַי אין תורה שבכתב, סאַי אין תורה שבעל פּה. (דאָס הייסט גמרא מיט אַלע פּוסקים). און ער וועט צווינגען אַלע אידען צו היטען די תורה ומצות, לערנען און מקיים זיין די גאַנצע תורה, איז דער דאָזיגער מלך „בחזקת משיח״, דאָס מיינט אַז ס׳צייגט אויס אַז ער איז משיח, אָבער ס׳איז נאָך נישט זיכער. אָבער אַז ער וועט זיך שטאַרק איינשטרענגען וועגען דעם צו בעוועגען אַלע אידע זיי זאָלען געהן בדרכי התורה ומצות, און ס׳וועט איהם געלונגען אַז אַלע אידען אָהן אויסנאַמען וועלען טאַקע זיין אמת׳ע אידען מיט תורה ומצות, און ער וועט בויען דאָס בית המקדש אויף דעם זעלבען פּלאַץ פון דעם ערשטען ביהמ״ק, און ער וועט צוזאַמען ברענגען אַלע אידען קיין ארץ ישראל. דאַמאָלס וועט ער שוין אַנערקענט ווערען פאַר דעם ריכטיגען משיח, און ער וועט אָרגאַניזירען די גאַנצע וועלט זיי זאָלען דינען השי״ת אַלע צוזאַמען, צום איין איינציגען גאָט, ווי ס׳שטעהט: „כי אז אהפוך אל עמים רבים שפה ברורה, לקרא כולם בשם ה׳, ולעבדו שכם אחד״, ד״ה, אַז אַלע פעלקער וועלען אַנערקענען דעם אמת׳ן גאָט און איהם דינען. (אין מיין ספר אמונה שלימה האָב איך געמאַכט אַ באַמערקונג איבער די צוויי משיח׳ן, ווארום דערמאָנט דער רמב״ם נישט פון משיח בן יוסף. אויך דעם ענין פון בן כוזיבא, א. ד. ג. אָבער דאָ איז נישט דער פּלאַץ וועגען דעם).

אויך ברמב״ם, וועגען ענין פון מלחמות גוג ומגוג בעפאָר משיח׳ס קומען. אויך וועגען שינוי הטבע וואָס דער רמב״ם האָלט

אַז ס'וועט זיין אַלעם בדרך הטבע, עולם כמנהגו נוהג. נאָר „שיעבוד מלכות" וועט ניט זיין, דאָס הייסט קיין גלות. (אַזוי ווי שמואל זאָגט אין דער גמרא, אָבער דער ראב"ד און רמב"ן זיינען משיג אויף דעם, אויך ווערד ווייטער אין מיין ספר געבראַכט אייניגע מאמרי חז"ל וואָס זאָגען אַז ס'וועט זיין פיעלע זאַכען שלא כדרך הטבע). אויך זאָגט דער רמב"ם אַז בזמן המשיח וועט מעהר קיין מלחמות נישט זיין, און די אידען וועלען זיצען בשלום ובשלוה און וועלען האָבען זייער בעדערפעניש גרינג און גוט. און וועלען אַלע עוסק זיין בתורה ועבודה און מקיים זיין אַלע מצות, און דערקענען דאָס גרויסקייט פון השי"ת, און זיי וועלען זיין גרויסע חכמים בבינה ודעת, „ומלאה הארץ דעה את ה'", און דורך דעם וועלען זיי זוכה זיין צו חיי עוה"ב. אויך זאָגט ער אַז בעפאָר משיח'ן וועט קומען אליהו הנביא מחזיר למוטב זיין אַלע אידען, און זיי אַרויף צוברייינגען צום דרך הישר. ווי ס'שטעהט: „הנה אנכי שולח לכם את אליהו הנביא לפני בא יום ה' והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם". איך וועל שיקען אליהו הנביא בעפאָר ס'וועט קומען דער גרויסער, און דער שרעקליכער, און געטליכער טאָג. און וועט אומקערען די הערצער פון די אבות און בנים צום אמת'ן וועג. (ס'איז צו בעמערקען, אַז אליהו וועט קומען בעפאָר, וועלען זיי דאָך אַלע וויסען אַז באַלד קומט משיח, איז דאָך דאָס וואָס דער רמב"ם האָט געשריבען וועגען „משיח-ספק" און „משיח-ודאי" נישט נויטיג. דען זיי וועלען דאָך זיין זיכער מיט דעם אמת'ן משיח. נאָר ס'קאָן פערענטפערט ווערען אַז פון אליהו ביז משיח'ן זאָל זיך צייגערן, און נישט יעדער וועט וויסען פון אליהו, וועט מען דאָך אויך נישט וויסען פונ'ם אמת'ן משיח, ועוד צ"ע, ויש ליישב).

(במד"ר בא). ער רעכענט אוים אייניגע זאַכען וואָס וועט זיין בימות המשיח. ירושלים וועט דערהויבען ווערען, און גרוים, און ברייט, און הויך. ארץ ישראל הייסט ארץ הצבי, ד"ה, זי וועט זיך ציהען אַזוי ווי די פעל פון אַ הירש, ירושלים וועט זיין גרוים ווי גאַנץ ארץ ישראל. און ארץ ישראל וועט זיין גרוים ווי די גאַנצע

וועלט. און מ׳וועט קומען פון עק וועלט אהין מתפלל צו זיין, און צו בוקען זיך. די וואָלקענס וועלען זיי פיהרען קיין ירושלים, און דאַן צוריק אַהיים ברענגען. כמו שכתוב „מי אלה כעב תעופינה, וכיונים אל ארובותיהם", ווער זיינען די וואָס פליהען ווי אַ וואָלקען, און ווי די טויבען צו זייערע נעסטען? (במהרש"א, ובפירש עץ יוסף בשם ילקוט) ברענגען וועגען די פיעלע גרויסע געביידעס און הויכע טורעמס, א.ד.ג. וואָס וועלען זיין אין ירושלים, און ס׳וועט זיך ציהען דאָס גרויסקייט ביז דמשק, און ירושלים וועט זיין גרוים און ברייט און אומגעהויער הויכע געביידעס. אויך אין זוהר שטעהט וועגען דעם, און ירושלים וועט ווערען גערופען „כסא ה'", די שטוהל פון גאָט.

(במדרש שיה"ש). ענה דודי ואמר לי, השי"ת זאָגט צו מיר דורך אליהו און די מלאכים: „קומי לך רעיתי, עת הזמיר הגיע, שטעה אויף און געה אַרוים פונ׳ם גלות, ס׳איז שוין געקומען די צייט, די אידען זאָלען אויסגעלייזט ווערען. ס׳איז שוין געקומען די צייט, אַז מלכות שמים זאָל נתגלה ווערען, ווי ס׳שטעהט „והיה ה' למלך", „וקול התור", דאָס איז דאָס קול פון משיח׳ן ווערד שוין דערהערט.

בזוהר. ווערד פיעל גערעדט וועגען דער גאולה, יתבררו, ויתלבנו, ויצרפו רבים, פיעל מענשען וועלען געלייטערט ווערען, און די אידישע מלוכה וועט זיך צוריק קערען, השי"ת וועט אָננעמען די אידען ביי דער האַנט און זיי אויפשטעלען פון דעם גלות און פון דער ערד, „התנערי מעפר קומי", ער וועט צו זיי זאָגען: טרייסעל דיך אָפּ פון דעם שטויב און שטעה אויף, און ס׳וועט זיין אַ עת צרה ליעקב וממנה יושע, זכאה, וואויל וועט זיין צו דעם וואָס וועט נישט זיין דאַמאָלס, און וועט נישט בייוואוינען די גרויסע צרה, וזכאה הוא, און וואויל וועט זיין דעם וואָס וועט יאָ זיין דאַמאָלס, און וועט זוכה זיין צו זעהן די גאולה. און השי"ת וועט קומען איבערבעטען די אידען פאַר די אַלע צרות וואָס זיי האָבען געליטען פאַר׳ן זמן משיח, און ער וועט צוריק אויפבויען ירושלים אַז ס׳זאָל מעהר נישט חרוב

ווערען, און השי"ת וועט זיי אויסלייזען פונ'ם גלות, און זיי ווען מעהר נישט וויסען פון גלות. און זיי וועלען תשובה טהון, און די גאולה וועט קומען נישט מיט אמאל, נאר צוביסלאך, ביים אנפאנג וועט ער עפענען א קליין טהיראלע און דאן מעהר און מעהר, אזוי ווי איינער וואס זיצט אין דער פינסטער א שטיק צייט, קען ער נישט פערנעמען די שיין מיט אמאל, נאר צוביסלאך. און די אידען וועלען זאגען, אז אלע גאולות פון אלע צייטען האבען נישט געהאט קיין קיום, ווייל זיי זיינען געוועזען דורך מענשען, אבער די לעצטע גאולה פון משיח'ס צייט וועט יא האבען א קיום, ווייל ס'וועט זיין דורך השי"ת, א.ז.וו.

בגמ' חלק. שטעהט פיעל וועגען משיח'ס צייטען, ווי ס'וועט זיין א עת צרה, און גזירות קשות, איין תנא האט געזאגט „ייתי ולא אחמינא", זאל משיח קומען, אבער איך וואלט נישט געוואלט זעהן און נישט זיין דאביי, דורך די גרויסע צרות, איינער זאגט אז משיח וועט קומען בדור שכלו חייב. אדער כלו זכאי. און אז „כלו הפך לבן טהור הוא". ד"ה, אויב די נגע האט ארום גענומען דעם גאנצען קערפער, ווערט ער שוין טהור. דאס מיינט אז ער איז כלו חייב, איז ער שוין כלו זכאי. איבערהויפט זיינען זיי שוין גענוג אפגעקומען. און איינער זאגט אויף דעם פסוק „אני ה' בעתה אחישנה", „זכו אחישנה", וועלען זיי זוכה זיין און טהון תשובה, וועל איך מיך צואיילען. „לא זכו בעתה", ווען נישט, וועל איך ברענגען די גאולה ערשט אין דער צייט. „כלו כל הקצין, ואין הדבר תלוי אלא בתשובה". ס'איז אפהענגיג אין תשובה טהון. ס'איז א פלוגתא אין דער גמרא, איינער זאגט אז די גאולה וועט נישט קומען נאר דורך תשובה, און איינער זאגט אז סאי ווי וועט אלץ קומען די גאולה, נאר דאס קאן ערשט זיין ווער ווייסט ווען. (אלזא קומט אויס אז אידען וואס ווילען נישט תשובה טהון זיינען זיי מרחק די גאולה און זיי טוהען נישט גוט, נישט פאר זיך און נישט פאר דעם כלל ישראל. און זיי זיינען פאראנטווארטליך פאר יעדען טאג גלות און צרות. אבער ווען זיי

וואָלטען תשובה געטהון וואָלטען זיי דאָך מקרב געוועזען די גאולה. און מיר האָפען אַז זיי וועלען זיך מיישב זיין וועגען דעם).

בגמרא ובזוהר, ווערד פיעל גערעדט וועגען גרויסקייט פון משיח׳ן, און ווי ער און אליהו שפילען אַ גרויסע ראָלע אין די הימלען און אין די עולמות עליונים. און אייניגע תנאים האָבען געהאַט דעם כבוד און זכות וואָס האָבען גערעדט מיט משיח׳ן און מיט אליהו. און ווי זיי פיהרען דאָרט גרויסע ישיבות און זיינען ראשי מתיבתות דרקיע, און פיעל נשמות וואָס קומען זיך צוזאַמען מיט משיח׳ן אַלע מאָל אין גן עדן. און זיי טרויערען אויף דעם חורבן ביהמ״ק און אויף אידישע צרות. און משיח וויל אַלע מאָהל קומען אויסלייזען די אידען, נאָר זיי זיינען נאָך נישט מוכן צו דער גאולה. דאָס צייגערט די גאולה און ס׳ברענגט חבלי משיח. אַזוי ווי אַ אשה האָט חבלי לידה, און דאָס קינד קאָן נישט געבוירען ווערען פאַר דער צייט. אויך שטעהט דאָרט, אַז מ׳האָט געפרעגט אין הימעל ווען וועט קומען משיח. און דער ענטפער איז געוועזען „היום אם בקולו תשמעו״, ד״ה אפילו היינט, נאָר באופן אַז די אידען זאָלען צוהערען צו דער תורה, אויך בזוהר וועגען פערשידענע היכלות של משיח אין הימעל, און וואָס ס׳וועט פאַרקומען בזמן ביאת משיח, מיט די אידען און מיט די אומות העולם, און ווי אליהו און משיח שרייבען אויף די מצות פון די אידען. און השי״ת חתמ׳ט זיי. (און אין ספר אמונה שלימה שטעהט פיעל וועגען דעם).

אייניגע פסוקים וועגען דעם ענין. ישעיה. והי׳ באחרית הימים. און משיח׳ס צייטען (דער נביא רופט די צייט אחרית הימים. אויך יעקב האָט דאָס אַזוי גערופען, את אשר יקרא אתכם באחרית הימים). וועט זיין דער באַרג פונ׳ם ביהמ״ק העכער פון אַלע בערג און אַלע פעלקער וועלען זיך ציהען אַהין צו לערנען די געטליכע תורה. (די זעלבע תורה וואָס היטלער מיט זיינע כלבים-באַנדע האָבען פאַר-ברענט, און זיי האָבען געוואָלט אויסוואָרצלען דאָס גאַנצע אידענטהום מיט זייער תורה, זיי האָבען געוואָלט ס׳זאָל נישט בלייבען קיין זכר

פון דער תורה, אָבער יעצט ליגען זיי אַלע גע'פּגר'ט און די ווערים האָבען אַ גוטען מאַלצייט, אָבער די אייביגע תורה לעבט און זי וועט ערשט לעבען אַזוי לאַנג ווי די וועלט וועט לעבען). זיי וועלען זאָגען לאָמיר זיך לערנען די וועגען פון גאָט'ס תורה. „כי מציון תצא תורה". און דער „מלך המשיח" וועט משפּט'ן אַלע פעלקער, און די גוטע מענשען וועט ער בעגנאַדען, און די שלעכטע וועט ער משפּט'ן לויט זייער פערדינסט. און ס'וועט מעהר קיין מלחמות נישט זיין. השי"ת וועט זיך רעכענען מיט דער וועלט א.ד.ג. זיי וועלען זיך באַהאַלטען אין די היילען און אונטער די פעלזען, פאַר דעם פּחד און שרעק וואָס זיי וועלען האָבען פאַר דעם משפּט. און נאָר השי"ת וועט זיין דער גרויסער און שטאַרקער פון דער וועלט, און משיח וועט משפּט'ן די גאַנצע וועלט מיט גערעכטיגקייט און מיט אמת ואמונה. די גאַנצע וועלט וועט זיין פול מיט וויסענשאַפט פון געטליכקייט. און השי"ת וועט צוריק אויסקויפען דאָס איבערבלייבונג פון זיין פאָלק ישראל, און ער וועט אויפהויבען די אידישע פאָהן, און צוריק איינזאַמלען די פאַרשטויסענע אידען פון אַלע עקען פון דער וועלט. השי"ת וועט זיך דערבאַרימען אויף די קינדער פון יעקב, און וועט פריש בוחר זיין אין דעם פאָלק ישראל. און זיי ברענגען אויף זייער לאַנד, ער וועט זיך פרעהען און זיין לוסטיג מיט ירושלים און זיין פאָלק ישראל, און ס'וועט מעהר נישט געהערט ווערען קיין געוויין קיין געשריי. ווייל השי"ת וועט זיין דער מלך בהר ציון וירושלים.

מ'דאַרף גלויבען אין דער גאולה, און נישט חאַפּען, ווייל דער טאָג פון נקמה וועט קומען, און באַצאָהלען די וואָס האָבען אָנגעטהון אַזוי פיעל צרות און חורבן. נחמו נחמו עמי, איהר זאָלט טרייסטען די אידע, ראַמט אוים דעם וועג פאַר השי"ת און פאַר זיין פאָלק, זאָגט זיי אַ בשורה: אַז גאָט קומט מיט אַ שטאַרקייט. און וועט נעמען די אידען ווי אַ פאַסטוך וועט ער פיהרען זיינע צאן קדשים, ער וועט האַלטען די אידישע קינדער ביי דער האַנט, ער וועט אַרויסנעמען די געפאַנגענע פון דעם גלות „אל תירא עבדי יעקב". די פעלקער וועלען

אַליין ברענגען די אידישע קינדער קיין ארץ ישראל, אַ קליינע צייט זיינען זיי געוועזען פאַרלאָזט, אָבער מיט גרוים רחמים וועט ער זיי צוריק נעמען. די גרויסע שיפען וועלען זיי ברענגען, און די טויערען פון ארץ ישראל וועלען זיין תמיד אָפען, און די קינדער פון די שונאים וועלען קריכען אויף אַלע פיער איינגעבויגען, און וועלען זיך בוקען פאַר די אידישע קינדער, די זעלבע וואָס האָבען אייך געפייניגט, און דו וועסט וויסען אַז איך בין גאָט, און ער וועט זיין צו דיר אַ ליכט אויף אייביג. און וועסט מעהר נישט וויסען פון טרויער, און אַלע געפאַנגענע און געבונדענע וועלען בעפרייט ווערען אויף אייביג א.ד.ג.

ירמיהו. איך וועל אויפשטעלען אַ שטאַם פון מלכות בית דוד, דאָס איז דער „מלך המשיח". דאַמאָלס וועט זיין די ישועה צו די אידען. איך וועל צוריקקערען די אידען צו זייער לאַנד פון די אבות. און זיי וועלען דינען גאָט און דעם מלך המשיח פון זרע דוד. און אומקערען די קינדער פון זייער געפענגעניש, און דאָס לאַנד ארץ ישראל וועט צוריק געבויעט ווערען. איהר וועט זיין מיין פאָלק און איך וועל זיין אייער גאָט. די צושפרייטע אידען וועלען איינגעזאַמעלט ווערען. זייער טרויער וועט פארקעהרט ווערען צו פרייד. „קול ברמה נשמע", רחל וויינט אויף איהרע קינדער. און השי"ת האָט געזאָגט, דו זאָלסט מעהר נישט וויינען, ווייל ס'איז דאָ אַ גוט האָפענונג פאַר דיר און די קינדער וועלען זיך אומקערען צו זייער גרעניץ. איך וועל זיי צוזאַמענעמען פון אַלע לענדער, און זיי וועלען זיין מיין פאָלק, און מיין מורא וועט אַריינדרינגען אין זייער האַרץ מיך צו דינען. אַלע טעג, וועגען זייער טובה. איך וועל מיט זיי כורת ברית זיין אויף אייביג, און אַזוי ווי איך האָב געבראַכט דאָס שלעכטס, אַזוי וועל איך ברענגען דאָס גוטס, ס'וועט געהערט ווערען אַ קול ששון ושמחה. און איך וועל אומקערען די אידען, און מקיים זיין אַלע גוטע הבטחות און וועל ברענגען משיח'ן, און די מלוכה וועט נישט פערשניטען ווערען פון זרע דוד. השי"ת האָט געזאָגט: די אידען זיינען בערויבט געוואָרען, אָבער זייער אויסלייזער דאָס איז השי"ת איז שטאַרק.

יחזקאל. איך וועל אייך איינזאמלען פון די פעלקער, פון אלע גלות לענדער, און אייך אפגעבען ארץ ישראל. איהר וועט האבען איין הארץ צו זיין מיין פאלק און איך אייער גאט. מיט שטארקע מאכט וועל איך קעניגען איבער אייך. איך וועל אייך ארויסציהען פון דעם גלות. איך וועל אויסרייניגען די שלעכטע מענשען די פושעים. און איהר וועט בלייבען א ריין פאלק. און אויף דעם הייליגען בארג וועלען זיי מיך דינען, איך וועל אייך ברענגען קיין ארץ ישראל. און רעוועדירען מיינע שאף אזוי ווי א פאסטוך פארשט זיינע שאף, און אייך מציל זיין פון די שונאים, און אייך ברענגען קיין ארץ ישראל, איך וועל זיי גוט פאשען אויף די הויכע בערג פון ישראל. די פערלוירענע שאף וועל איך אויסזוכען. די פארשטויסענע וועל איך אומקערען. און וועל אויף שטעלען א געטרייען פאסטוך דאס איז דוד מיין קנעכט, ער וועט זיין דער נשיא און זיי מיין פאלק, און איך זייער גאט. און וועל כורת זיין א ברית שלום, און וועל זיי מציל זיין פון די פייניגערס, זיי וועלען מעהר נישט זיין צו שאנד און שפאט, איך וועל זיין זייער גאט און וועל זיי רייניגען מיט מים טהורים. איהר וועט זיצען אין לאנד און זיין מיין פאלק. איך וועל נעמען די אידען פון די פעלקער, און זיי וועלען זיין מיין פאלק, און די בערג פון ארץ ישראל. און איין מלך וועט זיין איבער זיי דאס איז דוד און זיי וועלען האלטען די תורה און חקים ומשפטים. זיי וועלען זיצען אין דעם לאנד וואס איך האב געגעבען מיין קנעכט יעקב'ן. און זיי און זייערע קינדער און קינדס קינדער וועלען דארט זיצען ביז אייביג, און וועל געבען מיין בית המקדש דארט אויף אייביג, און וועלען וויסען אז איך גאט נעהם צוזאמען אלע פערשטויסענע אידען קיין ארץ ישראל וואס ס'וועט זיין מיט דעם ביהמ"ק אויף אייביג.

אויך וועט דארט געדעדט וועגען מלחמות גוג ומגוג. און דאן והתגדלתי, איך וועל ווערען געגרויסט, און געהייליגט, און בעוואוסט, ביי אלע פעלקער. זיי וועלען אלע דערקענען אז איך בין גאט און וועל אומקערען די אידען פון די פעלקער, און וועל מעהר נישט פארבארגען

מיין פנים פון זיי. דאָן שטעהט ווי אַזוי דער ביהמ"ק וועט זיין לעתיד לבוא.

יואל. אשפוך רוחי על כל בשר. איך וועל אויסגיסען מיין צאָרען אויף אַלע מענשען בעפּאַר, ס'וועט קומען דער געטליכער גרויסער פאַרכטיגער טאָג. און ווער ס'וועט רופען גאָט'ס נאָמען וועט ניצול ווערען. און די אידען וועל איך אומקערען און זיי צוזאַמען ברענגען. און איך וועל משפּט'ן די שלעכטע פעלקער פאַר וואָס זיי האָבען גע־פלאגט מיין פאָלק ישראל, און וואָס זיי האָבען זיי צושפּרייט צווישען די פעלקער, און צוטהיילט מיין לאַנד ארץ ישראל. השי"ת וועט באַשיצען די אידען און די שכינה וועט רוהען אין ציון. וירושלים וועט זיין קודש, און ס'וועט זיין בעזעצט אויף אייביג.

עמוס. ס'וועט קומען דער טאָג וואָס איך וועל צוריק אויפ־שטעלען די געפאַלענע סכת דוד. און וועל אומקערען די אידען קיין ארץ ישראל. עובדיה. ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו, ס'וועלען אויפגעהן העלפערס אויף דעם באַרג ציון, צו משפּט'ן דעם באַרג פון עשו'ן. און ס'וועט זיין צו גאָט די מלוכה.

מיכה. באחרית הימים וועט זיין דער הר הבית העכער פון אַלע בערג, און משיח וועט משפּט'ן די פעלקער און ס'וועט מעהר נישט זיין קיין מלחמה און קיין געוועהר. נאָר השי"ת וועט זיין אַ מלך אויף דעם הר ציון אויף אייביג. חבקוק. דער זמן הגאולה איז נישט באַשטימט אויף ווען ס'דאַרף זיין, אָבער ער וועט בעשטימט קומען ואם יתמהמה חכה לו. אויב ס'וועט זיך צייגערן זאָלסטו האָפען, ווייל ער וועט זיכער קומען.

צפניה. איך וועל העלפען די צובראָכענע אידען און די פער־שטויסענע וועל איך איינזאַמלען קיין ארץ ישראל. חגי, גדול יהיה כבוד הבית האחרון, ס'וועט זיין פיעל גרעסער דער כבוד פונ'ם לעצטען בית המקדש איידער פונ'ם ערשטען. זכריה. איך וועל מיך

אומקערען קיין ירושלים און דארט וועט מיין בית המקדש געבויט ווערען. און ירושלים וועט ווערען א אפענע און גרויסע שטאט. און איך וועל זיין א פייערדיגע מויער צו איהר. און משיח וועט קומען, און ער וועט בויען דאס ביהמ״ק. איך וועל מיך צוריק קערען קיין ירושלים און זי וועט הייסען די „אמת׳ע שטאט״ און „הר הקודש״, איך וועל העלפען די אידען פון מזרח און ווייטע מקומות און זיי ברענגען קיין ירושלים. פרעה דיך בת ציון ווייל דיין מלך וועט קומען און איהר וועט געהאלפען ווערען, און גאט וועט בעשיצען די איינ־וואוינער פון ירושלים, און איך וועל אויסגיסען אויף בית דוד און אויף ירושלים א רוח חן.

מלאכי. איך וועל שיקען מיין מלאך און ער וועט אויסראמען דעם וועג, און אומגערעכט וועט קומען דער אדון משיח. און ס׳וועט קומען דער פייערדיגער טאג אויף די שלעכטע, אבער צו די אידען וואס געהען בדרכי התורה וועט זיין די זון און צדקה און ברענגען א רפואה צו די קראנקע. דניאל, אין די טעג פון די מלכים וועט השי״ת אויפשטעלען א מלוכה וואס ס׳וועט קיינמאל נישט בטל ווערען. (דאס איז די אידישע מלוכה פון מלך המשיח). און ס׳וועט זיין אויף אייביג. און אלע פעלקער וועלען אננעמען זיין מלוכה אויף אייביג. דאס איז די מלוכה וואס וועט געגעבען ווערען צו דעם הייליגען פאלק וואס וועט זיין אויף אייביג. און דער זמן הקץ און די גאולה איז פערזיגעלט און פערבארגען. און דאמאלס וועלען געלייטערט ווערען פיעל מענ־שען. און די משכילים די בני תורה ומצות וועלען אלעס פערשטעהן. וואויל וועט זיין צו די וואס האפען אויף דעם זמן הגאולה.

(הרמב״ן בספר המצות בהוספות שלו מצוה ד׳) שרייבט, אז ס׳איז א מצות עשה לרשת את הארץ היא ארץ ישראל. ס׳איז א מצוה פון דער תורה איבער צו נעמען ארץ ישראל, און זי נישט פערלאזען ביי פרעמדע, אדער צו לאזען זי פערוויסט, ווי ס׳שטעהט: „והורשתם את הארץ וישבתם בה כי לכם נתתי את הארץ לרשת אותה״. איהר זאלט איבערנעמען דעם בעזיץ פון ארץ ישראל ווייל

איך האָב אייך געגעבען דאָס לאַנד זי צו ירש׳נען. „והתנחלתם את הארץ אשר נשבעתי לאבותיכם״. איהר זאָלט איבערנעמען דאָס לאַנד וואָס איך האָב געשוואוירען צו אייערע עלטערען, און די תורה רעכענט אויס אַלע גרעניצען וואָס רינגלען אַרום גאַנץ ארץ ישראל. ווי ס׳שטעהט: „ובאו הר האמורי, בערבה בהר בשפלה ובנגב ובחוף הים״. דאָס לאַנד אין די גרעניצען, איז ארץ ישראל. נאָך שרייבט ער אַ ראיה אַז דאָס איז אַ מצות עשה מן התורה, ווען ס׳שטעהט: „עלה רש כאשר דבר ה׳״, געה אַרויף און ירש׳ה דאָס לאַנד אַזוי ווי גאָט האָט גערעדט. „עלו ורשו את הארץ״, און אַז זיי האָבען נישט געוואָלט אַרויף געהן, דריקט זיך אויס דער פסוק, מיט די ווערטער: „ותמרו את פי ה׳ ולא שמעתם״, איהר האָט ווידערגעשפעניגט געגען גאָט׳ס בעפעהל און נישט צוגעהערט זיין קול. איז דאָך גע־דרונגען אַז זיי זיינען בעגאַנגען אַן עבירה. אויך ברענגט ער די גמרא וואָס זאָגט אַז ס׳איז אַ מצוה צו וואוינען אין ארץ ישראל, און מ׳טאָר פון דאָרט נישט אַרויסגעהן, א.ד.ג. דאָס אַלעס איז אַ טהייל פון דער מצוה. און די מצוה איז אויף דור דורות, אפילו אין דער צייט פונ׳ם גלות א.ז.וו.

אָבער דער בעל מגילת אסתר איז משיג דאַרויף, און שרייבט, אַז אַזוי ווי דער רמב״ם האָט אויסגערעכענט אין דעם ספר המצות אַלע תרי״ג מצות, און וואָרום האָט ער נישט אַריין גערעכענט דאָס אויך פאַר אַ מצות עשה? איז דערפאַר ווייל די מצוה פון ירושת הארץ איז נאָר גערעכענט פאַר אַ מצוה בימי משה, ויהושע, ודוד, ווען זיי האָבען פערוואַלטעט איבער דעם לאַנד פערטהיילונג. אויך אַזוי לאַנג ווי זיי זיינען נישט פערטריבען געוואָרען פון ארץ ישראל. אָבער נאָך דעם וואָס זיי זיינען פערטריבען געוואָרען, געהט מעהר נישט אָן די מצוה ביז משיח וועט קומען. נאָר אומגעגענטהייל, מיר זיינען געבאָטען געוואָרען. (אַזוי ווי ס׳שטעהט אין דער גמרא כתובות קי״א). שלא נמרוד באומות, מיר זאָלען נישט ווידערשפעניגען געגען די פעלקער וואָס בעזיצען ארץ ישראל. און מיר זאָלען נישט בע־צווינגען דאָס לאַנד מיט געוואַלד, אַזוי ווי זיי האָבען אָפּגעלערנט

פונ'ם פסוק „השבעתי אתכם בנות ירושלים" וכו' שלא יעלו בחומה, ד"ה, מיט געוואלד נישט אריבערקריכען איבער דער חומה. און דאס וואס דער רמב"ן זאגט אז כיבוש הארץ איז א מצוה, דאס איז נאר ווען מיר זיינען פריי און נישט משועבד אין גלות, אבער נישט יעצט ווען מיר זיינען אין גלות געהט נישט אן די מצוה. נאך ברענגט ער ראיות אז די מצוה איז נישט נוהג ביז ימות המשיח ובנין בית המקדש. (ס'איז א קשיא אויף דעם וואס ער זאגט אז דערפאר האט דער רמב"ם דאס נישט גערעכענט פאר א מצות עשה ווייל דאס איז יעצט נישט נוהג, ווארום האט דער רמב"ם גערעכענט פיעל מצות וואס זיי זיינען אויך נישט נוהג יעצט ווי מחיית עמלק, והלכות מקדש וקרבנות, וטומאה וטהרה, א.ד.ג. און דאך האט זיי דער רמב"ם יא גערעכענט? וצ"ע ליישב).

און אזוי איז דאס לשון הגמרא. לעולם ידור אדם בארץ ישראל. מ'דארף וואוינען אין ארץ ישראל און נישט ארויסגעהן פון דארט. דאן שטעהט אויף דעם פסוק „השבעתי" וכו'. ג' שבועות הללו למה? וואס מיינט די דריי שבועות? דאס מיינט: א) שלא יעלו בחומה. רש"י. יחד ביד חזקה. די אידען זיינען בעשוואוירען פון השי"ת אז זיי זאלען נישט אריין קיין ארץ ישראל מיט געוואלד, וואס דאס איז גלייך ווי איינער קריכט אריבער דעם פלויט איבער דער מויער. ב) שלא ימרדו באומות. זיי זאלען זיך נישט רעוואלטירען קעגען די פעלקער. ג) שהשביע לאה"ע שלא ישתעבדו בישראל יותר מדי. ער האט בעשוואוירען די אומות אז זיי זאלען נישט ארבייטען מיט די אידען מעהר ווי געווענליך. דאס הייסט ווי פרעה האט געפלאגט די אידען מיט עבודת פרך. (ס'ווייזט אוים אז היטלער ימ"ש האט נישט געזעהן די גמרא. אבער יעצט איז ער שוין גע'פגר'ט און די ווערים עסען זיין חזר'יש פלייש וכן יאבדו כל אויבינו). ווידער שטעהט אין דער גמרא. אז די דריי שבועות זיינען: א) שלא יגלו את הקץ. ושלא ירחקו הקץ. ושלא יגלו הסוד. רש"י, זיי זאלען נישט פערצייגערען דעם קץ דורך זינדיגען, ווייל דורך דעם ווערד דאס גלות דערלענגערט. אבער ווען זיי היטען די תורה ומצות קאנען זיי

מקרב זיין דעם קץ. נאָך אַ טייטש פון רש״י. שלא ידחקו הקץ. זיי זאָלען נישט זיין צו דרינגליך אַז די גאולה זאָל זיין פאַר דער צייט. זיי זאָלען נישט צו פיעל איינשטרענגען מיט תחנונים צו ברענגען דעם קץ. נאָר זיי זאָלען זיך פערלאָזען אויף השי״ת.

אויך שם בגמרא. בצבאות. אַז השי״ת האָט צו זיי געזאָגט, אויב איהר וועט מקיים זיין די שבועה איז גוט. און אויב נישט. וועל איך אייך מאַכען הפקר. ד״ה, די שונאים וועלען מיט אייך טהון וואָס זיי וועלען און איהר וועט זיין פעראַנטוואָרטליך. (מ׳דאַרף חוקר ודורש זיין צו דאָס וואָס האָט פאַסירט די לעצטע פינף יאָהר, צו איז דאָס נישט נוגע אין דעם).

אויך דער מהרש״א שרייבט. שלא יעלו בחומה. אודאי איז ערלויבט יעדען איד צו געהן קיין ארץ ישראל, נאָר דאָס וואָס זיי ווילען געהן ביד חזקה מיט מאַכט אין גאַנצע גרופּעס, און זיך דאָרט בעפעסטיגען מיט אַ מויער, אויב ס׳איז נישט מיט׳ן רשות פון די מלוכות, איז דאָס נישט ערלויבט. און דאָס וואָס ס׳איז געשעהן ביי „נחמיה״ וואָס זיי זיינען געגאַנגען קיין ארץ ישראל. דאָס איז געוועזען ברשות כורש. און דאָס וואָס „טוביה״ האָט געזאָגט צו נחמיה „העל המלך אתם מורדים״? איהר זייט מורד במלכות? ווייל ער האָט ניט געוואוסט צו דאָס איז ברשות המלך. אויך טייטשט ער „שלא ירחקו הקץ״, היינו זיי זאָלען גלויבען אַז דער קץ הגאולה איז נאָהנט. ווי ס׳שטעהט „כי קרובה ישועתו לבוא״, און בפירוש „עץ יוסף״ שרייבט ער, זיי זאָלען נישט קומען אַלע צוזאַמען אָדער אין אַ גרויסע גרופּע צו קומען קיין ירושלים, און בויען דאָס בית המקדש און מקריב זיין קרבנות, און זאָגט „חלילה זאת!״ עד יערה עלינו רוח ממרום. ביז השי״ת וועט נישט שיקען די ישועה טאָר מען זיך נישט רעוואָלטירען. נאָר מיט יושר און געלאַסענקייט, און וואַרטען אויף משיח׳ן. אויך אין מדרש שיה״ש שטעהט דאָס, און ער רעכענט דאָרט 4 שבועות. אויך במד״ת שטעהט די דריי שבועות, און ווען איהר וועט ח״ו נישט

אָפּהיטען די שבועות וועל איך אייך מתיר זיין אייערע קער־פּערם הפקר.

(און אויב ס'איז מעגליך צו קריגען ארץ ישראל בניחותא מיט דרך ארץ פאַר די גרויסע מלוכות און נישט מיט רעוואָלט, איז אפשר יאָ גלייך מ'זאָל זיך משתדל זיין. אָדער אפשר דאַרפען וועגען דעם אויך וואַרטען אויף משיח'ן. נאָר צו דער יעצטיגער שעת הדחק וואָלטען געדאַרפט די רבנים מעיין זיין צו דער ענין פון די ציוניסטען איז יאָ עפ"י תורה, אויב אַזוי, דאַרף מען דאָך אַלע איינשטרענגען און טהון וואָס מעגליך בהיתר. און בדרך שלום, און אויב די רוב רבנים וועלען איינזעהן אַז דער ענין הציוני איז נישט כשר עפ"י תורה. בלייבען מיר אַזוי ווי ביז יעצט. און איך וויל נישט בע־שולדיגען אַ גרויסע אָרגאַניזאַציע. נאָר איך מוז זאָגען אַז אויב זיי זיינען טאַקע דורשי טובות ישראל, דאַרפען זיי איינזעהן אַז אַהן די רוב רבנים מובהקים, און דאָס רוב מנין און רוב בנין פון די יראים ושלמים וועט נישט זיין קיין תכלית. נישט בגשמיות און נישט ברוחניות. איך זאָג נישט אַז מ'זאָל זיי אַרויסשטויסען פון דער הנהלה נאָר זיי דאַרפען זיך צוהערען צום דעת התורה, נאָר דורך גדולי תורה ויראה. ובלעדם לא ירים איש את ידו ואת רגלו, ואז נזכה לגאולה בקרוב ע"י משיח צדקנו. בב"א.

סוף דבר הכל נשמע
(הוספה צו עיקר י"ב)

צוריק צוקומען קיין ארץ ישראל איז דאָ 3 וועגען, און צו די אַלע דריי וועגען מוז מען בענוצען אַביסעל שכל.

1) דער שוין לאַנג בעוואוסטער וועג פון די ציוניסטען. אַז זיי האָבען גוטע דאָקומענטען אַז ארץ ישראל איז אונזער פאַטער לאַנד, און צו מיט גוטען צו מיט בייזען מוזען מיר צוריק בעקומען ארץ ישראל.

אמונה   עיקר יב.   שלימה

די דאקומענטען זיינען גוט בעוואוסט סאַי צו אידען סאַי צו אַלע פעלקער. דאָס איז די הבטחות פון דער תורה צו די אבות אברהם, יצחק, יעקב, משה רבינו, און פון אַלע נביאים. אַלזאָ איז דאָס דאָך אייגענטליך אַ גוטער דאקומענט.

דאַרף מען אָבער אויך בענוצען אַביסעל שכל. און דאָס איז: מ'זאָל איבערקוקען דעם דאקומענט פוןביידע זייטען. דאָס הייסט, אַז אויף איין זייט בלעטעל שטעהט טאַקע ריכטיג אַזוי, ליידער אויף דער אַנדערער זייט שטעהט גאַר אַנדערש. דאָרט שטעהט הונ-דערטער מאָל אַז מיר וועלען נישט געהן בדרך התורה וועט מען אונז אַרויסטרייבען פון דאָרט, און מיר וועלען זיין מפוזר ומפורד צווישען אַלע פעלקער. דאָס הייסט גלות, אָהן אַ זמן, ביז מ'וועט זיך צוריק קערען צו דער תורה ומצות, און ווען נישט, וועלען פרעמדע פעלקער בעזעצען ארץ ישראל. און זיי וועלען זיין בעלי בתים, און מיר וועלען זיין דאָרט אומגעבעטענע געסט, און נאָך און נאָך שטעהט אויף דער אַנדערער זייט בלעטעל, וועלכע זיינען שוין איבערגענוג מקוים געוואָרען, און ס'מעג שוין זיין די לצרותינו.

נאָר ס'איז מיר אַ חידוש אויף אייניגע ציוניסטען וואָס זיי זיינען דאָך בעלי תנ"ך, און זיי ווילען גאָר נישט זעהן וואָס ס'שטעהט דאָרט געשריבען. און זיי פערפיהרען דאָס המון ישראל מיט פאַלשע הבטחות, גלייך מיט די פאַלשע נביאים וואָס זיי זיינען געוועזען בזמן ירמיהו.

אַלזאָ איז דאָס דער ערשטער וועג וואָס די פיהרערס זיינען איינפאַרשטאַנען אַז מ'קאָן זיך בעגעהן אָהן תורה, אָהן מצות, אָהן דאַווענען, אָהן ציצית, אָהן תפילין, אָהן שבת ויום טוב און אָהן שום רעליגיעזע פליכטונגען קאָן מען אויך קומען קיין ארץ ישראל און מאַכען אַ אידישע מלוכה, און פאַרטיג.

איך בין זעהר ווייט פון דעם וועג, און אַזוי ווי די פערגאַנגענע פופציג יאָהר אויך אַזוי ווייטער, בין איך דאַגעגען דעם דרך.

דער 2טער, איז אַ פּאָליטישער וועג, וואָס מיט פּאָליטיק ווילען זיי אַריינדרינגען קיין ארץ ישראל, אָהן תורה'שע און נביא'ישע הבטחות, נאָר פשוט מיט'ן כח וואָס מיר האָבען אַ חזקה אויף ארץ ישראל פון דער היסטאָריע וואָס אונזערע עלטערען האָבען געהאַט דאָס לאַנד צוריק מיט טויזענטער יאָהרען, דערפאַר ווילען מיר אָפּ אונזער פאָטער לאַנד. זיי ווילען נישט וויסען אַז די חזקה איז שוין נפסק געוואָרען שוין קרוב צו צוויי טויזענט יאָהר, און ס'איז בעזעצט פון פערשידענע מלוכות, איבערגעביטען איינע נאָך דער אַנדערער, ביז ס'שטעהט איצט אונטער די פעלקער וואָס ס'איז יעדען בעקאַנט.

זיי ווילען נישט וויסען אַז די מלוכות פערשטעהען אויך אַביסעל פּאָליטיק גלייך מיט אונזערע פּאָליטישענס. זיי ווילען נישט וויסען אַז דאָס איז אַ שווערער ביסען פאַר אַ מלוכה אַרויסצוטרייבען זיי, און אַריין נעמען אונז. צו זיין אַ דוחה נפש מפני נפש. בפרט אַ פאָלק פאַר אַ פאָלק. ווי שווער איז דאָס פאַר אַ מלוכה, אַפילו אין דער צייט פון ביאת הארץ דאָס ערשטע מאָהל ביי משה ויהושע, ווארענט שוין די תורה, מעט מעט אגרשנו, און נאָך אַזעלכע פסוקים, האָטש דאַמאָלס איז דאָס געווען אונטער השי"ת און זיין השגחה און אמונה בה'.

נא דאַרף מען דאָך צום פּאָליטיק אויך האָבען שכל. און פער־שטעהן אַז די גרויסע מלוכות פערשטעהען אויך פּאָליטיק. און איך בין ווייט אויך פון דעם צווייטען וועג. ווייל דאָס איז אַ „תרתי לריעותא", אי פּאָליטיק, אי זיך בעגעהן אָהן תורה ומצות, און פּאָרט קומען קיין ארץ ישראל מיט אַ אידישער מלוכה.

און יעצט קומט דער דריטער וועג. דאָס איז דער ריכטיגער וועג. און נישט מאריך זיין וועל איך זאָגען בקיצור. אויב ס'איז פעראַנען ביי די ציוניסטען האָטש איין פּראָצענט סימפּאַטי און גע־טריישאַפט צו אַלע אידען, און זיי ווילען באמת זעהן אַ ישועה און אַ גאולה קרובה לבא, און אפילו ווי זיי רופען זיך נאָר נאַציאָנאַלע אידען, נישט רעליגיעזע, איז נויטיג צו וויסען אַ קאָם נאַציאָנאַליש

מוז אויך זיין רעליגיעזיש, און ס'קאָן נישט זיין איינס אָהן דעם צווייטען. קוקט ביי אַלע פעלקער, איז ביי זייערע חגאות איינגעפירט נאַציאָנאַל מיט רעליגיעז צוזאַמען, חאָטש, זייער רעליגיע איז פוסטע אויסגעטראַכטע זאַכען. ס'איז זאָגאַר זייערע מלבושים און מנהגים פון זייערע עלטערן איבערגעגעבען פון דור צו דור. אָבער ביי די אידישע פיהרערס, איז דאָך דער שבת, דער פסח, דער שבועות, דער סוכות, וואָס ס'איז עקסטער רעליגיעז אויך נאַציאָנאַליש, צום סוף זעהט מען האַלטען שבת ויום טוב טאַקע נאָר די רעליגיעזע אידען, טאַקע די שוהל אידען. אָבער זיי... אַ טלית, ציצית, תפילין, אתרוג, לולב, סוכה, אפילו הושענא, אפילו אַ יאַמילקע, דאָס איז דאָך אמת'דיג נאַציאָנאַליש גלייך מיט להבדיל זייערע מלבושים. נא וואָס טוהען די נאַציאָנאַלישע אידען מיט די דאָזיגע זאַכען?

אַלזאָ קאָן איך מיר ערלויבען צו זאָגען דעם גאַנצען קלאָהרען ריכטיגען אמת. אַז נאָר לויט ס'איז געשריבען אין דער תורה און טאַקע אין אַלע נביאים אויףביידע זייטען בלעטליך, אַזוי איז דאָס געוועזען, אַזוי איז דאָס אַלעס מקויים געוואָרען, אַזוי אויך פון יעצט און ווייטער דאַרפען אַלע גוט אָנקוקען די צוויי בלעטלאך, און זעהן זיך אויסקעריווען צום ריכטיגען וועג צו מקיים זיין די מצות התורה עפ"י שלחן ערוך, על דרך ישראל סבא. נישט עפ"י דרך הרעפאָרם, וואָס ס'האָט נישט קיין ברעקעל מקור פון דער תורה נאָר וואָס זיי טראַכטען אויס פוסטע נאַרישקייט. און טאַקע סאַי די גאַנצע רע־פאָרמער סאַי די שטיקלאך רעפאָרמער זאָלען זיך צוריק אומקערען צו די אידישע דינים, צוריק צו דער יאַרמילקע, צום טלית ותפילין, צוריק צום שבת ויו"ט, צוריק צו טבילת נשים, וטהרת משפחה, צוריק צום כשר געזעץ, צוריק צו די ישיבות און חדרים פון א.ב. אויסרייניגען די סעמינאר און די אוניווערזיטעט, וועלכעס דאָס איז דער אמת'ער וועג צו דער גאולה, און דאַמאָלס וועט זיך עפענען דאָס דריטע בלעטעל וואָס ס'איז הונדערט פראָצענט „לברכה ולא לקללה", און דאַמאָלס וועלען מיר זוכה זיין צו „היום אם בקולו תשמעו", און צו דער גאולה שלימה ע"י משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

עיקר יג

אני מאמין באמונה שלמה שיהי' תחית המתים בעת שיעלה רצון מאת הבורא יתברך שמו ויתעלה זכרו לעד ולנצח נצחים.

איך גלויב באמונה שלמה אז סיוועט זיין תחיית המתים ווען סיוועט זיין דער רצון פון השי"ת וכו'.

(בב"ר ע"פ שלחני כי עלה השחר). כתיב, חדשים לבקרים רבה אמונתך. מיט דעם וואָס דו בענייסט אונז יעדען פריה מאָרגען, ווייסען מיר אַז די אמונה איז גרויס אַז דו וועסט מחיה מתים זיין. במד' פ' עקב. משה רבינו האָט געזאָגט צו השי"ת, ווען די מתים לעבעדיג ווערען לעתיד לבא? און השי"ת האָט איהם געענטפערט: וואָס איז די פראַגע. איך האָב דאָך שוין דיר געזאָגט „אני אמית ואחיה", איך מאַך טויט און מאַך זיי צוריק לעבעדיג. האָט משה געזאָגט, אויב אַזוי, אַז די מתים וועלען לעבעדיג ווערען, זאָלסטו דיר פאָרשטעלען גלייך ווי די אבות שטעהען פאַר דיר און זיי בעטען פאַר זייערע קינדער, וואָס וואָלסטו דארויף געענטפערט. און באַלד האָט השי"ת אָנגענומען משה'ס רייד און האָט זיך דערבאַרעמט אויף די אידען און חרטה בעקומען אויף דעם שלעכטס וואָס ער האָט געוואָלט טהון, און האָט צוגעזאָגט צו משה'ן: אַזוי ווי דו האָסט דיך מוסר נפש געוועזען פאַר די אידען בעוה"ז. (ווען ער האָט געזאָגט „מחני נאָ מספרך"). אַזוי אויך לעתיד לבא וועל איך ברענגען „אליהו הנביא" „און איהרביידע וועלען קומען צוזאַמען צו גאולת ישראל". אויך במד"ר פ' תשא. אז משה רבינו האָט געפרעגט צו השי"ת וואָס ער וועט ענטפערען די אבות אַז זיי וועלען איהם פרעגען אויף דער הבטחה וואָס דו האָסט זיי מבטיח געוועזען אַז זייערע קינדער וועלען זיין ככוכבי השמים און יעצט ווילסטו זיי אומברענגען? דערפאַר האָט משה געבעטען „זכור לאברהם" און ז.וו.

במדרש קהלת. עליונים קיימין ותחתונים מתים. די מלאכים לעבען אייביג און די מענשען נישט. אָבער דאָס איז נאָר בעוה"ז. אָבער לעתיד לבוא וועט מעהר נישט זיין קיין טויט, ווי ס'שטעהט, „בלע המות לנצח". אויך שטעהט דאָרט, אַז מ'וועט דיך פרעגען ווי איז מעגליך אַז השי"ת וועט מאַכען לעבעדיג די מתים? זאָלסטו ענטפערען, אַז דאָס איז קיין נייעס, ס'איז שוין פאָרגעקומען דורך אליהו, אלישע, און יחזקאל. בגמ', ג' מפתחות ביד הקב"ה, 3 שליסעל זיינען ביי גאָט אין דער האַנט. פון אַ יולדת און פון רעגען, און פון תחיית המתים, ווי ס'שטעהט וידעתם כי אני ה' בפתחי את קברותיכם. איך אַליין וועל עפענען די קברים מחיה מתים צו זיין.

בזוהר וירא. „אחרי בלותי היתה לי עדנה", דער גוף זאָגט צו דער נשמה. נאָך דעם וואָס דער גוף איז פערפאַהלט זאָל ער ווערען צוריק לעבעדיג? און השי"ת זאָגט: היפלא מה' דבר. איז דען פער-אַנען ביי השי"ת שווערינקייט. למועד צו דער צייט וועלען זיי לעבעדיג ווערען „כעת חיה ולשרה בן". אויך ווי ער זאָגט צום מלאך דומה ער זאָל זאָגען אַ בשורה צום גוף. אַז איך וועל איהם לעבעדיג מאַכען, צו דער צייט וואָס איך וועל מחיה מתים זיין, און דער גוף ענטפערט אויך דאָס זעלבע „אחרי בלותי". אָבער השי"ת זאָגט „היפלא מה' דבר" למועד צו דער צייט וואָס איז מיר בעוואוסט וועגען מחיה מתים זיין, וועל איך אומקערען דעם גוף צו דער נשמה, און איהר וועט לעבען ווי די מלאכים.

בפרק אבות. „הילודים למות" די געבוירענע וועלען אַמאָל שטאַרבען „והמתים לחיות" און די מתים וועלען לעבעדיג ווערען, „והחיים לדון", און די לעבעדיגע וועלען גע'משפט ווערען. און אָפּ-געבען דין וחשבון פאַר השי"ת.

במשנה חלק. כל ישראל, אַלע אידען האָבען אַ חלק לעוה"ב. נאָר די האָבען נישט קיין חלק, דער וואָס זאָגט אַז ס'איז נישטו אין דער תורה אַזאַ זאַך צו גלויבען אין תחיית המתים, הייסט ער אַ כופר אין דעם, און דאַפיר וועט ער נישט האָבען קיין תחיה.

אמונה   עיקר יג.   שלימה

הרמב"ם, היסוד השלשה עשר. תחיית המתים. וכבר בארנוה. דער 13טער יסוד איז תחיית המתים. און דאָס איז אַ יסוד פון דער תורה פון משה רבינו ע"ה. און ס'איז איינס פון די וויכטיגע עקרים. און ס'איז נישט פעראַנען קיין אידיש געזעץ אָדער אידיש גלויבען אָהן דעם גלויבען אין תחיית המתים. אָבער דאָס איז נישט פאַר יעדען מענש, נאָר פאַר רעליגיעזע אידען. ווי ס'שטעהט אין מדרש. גבורות גשמים איז פאַר יעדען, אָבער תחיית המתים איז נאָר פאַר צדיקים. אויך בגמ' תענית שטעהט דאָס זעלבע. דען ווי אַזוי זאָלען רשעים האָבען תחיית המתים אַז אפילו ביים לעבען זיינען זיי גערעכענט פאַר מתים. אַזוי ווי די חז"ל זאָגען „רשעים בחייהם קרואים מתים" „וצדיקים במיתתם קרואים חיים", אַזוי זאָגט דער רמב"ם ז"ל.

דער רמב"ן שרייבט. אויף דעם פסוק „ביום אכלך ממנו מות תמות", אַז נאָך דער מיינונג פון וויסענשאַפט מענשען, איז דער מענש פאַרבערייט צו שטאַרבען פון דער נאַטור, ווייל ער איז מורכב פון פערשידענע עלימענטען, און אַלע מורכבים מוזען זיך מיט דער צייט צושיידען. אָבער לויט די חז"ל זאָגען, איז דער מענש בכח צו לעבען אייביג ווען נישט דאָס זינדיגען פון אדם הראשון וואָלט גאָט נישט גוזר געוועזען אויף איהם קיין מיתה. ווייל די נשמה וואָס השי"ת האָט אין איהם אַריין געגעבען וואָלט איהם געגעבען כח און לעבען אויף אייביג. אָבער דאָס וואָס די מענשען דענקען אַז די הרכבה פונ'ם מענשען מוז איהם ברענגען צום פערניכטונג אָדער מיתה, דאָס איז נאָר פאַר די נישט גלויבערס אין דער תורה. און וועלכע זיי דענקען אַז די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען בחיוב, דאָס הייסט ס'האָט געמוזט בעשאַפען ווערען פון די נאַטירליכע קרעפטען. אָבער נאָך דעם בעגריף פון די אנשי אמונה. איז דאָך די וועלט בע־שאַפען געוואָרען דורך גאָט'ס השגחה און זיין רצון. אויב אַזוי, וועט זיין דער קיום און דער עקזיסטענץ פון דער וועלט און די מענשען, אויך נאָך דעם רצון פון השי"ת, ווען ער וויל גיט ער כח צו דער וועלט און דעם מענשען. און ווען ער וויל נעמט ער צו די קרעפטען

און ס'מוז עקספלאָזשירען. און דאָס מיינט דער פסוק „ביום אכלך ממנו מות תמות", דאַמאָלס וועט ער זיין דער בן מות, און וועט נישט האָבען דעם קיום אויף אייביג. אָבער ווען נישט דאָס זינדיגען קאָן ער זיין א „חי לעולם".

אויך וועגען דער וועלט איז דאָ צוויי מיינונגען. דער רמב"ם איז מיט דער מיינונג אַז די וועלט וועט נישט פערניכטעט ווערען. אָבער אַנדערע מיינונגען זיינען אַז די וועלט וועט יאָ פערניכטעט ווערען.

און אַזוי איז דאָס לשון פון דעם גרויסען פוסק דער רמ"א אין זיין ספר תורת העולה. פיעלע פילוזאָפען גלויבען אַז די וועלט וועט ניט פערניכטעט ווערען. און אַזוי איז אויך דאָס מיינונג פונ'ם רמב"ם בספר מורה נבוכים. און ברענגט אַ פסוק פון תהלים אַז דאָס מיינט אויך אַזוי. „יסד ארץ על מכוניה בל תמוט". אויך „אף תכון תבל בל תמוט", ד"ה גאָט האָט בעשאַפען די וועלט, און זי וועט נישט פערניכטעט ווערען. (ס'שטעהט אָבער אַ פסוק וואָס זאָגט פאַר־קעהרט. „לפנים הארץ יסדת ומעשה ידיך שמים, המה יאבדו ואתה תעמוד", ד"ה, האָסט בעשאַפען די ערד און הימעל, זיי וועלען פער־לוירען ווערען און פערביטען ווערען אַזוי ווי אַ קלייד, א.ז.וו. אָבער השי"ת וועט זיין אויף אייביג). אויך דאָס מיינונג אַז אַלעס וואָס ס'איז דאָ, מוז אַמאָל פערניכטעט ווערען, און דער רמב"ם פער־ענטפערט דאָס מיינונג, אַז דאָס איז נאָר פאַר די וואָס דענקען אַז די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען בדרך הטבע, פאַר די מענשען איז גילטיג דאָס מיינונג אַז אַלעס מוז מיט דער צייט בטל ווערען. אָבער אַזוי ווי די וועלט איז דאָך בעשאַפען געוואָרען דורך גאָט'ס רצון, נישט בדרך הטבע, איז שוין דער נאַטור נישט קיין דעה זאָגער. נאָר אַזוי ווי ער האָט בעשאַפען די וועלט בחפץ וברצון, אַזוי האָט ער דעם רצון זי צו שעדיגען ווען ער וויל. אָדער צו לאָזען זי אויף אייביג ווען ער וויל. און ד. ג. אָבער דער רמ"א פיהרט אויס, אַז אויב מיר מעגען אָננעמען וועלכעס מיינונג וואָס מיר ווילען, נעמען מיר־

אָן דאָס מיינונג אַז די וועלט וועט יאָ געשעדיגט און פערניכטעט ווערען. און דאָס איז אויך דאָס מיינונג פון די בעלי קבלה און די אנשי התורה. און ס'איז אויך אַ בפירוש'ע גמרא: „שיתא אלפי שנין הוה עלמא, וחד חרוב״, 6 טויזענט יאָהר איז געגעבען געוואָרען דער וועלט און דעם 7טען טויזענטער יאָהר וועט זי חרוב ווערען, און רוב חכמים האָבען אָנגענומען דאָס מיינונג א.ד.ג. (אין מיין ספר האָב איך געפרעגט ווארום דער רמב״ם מאַכט אַ חילוק צווישען דער וועלט און צווישען דעם מענש בענין הוה והפסד).

אויך דער של״ה איז מיט דער מיינונג אַז ס'איז דאָ אַ קץ וסוף צו דער וועלט, אויך ווערד געבראַכט אַ פסוק פון ישעיה „השמים חדשים והארץ חדשה״, און פירוש רש״י כפשוטו. ואין להאריך.

דער רמב״ם שרייבט וועגען עוה״ב, אַז נישט זי דאַרף ערשט געבוירען ווערען, נאָר ווייל ס'קומט נאָך דעם עוה״ז, דערפאַר הייסט דאָס עולם הבא. און ברענגט דעם פסוק „מה רב טובך אשר צפנת ליראיך״, ווי גרוים איז דיין גוטסקייט וואָס דו האָסט בעהאַלטען וועגען דיינע פאָרכטיגע. אויך מאַכען די מפרשים אַ חילוק צווישען עולם הבא וואָס ס'קומט תיכף אחר המיתה. און ס'איז נאָך פעראַנען אַ מין עוה״ב וואָס קומט נאָך די 6-7 טויזענט יאָהר.

אויך איז דעם רמב״ם'ס מיינונג אַז עוה״ב איז נאָר פאַר דער נשמה. אָבער דאָרט איז נישט פעראַנען קיין גוף, אָבער דער ראב״ד רעדט אויך פון תחיית המתים, וואָס ס'איז שפּעטער פון עולם הבא, פון דעם שכר וואָס איז תיכף לאחר מיתה. דאַן קומט תחיית המתים וואָס איז אויך וועגען גוף, און ביידע צוזאַמען וועלען נעמען דעם שכר, און נאָך אַנדערע חכמים מאַכען דעם חילוק פון „עולם הבא״ לנשמה, און „עולם הבא״ וואָס איז אחר תחיית המתים אי צום גוף אי צו דער נשמה.

אויך ווערד גערעדט פון דעם „גן עדן״, און ס'איז אויך דאָ צוויי מינים גן עדן. אַ גן עדן התחתון וגן עדן העליון. און דער גוף

וועט ווערען געלייטערט אזוי ווי אליהו הנביא און מלאכים, און זיי וועלען זוכה זיין צום מאור השכינה און סודות התורה.

אויך דער הכותב אין עין יעקב ברענגט דעם רמב"ם'ס סברא אז ס'איז דארט נישטו קיין גוף נאר נשמות הצדיקים, און די אנדערע וואס זאגען אז ס'איז דארט אויך פעראנען א גוף מיט א נפש.

אויך ווערד געבראכט א נאריש מיינונג אז תחיית המתים מיינט תחיית האומה, דאס אידישע פאלק אדער דער שכל וועט ווערען לעבעדיג. אבער דאס איז פאלש, נאר דאס מיינט פשוט תחיית המתים אז דער מענש וועט האבען לאחר מיתה א תחיה חדשה, און דאס איז נישט געשטעלט פאר געבילדעטע מענשען אדער דאקטוירים זיי זאלען דאס אורטיילען. ווייל אין די זאכען ווייסען זיי וויפיעל א קינד. דאס איז געגעבען געווארען צו די נביאים און די חכמי התורה. זיי ווייסען ווער מעהר ווער ווייניגער.

בשל"ה, מתים יחיה. אפילו זיי זיינען שוין פערפוילט און זיינען צוטיילט צו 4 יסודות, דאך וועלען זיי זיך צוזאמען קומען און וועלען ווערען א גוף מיט א נשמה. אפילו די קדושים וואס היטלער שחיק עצמות האט זיי פארברענט ל"ע וועלען זיי צוזאמען גענומען ווערען און זיי וועלען האבען די תחיה. און אויף דעם שטעהט „ורבים מישיני אדמת עפר יקיצו אלה לחיי עולם", און אפילו די וואס זיי זיינען נישט אריינגערעכענט צווישען די בני תורה ומצות, אבער דורך זייער קדוש השם האבען זיי דעם דין פון קדושים וטהורים און זייער מחיצה איז קדוש וטהור.

דער ברטנורה שרייבט אויף דער משנה פון „כל ישראל יש להם חלק לעוה"ב", אפילו די שלעכטע האבען אויך א חלק לעוה"ב און זאגט אז דאס מיינונג פון דעם ווארט עוה"ב דא, מיינט נאך תחיית המתים, וואס זיי וועלען לעבעדיג ווערען מיט די גופים ונפשם. און לעבען אייביג אזוי ווי די זון און לבנה און שטערען. ווי די גמרא

זאָגט: „מתים שעתידים לחיות אינם חוזרים לעפרם" זיי וועלען מעהר נישט שטאַרבען. (ס'איז צו באַמערקען אַז ער בעטאַנט דעם עוה"ב פון דאַנען מיינט לאחר תחיית המתים, אָבער ס'איז פעראַנען נאָך אַ מין עוה"ב וואָס ס'איז תיכף לאחר מיתה, דאָס איז נאָר פאַר נשמות, אויך איז דער פערגלייך דאָס אייביגע לעבען צו די זון און לבנה און שטערן, נאָר געררעדט נאָך דעם רמב"ם'ס שיטה אַז די וועלט וועט נישט פערניכטעט ווערען. אָבער לויט אַנדערע חכמים'ס מיינונג אַז די וועלט וועט יאָ בטל ווערען. איז דאָס פערגלייכען צו די צבא השמים און זייער אייביג לעבען נישט קיין פערגלייך. און אין מיין ספר ווערד געבראַכט פערשידענע מיינונג. ועל כולם די גמרא. וואָס זיי האָבען געזאָגט צו ר' אלעזר בן דורדאי. „עד שאנו נבקש רחמים עליך נבקש על עצמנו", כמ"ש „כי שמים כעשן נמלחו". וכן „ונמקו כל צבא השמים", דאָס הייסט, אַז די הימלישע קערפּער־שאַפטן האָבען אויך מורא געהאַט אַז זיי וועלען נישט לעבען אייביג. ווי דער פסוק זאָגט אַז דער הימעל וועט צוגאַנגען ווערען ווי אַ רויך. און די צבא השמים וועלען אויך צוגאַנגען ווערען. און נאָך ראיות. אַלזאָ, אויב די מענשען פון תחיית המתים וועלען לעבען אייביג, איז דאָך דאָס גלייך מיט די מלאכים. ווייל די צבא השמים זיינען אויך נישט זיכער מיט'ן אייביגען לעבען. (און איך האָף אַז זיי וועלען אויף מיר נישט ברוגז זיין וואָס איך האָב אויף זיי אַזוי געשריבען. דען ווען ס'זאָל זיין געוועגדעט אין מיר וואָלט איך באַשטאַנען זיי זאָלען לעבען אייביג. ווי ס'איז דעם רמב"ם'ס סברא). און ס'איז אויך דאָ אַ גמרא אין ברכות און אין רש"י אויף דעם פסוק „אשר נשבעת להם בך", האָסט נישט געשוואוירען ביי שמים וארץ וואָס זיי זיינען נישט אויף אייביג, נאָר ביי דיין גרויסען נאָמען וואָס איז יאָ אויף אייביג. אויך שטעהט „למען ירבו ימיכם כימי השמים על הארץ", איז אַ פראַגע צו מיינט דאָס אויף אַ צייט אָדער אויף תמיד, וצ"ע).

אויך ווערד גערעדט וועגען עוה"ב אַז ס'איז נישט פאַר יעדען גלייך נאָר לויט זייער פערדינסטען. און די וועלכע וועלען גאָר נישט

האבען קיין חלק. די וואס גלויבען נישט אין תחיית המתים און אין דער תורה א.ד.ג. אויך רעדט דער רמב"ן פיעל וועגען דעם עולם הבא פון די נשמות, וואס הייסט „גן עדן", און וועגען עוה"ב וואס קומט לאחר התחיה אויך צום גוף. און זיי וועלען לעבען מיט מזון רוחני אזוי ווי משה רבינו אין די 40 טעג, און ווי אליהו הנביא. און ד.ג. און זיי וועלען זיין ווי מלאכים. אויך ווערד גערעדט אין אנדערע ספרים וועגען דעם. און ער זאגט, אז דער שכר הנשמות איז אין גן עדן, און דאן קומט ימות המשיח, וואס דאס ווערד גערעכענט אין כלל פון עוה"ז. און בסוף וועט זיין דער „יום הדין" און „תחיית המתים", און דאן עוה"ב.

אויך אין של"ה ווערד גערעכענט די סברות הרמב"ם און רמב"ן. און ער ברענגט וואס דער רמב"ם שרייבט באגרת תחה"מ וועגען עוה"ב נאר פאר נשמות. און וואס דער ראב"ד און דער רמב"ן שרייבען אז ס'וועט אויך זיין א גוף, אויך די סברות פון חכמי קבלה, און דער עבודת הקודש שרייבען וועגען דעם, אז ס'איז דא צוויי מינים עוה"ב. א) אחר המות. און דאן ימות המשיח. און דאן תחיית המתים און עולם הבא לגוף ונפש. און דער גוף וועט ווערען שטארק געלייטערט אז ער וועט נישט דארפען קיין עסען, נאר מזון רוחני מזיו השכינה. ובספר הישר שרייבט ער אז מ'קאן נישט געבען צו פערשטעהן דעם גאנצען ענין פון עוה"ב, אבער א יעדער וועט געניסען זיין חלק עוה"ב. אויך שרייבט ער וועגען די צוויי מינים עוה"ב. און חאטש ס'וועט זיין א גוף וועלען זיי האבען א קיום אהן אכילה ושתיה, אזוי ווי חנוך, און אליהו, און משה רבינו, מיט מזון רוחני, און דאס גאנצע ענין פון תחה"מ איז נישט קיין דרך הטבע זאך נאר בדרך הנס ולמעלה מהטבע. און דער בחיי, אויך דער מהרש"א זאגען אז די סעודת עוה"ב וועט זיין כפשוטו.

בגמרא, פיעל ראיות אויף תחה"מ מן התורה. איינס פון זיי איז, ס'שטעהט א פסוק אני אמית ואחיה, מחצתי ואני ארפא", איך מאך טויט און מאך צוריק לעבעדיג, וואלט איך דאך געמיינט אז צו איינעם

מיתה און צו אַן אַנדערען לעבען, שטעהט נאָך דעם „מחצתי", איך פערוואונדע און איך הייל. פונקט אַזוי ווי די ביידע זאַכען זיינען דאָך צום זעלבען מענש אַזוי איז דער „אני אמית ואחיה" צום זעלבען מענש. נאָך פערשידענע ראיות.

אויך בזוהר, ובגמרא. „אז ישיר", ער וועט זינגען, אַז די צדיקים וועלען אויפשטעהן תחיית המתים און זינגען די שירה. אויך בזוהר, אַז ס'בלייבט איבער פון דעם גוף אַ קליין חלק און פון דעם וועט צוריק ווערען דער מענש, אויך איז פעראַנען אייןביינדיל וואָס הייסט בתואל ארמאי אָדער לוז און פון דעם וועט דער מענש געבויט ווערען. אויך בגמרא. איינער זאָגט אַז די וועלט דאַרף שטעהן 6 טויזענט יאָהר און דעם 7טען טויזענט יאָהר דאַרף די וועלט חרוב ווערען, און איינער זאָגט אַז צוויי טויזענט יאָהר חרוב. און נאָך מאמרים וועגען דעם. זיי פערגלייכען דאָס צו שמיטה און דער 7טער טויזענט איז אַזוי ווי שמיטה. און ווי שבת, אַזוי איז עוה"ב. און אויף דעם זאָגט מען מזמור שיר ליום השבת, שיר לעתיד לבא, אויך וועגען לויתן, און די סעודה לעתיד לבוא, און דער יין המשומר א.ד.ג.

בדניאל. „ואתה לך לקץ ותנוח ותעמוד לגורלך לקץ הימין". השי"ת האָט געזאָגט צו דניאל אַז ער וועט אויפשטעהן תחיית המתים און זיין גורל וועט זיין מיט די צדיקים בגן עדן. און אויף דעם פסוק „ורבים מישיני אדמת עפר יקיצו", זאָגט דער אבן עזרא זיין מיינונג אויך די סברא פון רבינו סעדיה גאון, אַז דער ענין פון תחה"מ איז פשוט, אַז די צדיקים וועלען לעבעדיג ווערען בזמן משיח. און וועלען אויך שטאַרבען ל"ע. און דאַן לעבעדיג ווערען בזמן תחיית המתים בעוה"ב, און נהנה זיין מזיו השכינה, אָבער נישט ווי אייניגע דענקען אַז דאָס איז אַ מין משל אויף כלל ישראל וואָס זיינען בגלות, און זוכה זיין לגאולה, ווייל דאָס איז אַן עקסטער זאַך, (דען ווען ס'זאָל זיין ווי זיי דענקען איז דאָך די צוויי „אני מאמין'ס", היינו פון דער גאולה און פון תחיית המתים איינס און דאָס זעלבע. און לויט דעם

אמונה עיקר יג. שלימה

איז דאך ניטאָ נאָר 12 אני מאמין׳ס) און די בני תורה וועלען זוכה זיין צו דעם עולם הבא.

אויך ווערד גערעדט וועגען זמן פון קיבוץ גליות ביז תחה״מ, און וועגען מלחמות גוג ומגוג וצרות רבות קודם הגאולה. און ווי אַזוי די נשמה וועט זיך צוריקקערען צום גוף. די זעלבע נשמה און דער זעלבער גוף. און דער מענש וועט זוכה זיין צו גרויסע השגות און ידיעת אלקות.

און דער רמב״ם ענדיגט, אַז דער וואָס גלויבט אין די אַלע יסודות ועקרים איז ער בכלל ישראל, און מ׳דאַרף איהם ליעב האָבען און רחמנות האָבען, און נוהג זיין אַלע מצות וואָס געהער בין אדם לחבירו. און ער וועט האָבען אַ חלק לעוה״ב. אָבער ח״ו דער וואָס גלויבט נישט אין איינעם פון די 13 עקרים, איז ער אַ יוצא מן הכלל, און ער איז אַ כופר בעיקר און הייסט אַ מין ואפיקורם וקוצץ בנטיעות, און אויף זיי שטעהט, חלא משנאיך אשנא, (אָבער כל ישראל כשרים הם ומצוה לקיים ואהבת לרעך כמוך).

באליהו רבה. שטעהט ווי השי״ת וועט נעמען צום משפט די גאַנצע וועלט. הימעל און ערד, און די זון און לבנה וכוכבים, וצבא השמים, וואָרום זיי האָבען געזעהן דעם חורבן פון די אידען און האָבען נישט געווערט. אויך אַפילו די מלאכים, און וועגען חורבן העולם, און דאַן מאַכען „שמים חדשים וארץ חדשה, ותחיית המתים״ און נאָך אַזעלכע זאַכען, און וועגען גיהנם און „גן עדן״ און די סעודה און וועגען בענשען, וואָס ס׳וועט זיין די פראַגע „מי מברך״, ס׳וועט זיך אָנהויבען פון אברהם ביז ס׳וועט בלייבען אַז דוד זאָל בענשען, און נאָך וועגען שכר לעתיד לבוא און דעם שכר וואָס ס׳וועט גע-געבען ווערען צו די בני תורה ומצות און די וואָס האָבען זיי מחזיק געווזען.

והמחיה חיים יחיינו מיומים לאורך ימים ושנים.

אמונה עיקר יג. שלימה

בסוף אני מאמין: „לישועתך קויתי ה׳, קויתי ה׳ לישועתך, ה׳ לישועתך קויתי״. צו וואָס עפּעס 3 מאָל?

נאָר ס׳איז פאַראַנען 3 גוטע זאַכען. איינס, די ישועה, אַז דער מענש האָט שוין די הילף איז זעהר גוט. אָבער אַז די הילף איז ניטאָ, איז דאָ נאָך אַ גוטע זאַך. דאָס האָפענונג אויף דער הילף, ווי צב״ש אויף פּרנסה אויף אַ רפואה אויף אַלעמען. ווי איז אָבער אַז ער האָט נישט אויף וואָס צו האָפען, ער האָט נישט קיין געלד, קיין ביזנעס, קיין עסען א.ד.ג. נא זאָל ער זיך אינגאַנצען מייאש זיין? ניין! ערשט דאַמאָלס, איז דאָ נאָך אַ גוטע זאַך, דאָס איז השי״ת אַליין, מ׳זאָל זיך איבערגעבען צו איהם און ער וועט שוין שטעלען צופרידען, ווי ס׳שטעהט „השלך על ה׳ יהבך״.

און דאָס מיינט דער פּסוק „לישועתך״ דאָס ערשטע איז די באַלדיגע הילף, און אויב נישט, ניטאָ קיין הילף באַלד, איז „קויתי ה׳״ איך האָף אויף דער הילף, מ׳רופט אַ דאָקטאָר, מ׳פאָהרט אויף דעם יריד זוכען פּרנסה א.ד.ג. און אויב דאָס איז אויך ניטאָ, און ס׳איז ניטאָ וואָס צו האָפען, דאַמאָלס איז נאָך דאָ איין עצה, „ה׳ לישועתך קויתי״, אַז השי״ת איז דאָ איז שוין אַלעס דאָ. אמן, כן יהי רצון.

מאמר מוסרי

שלמה המלך זאָגט: על שדה איש עצל עברתי, ועל כרם אדם חסר לב, והנה עלה כלו קמשונים, כסו פניו חרלים, וגדר אבניו נהרסה, ואחזה אנכי אשית לבי, ראיתי לקחתי מוסר. (משלי כ"ד).

דאָס הייסט, איך בין דורכגעגאַנגען אויף אַ פעלד פון אַ פוילען פּאַרמער, און אויף אַ וויינגאָרטען פון אַ נאַכלעסיגען מענש, האָב איך באַמערקט ווי דאָס פעלד און דער וויינגאָרטען זיינען בעוואַקסען מיט ווילד גרוים, מיט דערנער און שטעכערס. האָב איך מיך גוט צוגעקוקט, און גענעמען צום הארץ דאָס פאַרדאָרבענקייט, און האָב מיר אָרוים גענעמען אַ מוסר.

ס'ווערד געבראַכט אין חסיד'ישע מוסר ספרים, אַז דער מענש איז מיעד פון פיעל לערנען ווי ס'שטעהט התורה מתשת כחו של אדם. און ער וויל זיך אַביסעל אָפּרוהען, זאָל ער דאַמאָלס טראַכטען „במצות מחשביות" די מצות וואָס זיי זיינען „חובת הלבבות", ווי דער רמב"ם רעכענט אוים, צב"ש „ידיעת אלהות", „אחדות אלהות", „אהבת ה'" „יראת ה', „שויתי ה' לנגדי תמיד", אד"ג. וועט ער אין דער צייט אי אָפּרוהען דעם גוף, און וועט אויך מקיים זיין די דאָזיגע „מצות מחשביות" וואָס ס'איז זעהר וויכטיג און ס'איז גרינג מקיים צו זיין. אויך ווען ער זיצט מיט חברים אָדער ער געהט מיט זיי אַ שפּאַציר, קאָנען זיי דאַמאָלס שמועסען בדברי תורה און חסיד'ישע מעשות, א.ד.ג. וואָס בשעת הדחק איז דאָס גלייך ווי לערנען, ווארען זיי ווען זיי וועלען דאָך נישט געהן בדרך חטאים, אָדער זיצען במושב לצים נאָר בתורת ה' יהגו יומם ולילה.

אָבער דאָס איז גערעדט אין ווארשע, קראקא, ווילנא, פּרעש-בורג, סיגעט, לעמבערג, א.ד.ג. וואָס ס'איז מקויים דער פּסוק „ברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך", זיצט ער אין דער ישיבה, אין ביהמ"ד, און ביהכנ"ס, אין חסידיש שטיבעל, פערברענגט ער דאָרט מיט תורה ותפילה, מיט „אשרי יושבי ביתך", מיט „ובתורתו יהגה

יומם ולילה, געהט ער אַרוים פון דאָרט, בעגעגענט ער אויך די זעלבע מענשען און די זעלבע אַטמאָספעריע פון שומרי תורה ומצות, און איז מקיים „אשרי תמימי דרך ההולכים בתורת ה׳״, און „ודברת בם בשבתך בביתך ובלכתך בדרך״, אפילו אויף דער גאַס און אויף דעם וועג איז ער אויך אין אַ מסיבה פון בני תורה ומצות.

אָבער וואָס זאָל טהון דער אַמעריקאַנער ישיבה בחור, אָדער אַ פשוט׳ער שוהל איד, אָדער אַ חסידישער איד, אַז בשעת ער איז אין דער ישיבה און אין שוהל און אין ביהמ״ד איז טאַקע אַלעס גוט און פיין, ס׳איז כולו טוב, אָבער ווען ער געהט אַרוים אויף דער גאַס, איז שוין אַ אַנדערע וועלט, ער זעהט מענשען געהן צו דער אַרבייט צו די ביזנעס, און עס איז זעהר שווער צו טרעפען אַ איד אַ שומר מצוה, אַ איד וואָס געהט נישט אָהן ציצית, אָדער וואָס דאַוונט, געלעגט תפילין, אָדער פשוט אַ ברכה, אַ מוציא, א.ד.ג. און נעביך בעונותינו הרבים איז דאָס זעלבע אויך אום שבת, צו דער אַרבייט, פון דער אַרבייט, ווער מיר דאַוונען, כשר, טהרת משפחה, תלמוד תורה, א.ד.ג. דאָס איז זעהר ווייניג צו בעגעגענען, די שוהלען זיינען לעדיג, פוסטע. נאַ, מאַכט דאָך דאָס אַ זעהר שלעכטען איינדרוק אויף דעם עהרליכען איד, אויף דעם ישיבה בחור און אויף אַלע שומרי תורה ומצות. ובפרט, ווען ער פאָהרט אין דער קאַנטריע, און די מקומות וואָס איז נישט אַזוי שטאַרק צניעות׳דיג און נישט אַזוי שטאַרק פרום. נאַ וואָס איז דאַמאָלס צו טהון פאַר אַ עהרליכען איד אָדער ישיבה בחור?

דארויף קומט שלמה המלך דער גרעסטער חכם פון דער וועלט וואָס השי״ת האָט איהם געגעבען חכמה ודעת וואָס קיין מענש פאַר-מאָגט נישט, האָט זיך איהם פערגלוסט אַביסעל דורך שפּאַצירען אין דער קאַנטריע אויף די פעלדער און גערטנער, און האָט געראַדע בעגעגענט אַ פעלד אַ ווייַנגאָרטען, וואָס איז פערנאַכלעסיגט, און דער פלויט איז צובראָכען. וואָזשע איז אַזאַ געפילדער? מה קול רעש? קומט אָבער שלמה המלך און זאָגט, ס׳איז קיין קונץ נישט צו לערנען תורה ומוסר אין ביהמ״ד, אין דער ישיבה, אין חסידישען שטיבעל.

נייז, ס'איז נאָך ווייניג, נאָר איך האָב נאָך געלערנט מוסר פון דעם פערדאָרבענעם פעלד פונ'ם נאַכלעסיגען איד, וואָס האָט דאָס גאַנצע אידישקייט אוועקגעוואָרפען, ערשט פון איהם לערען איך פיעל מוסר, ווי מ'דאַרף זיך פיהרען מ'זאָל ח"ו נישט פערדאָרבען ווערען, ווי מ'דאַרף זיין אַ איד מיט אידישקייט, און נישט פערנאַכלעסיגען די תורה ומצות.

אזא פסוק זאָגט ער אויך „וראיתי אני שיש יתרון לחכמה מן הסכלות כיתרון האור מן החשך", ד"ה, איך האָב אַרויסגעזעהן די מעלה פון חכמה אַקעגען נאַרישקייט, פונקט אַזוי ווי די מעלה פון ליכטיגקייט אַקעגען פינסטערניש. דער זוהר פרעגט וואָס האָט ער אַזוינס אויפגעטהון מיט דעם פערגלייך, וואָס אַ יעדער ווייסט דאָס אַז חכמה איז בעסער פון נאַרישקייט, און ליכטיגקייט איז בעסער פון פינסטערניש? נאָר ער טייטשט דאָס אַזוי: איך האָב געזעהן די מעלה פון חכמה נאָר דורך דעם חסרון פון נאַרישקייט. ד"ה, ווען נישט דער נער מיט זיין נאַרישקייט וואָלט איך גאָר נישט געוואוסט ווי חשוב צו האַלטען און ווי גרוים צו שאַצען די חכמה, נאָר דורך דעם נאַר מיט זיין נאַרישקייט, זעה איך אַרוים דאָס גרויסקייט פון דער חכמה, פונקט ווי די מעלה פונ'ם ליכטיגקייט זעהט מען ערשט אַרויס ווען ס'ווערד פינסטער. דאַמאָלס דערקענט מען די מעלה פונ'ם ליכטיגקייט.

דאָס זעלבע מיינט דער תנא ר' יוחנן בן זכאי, אין פרק אבות, וואָס ער האָט געזאָגט צו זיינע תלמידים: „צאו וראו", געהט אַרוים און זעהט, וועלכעס איז דער גלייכער וועג פאַר דעם מענש, דאָס מיינט, ס'איז נאָך ווייניג וואָס איהר האָט געלערנט אין דער ישיבה, אין בית המדרש, נאָר געהט אַרויס און זוכט אין דרויסען, און זיי האָבען געזוכט און געפונען דעם גלייכען וועג.

איז אָבער נאָך ניט גענוג פאַר איהם דאָס אויסקלייבען דעם גלייכען וועג, אַזוי לאַנג וואָס זיי האָבען נאָך ניט געזעהן דעם קרומען וועג, נאָר ער האָט זיי ווייטער געזאָגט זיי זאָלען אויך אַרויסגעהן און זוכען

דעם שלעכטען וועג פון וועלכען א מענש דארף זיך דערווייטערען און אנטלויפען פון איהם. ד"ה, אז ס'איז נאך ווינציג וואס איהר האט געלערענט אין דער ישיבה דעם גלייכען וועג, נאר איהר דארפט אויך ארויסגעהן אין סטריט, און זעהט די פיעל עוברי עבירות, א יעדען טאג, ובפרט אום שבת, זעהן ווי מענשען לויפען, נישט אין שוהל אריין, נישט אין ביהמ"ד אריין, נישט אין דער ישיבה אריין, נישט הערען דעם רב זאגען א דרשה. נאר זיי געהען צו דער מלאכה, צו די סטארעס קויפען אדער פארקויפען, א.ד.ג. זאלט איהר זיך גוט צוקוקען אום איהר זאלט וויסען ווי מ'דארף אנטלויפען פון אזעלכע שלעכטע מעשים, און זיך ארויסנעמען א מוסר, דאס הייסט, נישט נאר לערנען דעם חיוב, נאר אויך די „שלילה", ד"ה, פאזעטיוו און נעגאטיוו.

און דאס דערצעהלט אונז דער חכם מכל אדם, ס'איז נאך וועניג וואס איך האב געלערענט פון דער ישיבה פון דעם ביהמ"ד, פון דעם חסידיש שטיבעל, נאר פון די פארדארבענע מענשען האב איך אויך פיעל געלערענט און ארויסגענעמען א מוסר, ווי ס'שטעהט „מכל מלמדי השכלתי", און „בכל דרכיך דעהו", אויף אלע דיינע וועגען זאלסטו וויסען פון גאט און פון זיינע מצות. אז איך האב געלערענט אין דער ישיבה די גמרא ברכות, הלכות תפלה, ה' ברכות, ה' ברכת המזון, און די גמרא שבת, די גמרא חולין, גאנץ ה' שבת, גאנץ ה' טריפות ומאכלות אסורות, גאנץ ה' טהרת משפחה, ה' צניעות, ה' תלמוד תורה, וועלכעס ס'איז גרינג צו פערגעסען, אבער ווען איך קום ארויס אויף דער גאס, בעגעגען איך די אלע הלכות וועלכע איך האב געלערענט אין דער ישיבה עטליכע יאהר, און איך חזר זיי איבער אין איין שעה.

נאר לאמיר האפען אז בקרוב וועט מקויים ווערען „ומלאה הארץ דעה את ה'", „ועתידין אילני סרק שיטענו פירות", און דער כרם ישראל וועט נישט זיין בעוואקסען מיט דערנער און שטעכערס, נאר מיט גוטע פירות, און אלע אידען וועלען געהן בדרך התורה והמצות, אמן כי"ר.

א וואונדערליכע מעשה

פונ'ם בעוואוסטען צדיק, זקני הרה"ק הרבי

ר' מאירל זצ"ל מפרימישלאן

דיזע וואונדערליכע מעשה איז ארויסגענומען פון א ספר וואס הייסט „דברים ערבים", און איבערזעצט אויף אידיש, ווייל די בלעטלאך זיינען כמעט צוריסען און ס'איז פשוט א שאדע דאס צו פערלירען. און די מעשה זעהט אוים ריכטיג, ווייל „ניכרין דברי אמת", און ס'שטעהען צוויי פסוקים אין תהלים, איין פסוק איז „מזקנים אתבונן", ד"ה, פון די זקנים פערשטעה איך די תורה און מצות, און דאן שטעהט „מפקודיך אתבונן" פון דיינע בעפעהלען פערשטעה איך די תורה און מצות. דאס מיינט אז צו לערנען תורה איז דאס בעסטע. אבער אמאל איז צו לערנען פון די זקנים, פון זייערע התנהגות, און סיפורים, און מדות טובות, אויך וויכטיג ווי לערנען תורה. ווייל דאס ברענגט צו „פקודיך נצרתי" איך זאל אפהיטען די תורה און מצות. און דאס האט מיך געבראכט צו איבער־שרייבען די מעשה וועלכע זי וועט געבען דעם לעזער א עונג רוחני און א בעגריף פון דעם גרויסען צדיק הרבי ר' מאיר זצ"ל. און איך ברענג כמעט די גאנצע מעשה ווארט ביי ווארט אזוי ווי זי איז געשריבען. און דער מחבר הויבט אן די מעשה מיט דעם לשון:

קורא נעים! דאס וואס איך ברענג דא האב איך געהערט פון דעם מענש וואס מיט איהם אליין האט דאס פאסירט. און איך וועל דערצעהלען בקיצור. און אזוי דערצעהלט ער. איך האב געוואוינט אין קרעטשענעף לעבען סיגעט (מארמאראש) און האב געהערט אז דער רבי ר' מאירל פרימישלאנער זאגט יעדען מענש וואס ס'וועט מיט איהם פאסירען. און וואס ער טראכט אין הארץ. אבער איך האב נישט געגלויבט דאס אלעס. אבער מלבי לפימי לא גליתי. ווארין האב איך ביי מיר געטראכט אז אפילו מלאכים ווייסען אויך

א וואונדערליכע מעשה

נישט קיין מחשבות ובפרט א מענש. און איך בין געווען נייגעריג צו וויסען אויב דאס איז טאקע אמת. האב איך געהאט א געלעגענהייט דאס צו איבערצייגען זיך דורך דעם.

אזוי ווי איך האב געוואוינט מיט מיין ווייב 24 יאהר, און האב קיינע קינדער, בין איך געקומען צו מיין פאטער קיין סטראפקאף, און איהם געזאגט אז איך בין געזאנגען צו פאהרען קיין פרימישלאן. און ער האט מסכים געווען. און מיר געהייסען פאהרען צו ר' ישראל צבי סופר פונ'ם דארף סלאטווינא. ער איז א גרויסער ירא שמים, און ס'איז א מצוה צו זעהן זיין פנים ווייל ער איז א צדיק. און אזוי ווי ער וויל פאהרען קיין ארץ ישראל, נאר זיין ווייב לאזט נישט וויל ער אויך פאהרען צום רבי'ן ר' מאיר'ל, וועסטו קאנען פאהרען מיט איהם צוזאמען. בין איך געקומען צום סופר און האב הנאה געהאט צו זעהן זיין פנים וואס לייכט ווי א מלאך און איהם אלעם דערצעהלט און ווי מיין פאטער האט מיך געשיקט צו אייך, האט דער סופר מיר געזאגט אז איך זאל געהן צום חסיד הגביר ר' קלמן כהנא פון סיגעט ווייל ער האט נישט קיין קינדער, אויך צו זיין ברודער ר' חיים, און זיי זאגען אז זיי זאלען מיט אונז צוזאמען פאהרען קיין פרימישלאן, און איך בין זיי מבטיח אז זיי וועלען דארטען אלעם פועל'ן...

הכלל איך בין געגאנגען קיין סיגעט און געדונגען א וואגען, און צוריק געקומען צום סופר. ער האט גענומען זיין פעקעל מיט טלית און תפילין און געקומען קיין סיגעט און פון דארט זיינען מיר 4 געפאהרען צוזאמען.

און אזוי ווי מיר זיינען אפגעפאהרען א טאג רייזע האט זיך דער סופר אויפגעשטעלט, און אונז געזאגט: ברידער! מיר פאהרען צו א הייליגען רבי'ן וואס ווייסט אלעם וואס ביי יעדען אין הארץ טהוט זיך, ע"כ דארפען מיר מהרהר בתשובה זיין, ווארען אז נישט וועלען מיר נאך ליידען א בושה פאר אלע מענשען. און דער סופר

א וואונדערליכע מעשה

האט באלד תשובה געטהון. (חאטש, איך וויים נישט וואס האט ער דען געזינדיגט אז ער זאל דארפען תשובה טהון).

און אויף איהם קוקענדיג האבען אויך די צוויי ברידער ר' קלמן און ר' חיים כלומר'שט געמאכט אז זיי טהוען אויך תשובה לפנים. אבער איך (אזוי דערצעהלט דער מענש) האב מיך גאר נישט דערשראקען און גאר נישט געמאכט פון די רייד פונ'ם סופר. האב מיר געטראכט וואס האב איך דען געזינדיגט? צו 15 יאהר האב איך חתונה געהאט, און האב געקאנט זאגען „גירא בעינא דשיטנא", איך האב נישט מורא פאר דעם יצר הרע, ווייל איך בין א איד מיט אלעמען וואס א איד דארף מקיים זיין, דאווענען, לערנען, און אנדערע מצות. און וואס האב איך אזוינס געזינדיגט אז איך זאל דארפען תשובה טהון? אבער דער סופר האט אונז אלע מאל געזאגט דעם זעלבען מוסר אז מיר זאלען תשובה טהון ווייל מיר קומען באלד צום הייליגען רבי'ן, און זיין מוסר זאגען האט שוין אויף מיר אויך געמאכט א גרויסען איינדרוק און איך האב שוין אויך מהרהר בתשובה געווען.

אבער אזוי ווי מיר האבען זיך דערנענטערט קיין פרימישלאן האט זיך דער סופר נאך אמאל אויפגעשטעלט מיט א חיל ורעדה, און געזאגט, יעצט קומען מיר אין דער שטאט וואו דער הייליגער רבי וואוינט, און ס'איז נישט גוט, מיר האבען געזינדיגט און פער-לאזט השי"ת און די תורה ומצות. נחפשה דרכינו ונחקורה, און באלד תשובה טהון, כדי מיר זאלען נישט פערשעהמט ווערען אויףביידע וועלטען, און זיינע רייד האבען אריינגעדרונגען אין מיין הארץ און ס'איז צוגאנגען געווארען פאר פחד. איך האב אליין נישט געוואוסט פארוואס, דאך האב איך מהרהר בתשובה געווען, ווייל זיינע רייד זיינען געווען דברים היוצאים מן הלב ונכנסים ללב.

און אזוי ווי מיר זיינען שוין אריין געקומען קיין פרימישלאן האט דער סופר אונז געצייגט דעם רבי'נ'ס הויז. האט זיך אויף מיר

א וואונדערליכע מעשה

דורכגעלאָפען אַ גרויל און די האָר האָבען זיך מיר אויפגעשטעלט, האָב געזעהן דאָס הויז, די ווענט זיינען געוועזען שווארץ, ס'איז נישט צו דערקענען אַז דאָס איז ווענט פון אַ הויז, דען ס'איז בלי ספק נישט געקאַלעכט אַלע יאָהרען. האָט זיך נאָכאַמאָל אויפגעשטעלט דער סופר און געזאָגט: ברידער! איהר האָט נאָך ניט געהאַט די זכיה צו זיין ביים הייליגען רבי'ן, אָבער איך יאָ. וויל איך אייך בעפאָר לערנען ווי אַזוי איהר זאָלט זיך נוהג זיין. דער רבי איז אַ מקפיד מ'זאָל נישט געהן אין וואָלענע קליידער, משום חשש שעטנז. ע"כ דאַרפען מיר מהרהר בתשובה זיין, און דאַן געהן אין מקוה אַריין. און אָנטהון זיידינע מלבושים, און איך וועל אייך שרייבען צו יעדען אַ קוויטעל, און אַ יעדער זאָל האַלטען דאָס קוויטעל אין דער האַנט, מיט אַ פדיון אַ האַלבען צוואַנציגער (אַ מין קוואָרדער). ווארין אַז מ'גיט איהם מעהר פון דעם שרייט ער און זאָגט: מאיר דאַרף נישט אַזאַ סך געלד, און אין קוויטעל וועל איך אָנשרייבען אייערע נעמען, און די נעמען פון אייערע ווייבער, און נישט מעהר. ווייל דער רבי וועט אַליין וויסען אייערע בקשות, ווארין אַז נישט, איז מען קיין רבי נישט.

און אַזוי ווי מיר זיינען אַריין געקומען צום רבין'ס הויז איז געוועזען אַ פחד אָן צוקוקען דאָס הויז. פול מיט פענצטער אָן ערך פון 60, און דער סופר האָט זיך געמעלדען צום גבאי, וואָס האָט געהייסען „אריה". און האָט איהם געזאָגט: אריה! זאָגט צום רבי'ן אַז ס'זיינען געקומען 4 אונגאַרישע אידען, זיי קאָנען אַריין געהן? אין דער זעלבער רגע האָב איך געהערט אַ קול קדוש מדבר, און ער זאָגט פון אינעווייניג: „פאַקט אייך אונגאַרישע פאפערם (בלאָפערם) מאיר'ן וועט איהר פאפען? (אָפנאַרען). אין דער היים טהוט איהר כל משאלותיכם (וואָס איהר ווילט) און דאָ טהוט איהר תשובה מיט אַ מקוה, און בגדי משי?".

זיינען מיר דערציטערט געוואָרען, און מיר האָבען זיך אונטער ווילעכטס צוריק געקערט און איך בין געוועזען דער לעצטער אַריין

א וואונדערליכע מעשה

צו קומען אין הויז. און דער ערשטער צו אנטלויפען. באלד האט זיך דער סופר אפגעשטעלט און צו אונז געזאגט: ברידער, שטעהט אויף דעם פלאץ, אנטלויפט נישט, איך האף אז דער רבי וועט אונז יא ערלויבען אריין צו געהן, און תיכף ומיד האב איך ווייטער געהערט דאס קול פונ׳ם רבי׳ן, און זאגט צו זיין גבאי. אריה! זאג צו די אונגארישע אידען זיי זאלען אריין קומען, זיינען מיר צוגעקומען צו דעם חדר פונ׳ם רבי׳ן. און איך בין תמיד געוועזען דער לעצטער, א מאסף לכל המחנות, אום אז איך וועל דארפען אנטלויפען זאל איך זיין דער ערשטער, ווייל ס׳איז אויף מיר געפאלען א גרויסער פחד.

און אזוי ווי מיר זיינען אריין געקומען אל הקודש פנימה, האט הרה״ק געשריגען איהר זאלט זיין פארזיכטיגט נישט אנצורירען אין דער יאטקע (אזא קלאטץ) ווייל דאס איז הייליג, ובנפשו הוא, ווער ס׳ריהרט דאס אן. (וואס איז דאס אזוינס די יאטקע? דאס איז א קלאטץ וואס די בוטשערס האקען דארויף פלייש, און ער האט גע־האט א מנהג צו טיילען פלייש צו די ארימע אלע ערב שבת, און מ׳פלעגט צו איהם ברענגען בהמות און ער אליין האט אויסגעקליבען א בהמה און מ׳האט זי דארט גע׳שוחט׳ן און זי איז תמיד ארוים כשר און דאס גאנצע פלייש האט ער צוהאקט אויף דעם קלאץ און צו־טהיילט פאר אלע ארימע, און דאפיר איז דאס געוועזען אזוי פער־הייליגט), און ארום דער יאטקע איז געוועזען אזוי אויסגעטרעטען כמעט ווי גריבער. מיר זיינען אריין געגאנגען צום רבין׳ס צימער און דורכגעגאנגען דורך צוויי חדרים. ובחדרים אימה, ס׳איז געווען א פחד אנצוקוקען, די שטוב זאכען זיינען געוועזען פלאי פלאות, דער טיש איז געוועזען פון ברעטער אויף 4 קלעצער און אריין געשטעקט אין דער ערד. אויך אזוי די בענק, און אלע שטוב זאכען. מיר קומען שוין אריין אינעווייניג איז דארט געוועזען א מין מחיצה אזוי ווי א שפאניש ווענטיל און א קליין פענסטערל. און דורך דעם פענסטערל האט דער רבי ארויסגעשטעקט די פינף פינגער בלויז דארע אבער זיין פנים האבען מיר נישט געזעהן, און אזוי האט ער געגעבען שלום צו יעדען. ער האט דאס געטהון אויף דער עלטער, און געזאגט אז

א וואונדערליכע מעשה

ער וויל נישט קוקען די מענשען אין פנים כדי ער זאָל נישט דאַרפען זעהן שלעכטס אויף זיי און דאַרפען אויסרעכענען יעדען זיינע מעשים וואָס ער האָט געטהון אַלע יאָהרען. אָבער ער וויל זיי נישט מבייש זיין. דאַן זאָגט צו אונז דער סופר, אַז ער וועט זיין דער ערשטער צוצוגעהן צום רבי'ן, און וואָס ער וועט טהון זאָלען מיר אויך אַזוי טהון.

איז דער סופר צוגעגאַנגען צום פענסטערל, און זאָגט „גיט העלף" און מיר האָבען אויך אַזוי געטהון. און דער רבי זאָגט „שלום עליכם", מיר ענטפערען עליכם שלום...

דאַן זאָגט ער צום סופר „ר' ישראל צבי" קענט איהר קבלה? זאָגט דער סופר איך בין אַ סופר סת"ם, און בעפאָר איך שרייב די שמות הקדושים געה איך אין מקוה, איך בין מכוין די כוונות השם. ענטפערט דער רבי „מיר ווייסען דאָס". „נו פאַרוואָס פאָהרט איהר נישט קיין ארץ ישראל? דאָרט וועט איהר האָבען אריכות ימים ושנים". זאָגט דער סופר: טאָקע וועגען דעם בין איך געקומען. און האָט איהם דערלאַנגט דאָס קוויטעל און דעם פדיון. און איהם געזעגינט און איבערגעלייענט דאָס קוויטעל זיין נאָמען און די נעמען פון די ווייב און קינדער. און זאָגט צו איהם: דו זאָלסט פאָהרען קיין ארץ ישראל. און דיין ווייב וועט אויך בעשטעהן. און געה פאָהר, זאָלסט דאָ נישט בלייבען נעכטיגען און פאָהר לחיים ולשלום.

און דאַן איז צוגעקומען ר' קלמן, און דער רבי האָט איהם געזאָגט שלום עליכם, און געגעבען זיין קוויטעל, דער רבי האָט איבערגעלייענט זיין נאָמען „קלמן בן טשארנע, און זיין ווייב רבקה בת רחל לאה" דאַרפען קינדער. זאָגט איהם דער רבי: זאָלסט לערנען הל' דרך ארץ, און זיך פיהרען בצניעות מיט זוגתך, אַזוי ווי ס'שטעהט אין שולחן ערוך וועסטו האָבען קינדער. און ער האָט געזאָגט צום גבאי, אריה! נעם אַ פען און שרייב, איין זוהן וועט הייסען „משה שמחה, איינער וועט הייסען „שלום", איינער וועט הייסען „פנחס", איינער וועט הייסען „זנוויל", (און אין דער צייט וואָס זי האָט

א וואונדערליכע מעשה

געטראָגען דעם פיערטען זוהן, האָט נאָך דער פאָטער פון ר׳ קלמן געלעבט וועלכער האָט געהייסען ר׳ זנוויל, און ווען זי האָט געדאַרפט געלעגען ווערען איז דער פאָטער ר׳ זנוויל געשטאָרבען ל״ע, און מ׳האָט איהם אַ נאָמן געגעבען זנוויל, פונקט ווי דער רבי האָט געזאָגט בעפאָר), און פאָהר שוין אַהיים.

דאַן איז צוגעקומען ר׳ חיים, אַ ברודער פון ר׳ קלמן, און אויך געגעבען שלום און דאָס קוויטעל. און דער רבי האָט געלייענט די נעמען „חיים בן טשארנע, חי׳ בת...״ (האָב פארגעסען דער מוטער׳ס נאָמען) „האָבען קיין קינדער״. „חיים, חיה, חיה, חיים״, דאָס איז קיין זכר קיין נקבה. ווי אַזוי קאָן זי האָבען קינדער? וועל איך אייך דערצעהלען. (און דער רבי דערצעהלט), דיין שוויגער האָט געהאַט אַ טאַטען ר׳ חיים. ער האָט אפילו געמיינט אַז ער איז אַ תלמיד חכם, ער איז אָבער נישט געוועזען ניט אַמאָל אַ חכם. נישט נאָר אַ תלמיד חכם, צווישען אַ חכם און אַ ת״ח איז אַ גרויסער חילוק. און ער איז ל״ע געשטאָרבען יונגערהייט, און זיין ווייב זי איז דאָך דיין שוויגער, איז דאַמאָלס געבליבען מעוברת, האָט מען דאָך גערעכענט אַז ס׳וועט זיכער זיין אַ בן זכר, און מ׳וועט אַ נאָמען געבען נאָך דעם פאָטער „חיים״, דערווייל איז אָבער געבוירען געוואָרען (אַ בת) אַ מיידעל, האָט מען איהר אַ נאָמען געגעבען „חיה״ אויף דעם נאָמען חיים. און דאָס איז דיין ווייב. הכלל איז זי נישט קיין זכר נישט קיין נקבה, ווי אַזוי קאָן זי קינדער האָבען? נישט מעהר, מיר זיינען דאָ פינף פערשוין. אריה איז דער זעקסטער פערשוין. דער מילכיגער איז דער זיבעטער, אריה! רוף אריין נאָך דריי פערשוין, וועלען מיר זיין אַ מנין מענשען. וכל בי עשרה שכינתא שריא, וועלען מיר איהר נאָך מוסיף זיין אַ נאָמען וועט זי האָבען קינדער. און דער רבי האָט איהר מוסיף געוועזען אַ נאָמען „שרה״, און פאָהר אַהיים, איהר וועט שוין האָבען קינדער.

נו אַצינדערט קום איך מענדאלי (אַזוי דערצעהלט דער מענש פון דער מעשה), ס׳איז מיר געוואָרען ביטער אין מויל, דען ביז יעצט

א וואונדערליכע מעשה

האָב איך צייט געהאַט תשובה צו טהון אויף אַלעם וואָס איך האָב געטהון פון זייט איך בין געבוירען געוואָרען, און איך האָב טאַקי באמת תשובה געטהון. רופט מיר צו דער רבי און גיט מיר „שלום עליכם״, „עליכם שלום״. איך האָב איהם געגעבען דאָס קוויטעל, און זיין הייליג פנים האָב איך נישט זוכה געוועזען צו זעהן, נאָר זיינע דאַרע בלויע פינגער אַזוי ווי טרוקענע ביינער האָב איך געזעהן. ער לייענט דאָס קוויטעל מיין נאָמען און מיין ווייב׳ס נאָמען. און זאָגט: „דיין ווייב וועט קיין מאָל נישט האָבען קיין קינדער״, זאָלסטו זי גט׳ן און נעמען אַן אַנדערע וועסטו האָבען קינדער, און פאָהר אַהיים לחיים ולשלום.

נו איז מיר ערשט ביטער געוואָרען אין מויל, און האָב חרטה געהאַט אויף מיין געהן אַהין. און דער סופר האָט מיך געוואָרענט אַז איך זאָל מקיים זיין אַלעס וואָס דער רבי האָט מיר געזאָגט. ווען נישט וועל איך חרטה האָבען. און בין געפאָהרען צו מיין פאָטער איהם אַלעס דערצעהלט, אויך מיין שווער. און זיי האָבען מסכים געוועזען צו גט׳ן זיך. די פרוי האָט נאָך אַמאָל חתונה געהאַט און האָט נישט געהאַט קיין קינד כל ימי חיה. און איך האָב חתונה געהאַט און האָב ב״ה קינדער אַזוי ווי דער איש אלקים האָט מיר געזאָגט.

דאָס איז די מעשה וואָס דער בעל המספר האָט מיר אַליין דערצעהלט וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט. און נישט צו צווייפלען אין דעם, וגדולים מעשי ה׳ והצדיקים זי״ע ועכ״י.

לסיים בטוב, וועל איך שרייבען נאָך אַ קליין מעשה׳לע אויך פון דעם זעלבען ספר.

ס׳איז אַמאָל געקומען צום רבי׳ן ר״מ מפרימישלאן אַ איד פון מאָלדאָווע אַ רינדאַר, און זיך מתנצל געוועזען אַז מ׳וויל איהם מסיג גבול זיין און אויסדינגען די אראַנדע. און דאַמאָלס איז געקומען

א וואונדערליכע מעשה

אַ משולח פונ׳ם רבי ר׳ אורי מסטרעליסק מיט אַ בקשה אַז דעם רבין׳ם טאָכטער איז שטאַרק קראַנק, ער זאָל מתפלל זיין. זאָגט דער רבי ר״מ צום משולח: מאיר האָט געהאַט ערב שבת אַ גוט גע־דישעכטש (אַ ראָסעל בל״א). דאַן איז מאיר געגאַנגען שפּאַצירען, נו וואו געהט מעהר שפּאַצירען? מסתמא אין הימעל. האָט מאיר געהערט אַז דעם סטרעליסקער׳ס טאָכטער איז נישט געזונט און דאַרף אַ רפואה, האָט מאיר איהר איבערגעלאָזט שיריים פון קידוש און פון דער המוציא און פון אַלע מאכלי שבת קודש, זי זאָל דאָס עסען וועט זי האָבען אַ רפואה. נו אריה! (דער גבאי) ברענג אַריין די שיריים. און דאַן זאָגט ער צום משולח. אפשר וועט איהר זאָגען אַז מאיר זאָגט ח״ו ליגען. מאיר איז נישט געוועזען אין הימעל. וועל איך מיך אוים עדות׳ן (איבערצייגען) מיט דעם מאלדעווער איד.

און דרעהט זיך אוים צו דעם רינדאר און זאָגט צו איהם: איז וואהר (אמת) אַז די פאַריגע וואָך איז צו אייך געקומען אַ אורח פרייטאג פאַר נאַכט און האָט געוואָלט ביי אייך שבת האַלטען, האָט איהר איהם אַרויסגעוואָרפען מיט די סאקוועס (דאָס פעקעל). איז ער מסתמא געקומען צו מאיר׳ן. האָט איהם מאיר געמאַכט אַ ליכטיגען שבת. ווייסט איהר מאלדעווער איד ווער דאָס איז געוועזען? אליהו איז געקומען דיך צו פּרואווען, ווייל ס׳איז אויף דיר געוועזען אַ גרויסער קטרוג, ווייל די פאַריגע וואָך איז צו דיר געקומען אַן אָרימען און האָט געוואָלט אַריין געהן צו דיר אין שטוב, און אין דרויסען איז געוועזען אַ שטאַרקע קעלט, און דו האָסט איהם אַרוים געוואָרפען אויף דער גאַס און איהם אפילו נישט געוואָלט געבען אַ טרונק בראַנפען, און דורך דעם איז ער קראַנק געוואָרען און איז געשטאָרבען ל״ע. האָט ער דיך צוגעקלאָגט צום בית־דין שלמעלה, און אליהו איז געקומען צו זיין אַ מליץ יושר פאַר דיר, און ער האָט גע׳טענה׳ט אַז מ׳דאַרף נישט גלויבען די אורחי־ופורחי וואָס זיי זאָגען. נאָר ער אַליין וועט קומען דיך צו פּרואווען. און יעצט אַז מיט איהם האָסטו אויך אַזוי געטהון ביזטו אַרוים חייב. איז אמת אַז אַזוי איז געוועזען? און דער רינדאר האָט באַלד חרטה בעקומען און האָט אָנגעהויבען

א וואונדערליכע מעשה

צו וויינען און צו בעטען פאר זיך רחמים. האט דער רבי געענדיגט. נו מאיר האט אבער דאס נישט צוגעלאזט און איצט, אז דו וועסט אויף דיר מקבל זיין מהיום ולהלאה צו זיין גוט און וואויל וועט זיך אלעס אויסדרעהען צו גוטען. און דער רינדאר האט טאקי באלד מקבל געווען די ווערטער און איז געווארען אן אנדערער מענש א מכנים אורח. און דאן האט זיך דער רבי געווענדעט צום משולח פון סטרעליסק און איהם געזאגט: נו גלויבט איהר שוין אז מאיר איז געווען אין הימעל. נו, טראגט אהיים די שיריים, און דעם סטרעליסקער'ס טאכטער וועט באלד האבען א רפואה שלימה, זי"ע.

ותשלם כל המלאכה בעזה"ש ר"ח אלול
שנת תש"ה לפ"ק